STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10436

www.libtool.com.cn

# FUNEM YARID

Sholem Aleichem

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום-עליכם

www.libtool.com.cn

# פונעם יאַריד

געקירצט און פאַרטייטשט פון
יודל מארק

ארויסגעגעבן פון דער
ניו-יארקער ארבעטער-רינג
מיטלשול
1940

# פונעם יאריד פון שלום-עליכם

www.libtool.com.cn

מיט דערקלערונגען פון ווערטער
אויף יעדער זייטל און מיט
אַ ווערטערביכל צום
סוף. געקירצט און
פאַרטייטשט
פון
יודל מאַרק

**FUNEM YARID**
by
**SHOLEM ALEICHEM**

Pubished in U. S. A. by the
NEW YORK WORKMEN'S CIRCLE MITTELSHUL

1 9 4 0

200

www.libtool.com.cn

# ערשטער טייל

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# 1

# פֿאַר וואָס עפּעס „פֿונעם יאַריד״?

אַ מין הקדמה. — פֿאַר וואָס דער מחבר האָט זיך גענומען שרײַבן זײַן אויטאָ־ביאָגראַפֿיע. — שלום־עליכם ד ע ר ש ר י י ב ע ר דערציילט די געשיכטע פֿון שלום־עליכם ד ע ם מ ע נ ט ש ן.

פֿונעם יאַריד״ קאָן הייסן פֿונעם לעבן וואָס איז געגליכן צו אַ יאַריד. יעדערער איז אַ בעלן דעם מענטשנס לעבן צו פֿאַרגלייכן צו עפּעס אַ זאַך. למשל איינער אַ סטאָליער האָט אַ מאָל געזאָגט: „דער מענטש איז געגליכן צו אַ סטאָליער, אַ סטאָליער לעבט און לעבט און דערנאָך שטאַרבט ער — אַזוי איז אַ מענטש אויך״... פֿון אַ שוסטער האָב איך געהערט אַ מיינונג, אַז דעם מענטשנס לעבן איז געגליכן צו אַ פּאָר שטיוול: כּל זמן די פֿאָדעשוועס טראָגן זיך, זײַנען די שטיוול — שטיוול, און אַז די פֿאָדעשוועס טראָגן זיך אָפּ איז — מיטן קאָפּ אין דער ערד. ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך אַז אַ בעל־עגלה זאָל פֿאַרגלייכן דעם מענטשן צו להבדיל אַ פֿערד. דעריבער וואָלט גאָר קיין חידוש ניט געווען, ווען אַזאַ מענטש ווי איך, וואָס האָב אָפּגעטאַראַראַמט אַ האַלבע מאה יאָרן און גייט באַשרײַבן די געשיכטעס פֿון זײַן לעבן — זאָל אים אײַנפֿאַלן צו פֿאַרגלייכן זײַן פֿאַרגאַנגענהייט צו אַ יאַריד.

---

יאַריד — יאָרמאַרק, fair.

הקדמה — אַרײַנפֿיר־וואָרט, preface.

אַ בעלן זײַן — וועלן, ליבן האָבן, זיך פֿאַרמעסטן.

סטאָליער — joiner, carpenter.

פֿאָדעשוועס — זוילן, soles.

בעל־עגלה — פֿורמאַן.

להבדיל — אַן אויסדרוק ביים מאַכן אַן אונטערשייד צווישן צוויי זאַכן וואָס מע דערמאָנט זיי צוזאַמען, למשל, צווישן אַ הייליקער און געוויינלעכער זאַך, צווישן אַ ריינער און שמוציקער זאַך אאַז״וו.

מאה — הונדערט.

www.libtool.com.cn

דער אמת איז אָבער ניט אַזוי: פונעם יאַריד — מיינט מען דאָס דעם צוריקוועגס, אָדער דעם סך־הכל, דעם רעזולטאַט פונעם גרויסן יאַריד. אַ מענטש אַז ער פאָרט אויפן יאַריד, איז ער פול מיט האָפענונגען, ווייסט נאָך אַלץ ניט וואָס פאַר אַ מציאות ער וועט דאָרט איינהאַנדלען. פליט ער דעריבער פייל אויסן בויגן, הענדום־פּענדום — טשעפּעט אים ניט, ער האָט קיין צייט ניט! פאָרט ער אָבער צוריק, פונעם יאַריד, ווייסט ער שוין וואָס ער האָט דאָרטן געהאַנדלט און — „ער האָט צייט". ער קאָן זיך שוין אָפּגעבן דין־וחשבון, און ער האָט שוין די מעגלעכקייט אויך די וועלט באַקאַנט צו מאַכן מיט די דאָזיקע רעזולטאַטן, דערציילן פּאַוואָלינקע, ניט געכאַפּט, אַלצדינג: מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן אויפן יאַריד און וואָס ער האָט געזען און וואָס ער האָט געהערט.

אַ סך מאָל האָבן מיך מיינע גוטע פריינד אויפגעפאָדערט, פאַר וואָס זאָל איך מיר ניט נעמען די מי צו באַקענען דעם עולם מיט דער געשיכטע פון מיין לעבן? האָב איך געפאָלגט מיינע גוטע פריינד און האָב זיך עטלעכע מאָל גענומען צו דער אַרבעט, און אַלע מאָל אָוועקגעלייגט די פּען, ביז . . . ביז עס איז געקומען די צייט, איך האָב זוכה געווען נאָך פאַר פופציק יאָר צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט זיין מאַיעסטעט, מיטן מלאך־המות, גאָרנישט אויף קאַטאָוועס. איך האָב זיך שיר־שיר ניט איבערגעפּעקלט אַהין, פון וואַנעט מע קאָן קיין בריוול ניט שרייבן, קיין זאַך ניט אַריבערשיקן און אַפילו קיין גרוס ניט איבערגעבן. קורץ, איך האָב געהאַלטן ביים אָפּזאָגן די עטלעכע גילדן. האָב איך מיר אַזוי געזאָגט: „אַצינד איז די רעכטע צייט, כאַפּ אַריין און שרייב, וואָרעם קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגן עס איז. דו וועסט מאַכן אַ שטאַרב, וועלן קומען מענטשן, וואָס מיינען אַז זיי קענען דיך און ווייסן דיך און וועלן אויסטראַכטן זאַכן וואָס ניט געשטויגן ניט געפלויגן. צו וואָס טויג עס

---

מציאות — bargains.
פייל אויסן בויגן — אַזוי גיך ווי אַ פייל ווערט אַרויסגעשאָסן פון בויגן.
הענדום־פּענדום — pell-mell.
דין־וחשבון — אָפּרעכענונג.
פּאַוואָלינקע — לאַנגזאַם, פּאַמעלעך.
זוכה זיין — האָבן די פּריווילעגיע.
פּנים אל פּנים — פּנים צו פּנים.
מלאך־המות — דער מלאך פון טויט.
קאַטאָוועס — שפּאַסן, וויצן.
אָפּזאָגן די עטלעכע גילדן — שטאַרבן.

www.libtool.com.cn

דיר? אַמער נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען, און דערצייל ווער דו ביסט, שרייב דיין אויטאָביאָגראַפיע!...

עס איז אָבער גרינג אויסצוריידן — „שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע", אַן אמתע לעבנס-געשיכטע, נישט קיין אויסגעטראַכטע! דאָס הייסט אַזוי גוט ווי אָפּגעבן דין-וחשבון פון מיין גאַנצן לעבן. איר ווייסט? שרייבן אַן אויטאָביאָגראַפיע און מאַכן אַ צוואה איז כמעט אַלץ איינס. איז איין מאָל אַוועק. און נאָך אַ זאַך: עס איז שווערלעך פאַר אַ מענטשן וואָס רעדט פון זיך אַליין, ער זאָל קאָנען זיך אויפהייבן צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זאָל ניט וועלן אויספּיינען זיך פאַרן פּובליקום, באַווייזן זיך פאַר אַ וואוילן בחור, וואָס עס קומט אים אַ קניפּ אין בעקל. איך האָב צוליב דעם אויסגעקליבן אַ באַזונדערע פאָרעם אויטאָביאָגראַפיע: די פאָרעם פון אַ ראָמאַן, פון אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן. עס וועט אויסקומען, אַז איך וועל ריידן פון זיך ווי פון אַ דריטער פּערזאָן, דאָס הייסט: איך, ש ל ו ם-ע ל י כ ם דער שרייבער, וועל אייך דערציילן די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון ש ל ו ם-ע ל י כ ם דעם מענטשן, אָן צערעמאָניעס, אָן באַפּוצעכצן און צאַצקערייען, ווי עס וואָלט אייך דערציילט למשל אַ זייטיקער פאַרשוין, אַ ווילד-פרעמדער, נאָר אַזעלכער, וואָס איז געווען מיט אים אומעטום. און דערציילן וועל איך עס אייך ביסלעכווייז, שטיקלעכווייז, איינגעטיילט אין באַזונדערע מעשיות, מעשיות פון דעם גרויסן יאַריד וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין די פופציק יאָר פון מיין לעבן.

---

צוואה — will.
מדרגה — שטאַפּל, גראַד.

www.libtool.com.cn

# 2

## די שטאָט

דאָס קליינע שטעטעלע וואָראָנקאָ. — אַ מין כתרילעווקע. — אַ לעגענדע פון מאַזעפּעס צייטן. — אַן אַלטע קלויז, אַן אַלטער בית־עולם, צוויי יאַרידים.

אויפגעצויגן געוואָרן און געוואַקסן איז דער העלד פון דעם דאָזיקן ביאָגראַפישן ראָמאַן אין סאַמע כ ת ר י ל ע װ ו ק ע וואָס איז שוין אַ ביסל באַקאַנט אויף דער וועלט. געפינען געפינט זיך עס אין אוקראַינע, ניט ווייט פון דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט פּערעיאַסלאַוו, און הייסן הייסט עס ניט כתרילעווקע, נאָר װ ו אָ ר אָ נ ק אָ.

קיין אַנדער שטאָט אויף דער וועלט האָט זיך אים אַזוי ניט איינגעגעסן אין זכרון, ווי אָט דאָס געבענטשטע כתרילעווקע־וואָראָנקע. און קיין אַנדער שטאָט אויף דער וועלט האָט נישט געהאַט אַזוי פיל חן אין זיינע אויגן, אַזוי אַז ער קאָן עס ניט פאַרגעסן און וועט עס ניט פאַרגעסן אייביק און אייביק.

און באמת גערעדט, וועלכע שטאָט אויף דער גרויסער וועלט, עס מעג זיין אָדעס, אָדער פּאַריז, אָדער לאָנדאָן, אָדער אַפילו ניו־יאָרק, קאָן זיך באַרימען מיט אַזאַ גרויסן, ברייטן מאַרק און מיט אַזוי פיל יידישע קליטן און קליטלעך, טישן, טישלעך און שטעלכלעך, מיט גאַנצע בערג פרישע שמעקעדיקע עפּלעך און באַרלעך, דיניעס און קאַוועָנעס, וואָס ציגן און חזירים האָבן חשק צו גענישן פון זיי צו יעדער צייט, און די מאַרקווייבער פירן מיט זיי שטענדיק מלחמות און וואָס חדר־יינגלעך האָבן אַוודאי און אַוודאי חשק צו גענישן פון די אַלע גוטע זאַכן — און קאָנען צו זיי ניט גרייכן?

---

מאַזעפּע — אַ פירער פון די אוקראַאינער אָנהייב 18טן יאָרהונדערט.
קלויז — אַ בית-מדרש, אַ קליינע שול.
שטעלכלעך — .stands
דיניעס — .melons
קאַווענעס — .watermelons

www.libtool.com.cn

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ אַלטן אײַנגעהויקערטן בית-מדרש מיט אַזאַ שײנעם געשניצטן אָרון-קודש מיט צוויי לייבן וואָס זעען אויס ווי פויגלען, ווען ניט די לאַנגע צינגער און די שופרות וואָס זיי האַלטן אין מויל און בלאָזן? אינעם דאָזיקן אַלטן בית-מדרש, דערציילן אַלטע יידן, האָבן זיך אונדזערע זיידעס אַמאָל פאַרשלאָסן פאַר מאַזעפּען, געזעסן דריי טעג מיט דריי נעכט אָנגעטאָן אין טלית ותפילין און געזאָגט תהלים — און דורך דעם ניצול געוואָרן פון טויט. די זעלבע אַלטע יידן דערציילן, אַז דער אַלטער רב נאָך האָט דאָס בית-מדרש געבענטשט, סע זאָל קיין מאָל ניט ברענען — ברענט עס ניט, עס מעג זײַן וואָס פאַר אַ שרפה עס וויל זיך!

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ באָד, וואָס שטייט באַרג-אַראָפּ, סאַמע ביים ברעג טײַך, און פאַרמאָגט אַזאַ ברונעם, וואָס זײַנע וואַסערן נעמען זיך קיין מאָל ניט אויס? און דער טײַך אַליין — וואו האָט איר נאָך אַזאַ טײַך אויף דער וועלט, וואו דורות און דורות חדר-יינגלעך, שקצים, באָדן זיך, לערנען זיך שווימען, כאַפּן פישלעך און מאַכן קונצן וואָס איז כדאַי צו זען? וועגן דער דאָזיקער אַלטער באָד האָבן אויך אַלטע יידן צו דערציילן און דערציילן. מע האָט דאָרט געפונען אַמאָל אַ געהאַנגענעם גוי, וואָס האָט זיך אָנגעשיכורט און אַליין זיך אויפגעהאַנגען. איז דערפון אַרויס אַ בילבול, אַז דאָס האָבן אים יידן אויפגעהאַנגען. האָט די שטאָט געהאַט אויף זיך נאָך דעם אַ פּעקל. מען האָט געוואָלט שמייסן די שענסטע באַלעבאַטים, אָדער מען האָט זיי טאַקע געשמיסן — איך וויל ניט אַזוי ווייט גריבלען זיך, ווייל איך האָב פײַנט טרויעריקע מעשיות, מעגן זיי אַפילו זײַן פון פאַרצײַטן. . .

וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ הויכן באַרג אויף יענער זייט בית-מדרש, וואָס זײַן שפּיץ דערגרייכט ביז דער כמאַרע, און וואָס אויף יענער זייט (אַלע ווייסן עס) ליגט באַהאַלטן אַן אוצר פון כמעלניצקים צײַטן? דעם אוצר האָט מען — אַזוי דערציילן אַלטע יידן — ווי פיל מאָל גענומען זיך גראָבן, און מע האָט אַלע מאָל געמוזט

ארון-קודש — „דער הייליקער ארון" — די שאַפע אין אַ שול אָדער בית-מדרש, וואו מען האַלט די ספר-תורות.

תהלים — psalms.

ניצול ווערן — געראַטעוועט ווערן.

נעמען זיך ניט אויס — ענדיקן זיך ניט, האָבן ניט קיין סוף.

כמעלניצקים צייטן — אַמאָליקע צייטן, פאַר צייטן, גאָר אַמאָל; כמעלניצקי אַ פירער פון די קאָזאַקן, די אוקראַינער פויערים, וואָס האָבן אין 1648-49 דורכגעפירט שרעקלעכע שחיטות איבער יידן.

www.libtool.com.cn

אוועקלייגן די ארבעט, וואָרעם גראָבנדיק האָט מען געפונען ביינער, הענט און פיס און קעפּ פון מענטשן אין תכריכים — משמעות אז דאָס זיינען געווען יידן, און אפשר נאָך קדושים. . . ווער ווייסט?

וועלכע שטאָט פּאַרמאָגט אַזעלכע פיינע באַלעבאַטים, וואָס זיינען דאַכט זיך ניט מער ווי קליינע קרעמערלעך און שענקערס, וואָס לעבן דאַכט זיך נאָר פונעם גוי און איינס פון דאָס אַנדערע, און פונדעסטוועגן פירן זיי זיך אַלע באַלעבאַטיש, יעדערער האָט זיך זיין היים, זיין משפחה און זיין אָרט אין בית־מדרש. און טאָמער איז ער אַליין ניט אַזאַ גרויסער יחסן און אַ גביר, האָט ער אַ קרוב אַ יחסן אָדער אַ נגיד, וואָס ער לאָזט אים פון מויל ניט אַרויס און דערציילט פון אים אַזעלכע גוזמות, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אַזש?

און אַזאַ אַלטן בית־עולם, אַזאַ גרויסן און אַזאַ רייכן און אַזאַ אַ ל ט ן בית־עולם, וואו דער גרעסטער טייל קברים איז שוין פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז, אַזוי אַז מען ווייסט שוין גאָרניט, צי דאָרטן זיינען דאָ ביינער פון מענטשן אָדער ניין? פון דעם דאָזיקן בית־עולם איז שוין דווקא יאָ פאַראַן וואָס צו דערציילן, און דווקא נישט אַזעלכע פריילעכע מעשיות, און טאָקע גאָר שרעקלעכע זאַכן, — פאַרשטייט זיך פון אַמאָל, פון פאַרצייטן. נאָר אָקעגן נאַכט איז ניט כדאַי צו ריידן פון בית־עולמס. . .

אַ קליין שטעטעלע אָט דאָס וואָראָנקאָ, נאָר אַ שיינס, מלא חן. איר קאָנט דורכשפּאַצירן דאָס גאַנצע שטעטל, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין איין האַלבער שעה, אויב איר זענט בכוח און האָט פיס. אָן אַ באַן, אָן אַ ים, אָן אַ רעש, מיט צוויי יאַרידים סך־הכל דורכן יאָר — פון יידנס וועגן געמאַכט געוואָרן, יידן זאָלן לייזן געלט און האָבן פרנסה. אַ קליין, קליין שטעטעלע, דערפאַר איז דאָס אָבער פול מיט אַזעלכע שיינע מעשיות און לעגענדעס! איך ווייס אַז מעשיות און לעגענדעס האָט איר ליב. דאָס איז ביי אייך אייגנטלעך דער גאַנצער עיקר. . . קאָנען מיר אָבער ניט, מיר מוזן אייך פריער באַקאָנט מאַכן, ווי דער שטייגער איז, מיט די עלטערן פונעם העלד. זייט צופרידן וואָס איך הייב אָן גלייך פון זיינע טאַטע־מאַמע און ניט פון זיין זיידן און עלטער־זיידן, ווי אַנדערע ביאָגראַפן טוען.

---

תכריכים — קליידער פון ווייסצייג אין וועלכע מען איז מקבר די טויטע.
משמעות — מסתמא, אַפנים, ווי עס זעט אויס.
קדושים — הייליקע, מענטשן וואָס זיינען אומגעקומען פאַרן גלויבן.
גוזמות — exaggerations.
מלא חן — פול מיט חן.
רעש — טומל, געררויש.

www.libtool.com.cn

# 3

# טאַטע־מאַמע

אַ וואָראָנקעווער נגיד מיט אַ סך פּרנסות. — אַ כאַליאַסטרע קינדער. — פרומע די דינסטמויד געוועלטיקט איבער זיי. — דער העלד איז אַ נאָכמאַכער, אַ קונדס.

א הויכער, מיט אַ שטענדיק פאַרזאָרגט פּנים; מיט אַ ברייטן, ווייסן, געקנייטשטן שטערן; מיט אַ שיטער שמייכלענדיק בערדל; אַ באַלעבאָס אַ ייד און אַ בעל־תּפילה, אַ למדן און אַ בעל־תּנך, אַ פרומער און אַ בעל־לשון־קודש, אַ חסיד און אַן אויפגעקלערטער, אַ פילאָזאָף, אַ בורר און אַ בעל־עצה, און אַ שפּילער אין שאָך, און אַ מבין אויף פּערל און בריליאַנטן — אָט דאָס איז דאָס ריכטיקע בילד פון דעם העלדס פאָטער, ר׳ נחום וועוויקס, וואָס האָט גערעכנט זיך אין שטאָט פאַרן גרעסטן נגיד.

ווי פיל אַזאַ נגיד פון וואָראָנקאָ האָט געקאָנט פאַרמאָגן — איז שווער צו זאָגן. געהאַנדלט האָט ער מיט בוריקעס, מיט תּבואה, מיט וואַלד, מיט אָקסן און געהאַט נאָך אַ סך געשעפטן. אָבער

---

כאַליאַסטרע — אַ קאָמפּאַניע, אַ גרופּע, אַ חברה, אַ טומלדיקע חברה.
געוועלטיקן — הערשן.
קונדס — שטיפער, ווייסער־חבריהניק, ווילדער יונג, יונגאַטש.
בעל־תּפילה — דער חזן אָדער יעדער אַנדערער וואָס דאַוונט פאַרן עולם.
בעל־תּנך — אַ קענער פון תּנך.
בעל־לשון־קודש — אַ קענער פון לשון קודש. לשון קודש — די הייליקע שפּראַך, העברעאיש.
חסיד — אַ פרומער ייד, אַן אָנהענגער פון יענער באַוועגונג אין דעם יידישן גלויבן וואָס האָט מער געהאַלטן פון געפילן ווי פון קענען לערנען.
בורר — דער וואָס ווערט אויסגעקליבן אויף צו מאַכן אַ פּשרה, אויסצוגלייכן אַ שטרייט.
בעל־עצה — דער וואָס גיט אַן עצה; דער צו וועמען מע קומט נאָך עצות.
בוריקעס — beets.
תּבואה — grain.

www.libtool.com.cn

פרנסה האָט מען געצויגן פון דער „שניטקראָם". דאָרט האָט זיך געפונען אויך קנעפּלעך און בענדלעך, און צוקער און זאַלץ, און היי און האָבער, און היימישע רפואות פאַר גויים און גויעס, און אייזנוואַרג אויך. אין „שניטקראָם" האָט זיך דער טאַטע ניט אַריינגעמישט. דאָס האָט געפירט אין גאַנצן די מאַמע, אַ גיכע טוערין און מיט סכנות אַ שטרענגע צו אירע קינדער. און קינדער זיינען געווען היפּשלעך, אַריבער אַ טוץ, און פון אַלערליי וואוקס און פון אַלערליי פאַרב: קינדער מיט שוואַרצע הערלעך, מיט בלאָנדע און מיט געלע.

אַ גרויס בריהשאַפט איז עס געווען פון דער מאַמע אויסצוהאָדעווען אַזאַ כאַליאַסטרע און אויסצושטיין אַלעמעס קראַנקייטן. וואָרעם אַזוי פלעגט אַ קינד קריגן פּעטש מיט קלעפּ, ווי פיל ס'איז אין אים אַריין. נאָר טאָמער חלילה איז עמעצער קראַנק געוואָרן, אַזוי איז שוין די מאַמע ניט אָפּגעטראָטן פון בעטל. איז עס אָבער געזונט געוואָרן און געשטעלט זיך אויף די פיסלעך, — „אין חדר אַריין, דו שייגעץ איינער, אין חדר אַריין!" . . .

אין חדר האָבן געלערנט אַלע פון פיר יאָר ביז . . . כמעט ביז דער חתונה. און פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ גרויסער שקאָץ דער מיטלסטער, דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע, מיטן נאָמען שלום, אָדער — שלום נחום וועוויקס.

מע באַדאַרף זאָגן דעם אמת, אַז גאָר קיין שלעכט יינגל איז ער ניט געווען, אָט דער שלום נחום וועוויקס, און לערנען האָט ער געלערנט בעסער פון אַלע קינדער, נאָר פּעטש מיט קלעפּ, מיט שמיץ, ניט פאַר אייך געדאַכט, האָט ער אויך געקראָגן מער פון אַלע. מסתמא איז ער ווערט געווען.

— אָט וועט איר זען, יידן, אַז פון דעם קינד וועט קיין גוטס ניט אַרויס! דאָס וואַקסט עפּעס אַ גאַרנישט מיט אַ נישט, דער שוואַרציאַר ווייסט וואָס, אַ משומד און אַ כל־בוניק און וואָס אין דער קאָרט!

אַזוי האָט אים אַטעסטירט פרומע די דינסטמויד, אַ בלינדע אויף איין אויג און אַ געשטופּלטע, נאָר זייער אַ קאַרגע און אַ געטרייע

---

שניטקראָם — אַ קראָם וואו מע פאַרקויפט שטאָפן.
מיט סכנות אַ (שטרענגע) — זייער אַ (שטרענגע).
משומד — אַ געשמדטער.
כל־בוניק — „אַלץ איז אין אים", עמעצער מיט אַ סך חסרונות, אַ יונגאַטש.
וואָס אין דער קאָרט — וואָס מע קען נאָר זאָגן וועגן עמעצן, אַל דאָס שלעכטס.
געשטופּלט — מיט צייכנס פון פּאָקן, pock-marked.

www.libtool.com.cn

דינסט. זי האָט געהרגעט־געשלאָגן די קינדער, זיי געזשאַלעוועט עסן, אַכטונג געגעבן זיי זאָלן זיין גוט און פרום און ערלעך און כשר צו גאָט און צו לייט. און מחמת די מאַמע איז געווען שטענדיק אין קראַם, האָט פרומע די מויד געפירט די שטוב און „דערצויגן" די קינדער, ווי אַ מאַמע. זי האָט זיי געוועקט, געוואַשן, געצוואָגן, געזאָגט מיט זיי ברכה, געפאַטשט, געגעבן אָנבייסן, אָפּגעפירט אין חדר, געבראַכט פון חדר, געפאַטשט, געגעבן עסן, געלייענט מיט זיי קריאת־שמע, ווידער געפאַטשט און געלייגט שלאָפן, אַלע אין איינעם, טאַקע מיט איר אין איין בעט. די קינדער אין בעט — און זי ביי זיי צופוסנס.

אַ שטיק גלות איז געווען פאַר די קינדער אָט די פרומע די מויד, און אַ יום־טוב איז געווען פאַר זיי פרומעס חתונה. לאַנג לעבן זאָל אידעלע־גנב מיט די געגרייזלטע האָר, אָנגעשמירט מיט גענדזנשמאַלץ, און מיט דער צונויפגעוואַקסענער נאָז, וואָס מען קאָן זי קיין מאָל ניט אויסשנייצן, מע זאָל זיין דאַכט זיך מיט אַכצן קעפּ. לאַנג לעבן זאָל ער, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען (אָט אַ משוגענער!) חתונה האָבן פאַר דער בלינדער פרומען. און חתונה האָט ער פאַר איר געהאַט ניט גלאַט אַזוי, נאָר מחמת ליבע: ער האָט זיך אין איר פאַרליבט, הייסט עס, מיט סכנת נפשות. ניט צוליב דעם וואָס זי האָט נאָר איין אויג און איז געשטופּלט — חס־וחלילה! נאָר צוליב דעם וואָס ער טוט אַ שידוך מיט ר' נחום וועוויקס. אַ קלייניקייט — אַזאַ שידוך! חיה־אסתר אַליין (די מאַמע) האָט געפּראַוועט די חתונה, געווען די גאַנצע מחותנתטע, געבאַקן לעקעך, אַראָפּגעבראַכט קלעזמער, געטאַנצט, געהוליעט ביז טאָג און געוואָרן הייזעריק ווי די וואַנט.

אוי־ווי וואָס חברה האָבן זיך דעמאָלט אָנגעלאַכט און אָנגעטאַנצט! די שמחה איז געווען ניט אַזוי צוליב דעם וואָס אַ פייפער אַ גנב נעמט אַ בלינדע מויד, נאָר איבער דעם וואָס מע ווערט פּטור פון „פרומע די מויד" אויף אייביק און אייביק! און אגב האָט מען זיך טאַקע אָנגעלאַכט אויך אויף דעם, וואָס „דער שייגעץ" האָט קאָפּירט דאָס גליקלעכע פּאָר — דעם חתן ווי ער פייפט מיט

---

צוואָגן — וואַשן און זייפן די האָר.
קריאת־שמע — אַ תפילה פאַרן שלאָפן גיין.
אַ שטיק גלות — אַ שטיק אָפּקומעניש, אַ שטיק צרה.
סכנת נפשות — אַ געפאַר, לעבנסגעפערלעך, שרעקלעך.
אגב — אויך, צו דער גלייכער צייט, דערצו נאָך, פאַרבייגייענדיק.

www.libtool.com.cn

דער נאָז, און די כלה ווי זי קוקט אויפן חתן מיט איין אייגל און באַלעקט זיך ווי אַ קאַץ, אַז זי האָט אַ נאַש געגעבן סמעטענע.

קאַפּירן, נאָכמאַכן, איבערקרימען — דערויף איז אונדזער שלום געווען איין מזיק! האָט ער דערזען עמעצן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי האָט ער שוין געפונען אין אים עפּעס אַ חסרון, אָדער אַזוי אַ „לעכעריקס" — און ער האָט אים שוין נאָכגעמאַכט. און חברה שקצים האָבן געלאַכט, און טאַטע-מאַמע האָבן צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין אַז „דער שייגעץ מאַכט נאָך די גאַנצע וועלט ווי אַ מאַלפּע — מע באַדאַרף אים אָפּגעוויינען דערפון!"

און דער רבי האָט זיך גענומען אים „אָפּגעוויינען" דערפון — עס האָט אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן... עפּעס אַ „ניט-גוטער" האָט זיך פאַרקליבן אין דעם קינד, אַ מין ליץ, וואָס די גאַנצע וועלט מאַכט ער נאָך און אַלעמען קרימט ער איבער, אָבער אַלעמען! אַפילו דעם רבין אַליין: ווי ער שמעקט טאַבעק און ווי ער גייט מיט די קליינע פיסעלעך; און די רביצן: ווי זי פּיסקלט זיך, רייטלט זיך און בלינצלט מיט אַן אייגל, בשעת זי דאַרף נעמען ביים רבין אויף שבת און קאָן ניט אויסריידן „שבת" נאָר „סאַבעס", — און פּעטש זיינען געפלויגן, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געציילט. איי שמיץ, סטייטש שמיץ!

בקיצור — ס'איז געווען אַ לעבן.

---

סמעטענע — sour cream.

מזיק — שעדיקער, צעשטערער, יונגאַטש, שטיפער, אַ ברען, אַן ענערגישער.

צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין — פאַרמסרט פאַרן רבין, דער רבי זאָל אָפּשמייסן.

ניט-גוטער — טייוול.

ליץ — אָפּלאַכער, וויצלינג, פריילעכער שד.

פּיסקלען זיך — מאַכן העוויות, פאַרקרימען דעם פּנים, קאָמיש דרייען מיט די ליפּן.

# 4

www.libtool.com.cn

# שמואליק דער יתום

מעשיות, פֿאַנטאַזיעס און חלומות. — קבלה און כישוף.

פאַראַן פֿינמער וואָס זיינען באַשאַפֿן געוואָרן פֿון גאָט אויף צו פֿאַרכישופֿן אייך מיטן ערשטן קוק. „האָב מיך ליב!" — אַזוי שרייט צו אייך דאָס דאָזיקע פּנימל, און איר באַקומט עס ליב, איר ווייסט ניט פֿאַר וואָס.

אָט אַזאַ מין חנעוודיק פּנימל האָט געהאַט שמואליק דער יתום, אַ ייִנגל אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, וואָס אויפֿגעהאַלטן האָט ער זיך ביים רב.

צו אים איז דאָס צוגעקלעפּט געוואָרן שלום נחום וועוויקס פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט, זיך געטיילט מיט אים מיט די אָנבייסנס און מיט די מיטאָגס האַלב אויף האַלב און געוואָרן חבר — אָבער וואָס הייסט חבר! נפש אחת — איין לייב און איין נשמה! פֿאַר וואָס? איבער זיינע מעשיות.

קיינער האָט ניט געהאַט אַזוי פֿיל מעשיות אויף צו דערציילן ווי פֿיל שמואליק. האָבן מעשיות אויף צו דערציילן איז אָבער נאָך ניט אין גאַנצן. דאָס דערציילן איז אויך אַ זאַך. דערציילן אַ מעשה דאַרף מען קאָנען. און שמואליק האָט געקאָנט דערציילן מעשיות אַזוי ווי קיינער ניט!

פֿון וואַנעט האָבן זיך צו דעם טשיקאַווען בחור מיט די רויטע בעקעלעך און מיט די פֿאַרחלומטע אויגן גענומען אַזוי פֿיל מעשיות, און אַזעלכע שיינע, רייכע מעשיות, מיט אַזעלכע זעלטענע פֿאַנטאַס-

---

קבלה — די לערע וועגן די סודות פֿון דער וועלט און פֿון דער תורה, די ייִדישע מיסטיק, mysticism.

כישוף — sorcery.

פֿאַרכישופֿן — to bewitch.

טשיקאַווע — מאָדנע, אינטערעסאַנט, נייגעריק.

www.libtool.com.cn

טישע בילדער? צי האָט ער זיי וואו געהערט אַמאָל דערציילן? אָדער דאָס איז געווען פון זיין קאָפּ אויסגעטראַכט לויטער פאַנ־טאַזיעס? איך ווייס נאָר איין זאַך: עס האָט זיך ביי אים געגאָסן ווי פון אַ קוואַל, נאָר פון אַזאַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך ניט אויס קיין מאָל. און געגאַנגען איז דאָס ביי אים גלאַט, ווי אויף בוימל, און גע־צויגן האָט זיך עס ווי אַ לאַנגער זיידן־פאָדעם. און זיס איז געווען די שטים, זיס די שפּראַך, זיס ווי צוקער. און די בעקלעך רויט, די אויגן פאַרחלומט און נאַסלעך, ווי איבערגעצויגן מיט אַ דין רייכל.

פאַרקליבן זיך פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג, אָדער שבת נאָכן עסן, אָדער יום־טוב פאַרנאַכטלעך, אויפן הויכן וואָראַנקעווער באַרג, וואָס „דער שפּיץ זיינער דערגרייכט כמעט ביז דער כמאַרע", האָבן זיך ביידע חברים אַוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ צום גראָז, אָדער מיטן פּנים אַרויף צום הימל, און שמואליק האָט גענומען דערציילן אַ מעשה נאָך אַ מעשה:

אַ מעשה פון אַ בן־מלך מיט אַ בת־מלכה, אַ מעשה פון אַ רב מיט אַ רביצן, אַ מעשה פון אַ פּרינץ מיט אַ הונט, אַ מעשה פון אַ פּרינצעסין אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אַ מעשה פון צוועלף גזלנים אין וואַלד, אַ מעשה פון אַ שיף וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן פאַרגליווערטן ים, מעשיות פון פּויפּס וואָס האָט געפירט וויכוחים מיט די גרעסטע רבנים, און מעשיות פון חיות, פון שדים און פון רוחות, פון מכשפים, שרעטעלעך, פּיפּערנאָטערס, האַלב־מענטש, האַלב־חיה, און אַ מעשה מיט אַ הענגלייכטער פון פּראָג — און איטלעכע מעשה האָט געהאַט איר טעם מיט איר ריח, און אַ באַ־זונדערער כישוף איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיי אַלע.

דער חבר, שלום נחום וועוויקס, האָט געהאַלטן אָפן מויל און אויערן, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון דעם דאַזיקן טשיקאַווען בחורל מיט די רויטע בעקלעך און מיט די פאַרחלומטע נאַסלעכע אויגן.

— פון וואַנעט ווייסטו דאָס אַלצדינג, שמואליק?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך גאָרניט. למאַי איך ווייס ווי אַזוי מע צאַפּט ווייִן פון דער וואַנט און בוימל פון דער סטעליע.

---

לויטער — נאָר, בלויז.
בוימל — olive-oil.
וויכוח — דיספּוט, דעבאַטע.
שדים — טייוולאָנים.
רוחות — גייסטער, טייוולאָנים.
שרעטעלעך — לעגענדאַרע קליינינקע מענטשעלעך, goblins.
פּיפּערנאָטער — אייגנטלעך אַ מין שלאַנג, אָבער אין יידישע פאָלקס-מעשיות אַ לעגענדאַרע באַשעפעניש מיט גאַנץ פאַרשיידענע אייגנשאַפטן.

www.libtool.com.cn

— ווי אַזוי צאַפּט מען דאָס וויין פון דער וואַנט און בוימל פון דער סטעליע?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך בלאָטע! איך ווייס אַפילו, ווי אַזוי מע מאַכט פון זאַמד גאָלד און פון שערבלעך דימענטן מיט בריליאַנטן.

— ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

— ווי אַזוי? דורך קבלה. דער רב איז דאָך אַ בעל-קבלה. ווער ווייסט עס ניט? ער שלאָפט דאָך קיין מאָל ניט.

— וואָס דען טוט ער?

— ביי נאַכט, ווען אַלע שלאָפן, איז ער אויף. זיצט ער אַליין און פאַרנעמט זיך מיט קבלה.

— און דו זעעסט אַלצדינג וואָס ער טוט?

— ווי קען איך זען, נאַרעלע, אַז איך שלאָף?

— פון וואַנעט זשע ווייסטו אַז ער פאַרנעמט זיך מיט קבלה?

— ווער ווייסט עס נישט? דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסט קינד. פרעג וועמען דו ווילסט. דאָס וואָס דער רב קאָן, נאַרעלע, קאָן קיינער נישט. וויל ער — זיינען אָפן פאַר אים אַלע צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און אַלע דרייצן גערטענער פון סאַמע׳ זאַפרען, און גאָלד מיט זילבער, מיט דימענטן, מיט בריליאַנטן — אַזוי פיל אַז עס גלוסט זיך אַזש ניט!

— פאַר וואָס זשע ביסטו תמיד הונגעריק? און פאַר וואָס האָט ער ניט אויף שבת?

— אַזוי, ווארעם ער וויל ניט. ער וויל בעסער אָפּקומען אויף דער וועלט, תשובה טאָן, ער איז אַ בעל-תשובה. ער זאָל וועלן, וואָלט ער געווען רייך ווי קורח; טויזנט ראָטשילדס וואָלט ער פאַרשטעקט אין גאַרטל. וואָרעם ער ווייסט ווי אַזוי מע ווערט רייך. פאַר אים איז אַנטפּלעקט אַלצדינג. ער ווייסט אַפילו דעם אָרט וואו דער אוצר ליגט באַהאַלטן.

— וואו ליגט דער אוצר באַהאַלטן?

---

שערבלעך — שטיקלעך פון אַ צעבראָכענער כלי.
בעל-קבלה — אַ קענער פון קבלה.
קוועקזילבער — quicksilver.
זאַפרען — saffron; סאַמע זאַפרען — נאָר זאַפרען.
תשובה טאָן — to repent.
רייך ווי קורח — זייער שטאַרק רייך, אַזוי רייך ווי קורח (וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן משהן און די ערד האָט אים איינגעשלונגען).
פאַרשטעקן אין גאַרטל — גרינג אַריבערשטייגן.
אַנטפּלעקט — אַנטדעקט, אָפּגעדעקט, אַרויסגעוויזן.

www.libtool.com.cn

— חכם! פון וואַנעט זאָל איך וויסן? ווען איך זאָל וויסן וואו דער אוצר ליגט, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך וואָלט אין מיטן בייַנאַכט געקומען צו דיר און וואָלט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף: „קום, שלום, צום אוצר, וועלן מיר צונויפזשעברעווען דאָס גאָלד פולע זשמעניעס און אָנשטאָפּן פולע קעשענעס!"

און האָט שלום אָנגעהויבן צו ריידן וועגן אוצר, אַזוי האָבן די פאַרחלומטע אויגן ביי אים זיך אָנגעצונדן, די רויטע בעקלעך צעפלאַמט, און אַליין האָט ער זיך אַזוי צעהיצט און צעברענט און צעפלאַקערט אַז ער האָט אויך דעם חבר זיינעם אָנגעוואַרעמט, צעהיצט, צעברענט און צעפלאַקערט. שמואליק האָט גערעדט, און זיין חבר שלום נחום וועוויקס, האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און מיט דאָרשט געשלונגען איטלעך וואָרט.

---

צונויפזשעברעווען — צונויפנעמען, צונויפנעמען אין הויפן.
זשמעניעס — הויפנס.

# 5

www.libtool.com.cn

# אוצרות

וואָס איז אַן אוצר. — אַ לעגענדע פֿון כמעלניצקיס צייטן. — וואונדער־שטיינער.

אַז ס'איז פֿאַראַן אַן אוצר דאָ ביי אונדז אין אונדזער שטעטל — אין דעם איז דאָך קיין ספק ניט.

פֿון וואַנעט האָט זיך גענומען צו אונדז אַן אוצר? פֿון כמעלניצקין. כמעלניצקי האָט אים דאָ באַגראָבן נאָך פֿאַרצייטן. טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן געזאַמלט אוצרות מיט אוצרות, ביז עס איז געקומען כמעלניצקי און האָט עס באַשטאַט.

— ווער איז געווען כמעלניצקי?

— כמעלניצקי, ווייסטו ניט? נאַרעלע, כמעלניצקי — דאָס איז געווען אַ רשע, אַ המן, נאָך פֿאַר כמעלניצקים צייטן. . . דאָס ווייסט דאָך אַ מינדסטע קינד! האָט אָט דער כמעלניצקי, דער רשע, דער המן, אָנגעראַבעוועט הייסט עס מילי־מיליאָסן געלד ביי די אַמאָליקע פּריצים און ביי די רייכע יידן, און האָט דאָס אַלץ־דינג געבראַכט צו פֿירן אַהער צו אונדז, קיין וואַראָנקע. און דאָ האָט ער עס איין מאָל ביי נאַכט, אויף יענער זייט בית־מדרש באַרג־אַראָפּ, אַקעגן דער שיין פֿון דער לבנה, באַהאַלטן, טיף־טיף אין דער ערד באַגראָבן, און ס'איז מיט גראָז באַוואַקסן און מיט כישוף פֿאַרכישופֿט, אַזוי אַז קיין מענטש זאָל עס ניט געפֿינען.

— און ס'איז פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק און אייביק?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק און אייביק? און צו וואָס האָט גאָט באַשאַפֿן די קבלה? די בעלי־קבלה, נאַרעלע, האָבן שוין דערצו אַן עצה.

---

באַשטאַטן — באַהאַלטן.
מילי־מיליאָסן — מיליאָנען־מיליאָנען.
בעלי־קבלה — מערצאָל פֿון בעל־קבלה, קענערס פֿון קבלה.

www.libtool.com.cn

— דהיינו, וואָסער אַן עצה?

— זיי ווייסן שוין. זיי האָבן אַ שפּרוך אַזעלכן, און אַ פּסוק פאַראַן אַזעלכער אין תהלים, וואָס מע דאַרף אים זאָגן פּערציק מאָל פּערציק...

— וואָסער אַ פּסוק?

— ע, נאַרעלע, איך זאָל ווייסן דעם פּסוק! און אַפּילו איך זאָל שוין ווייסן, איז דאָס אויך ניט אַזוי גרינג. מע באַדאַרף פאַסטן פּערציק תעניתים, אָפּזאָגן אַלע טאָג פּערציק קאַפּיטלעך תהלים. און אויפן איין־און־און־פּערציקסטן טאָג, באַלד נאָך דעם ווי די זון האָט זיך געזעצט, באַדאַרף מען זיך אַרויסגנבענען אַזוי קונציק אַז קיין מענטש זאָל דיך ניט באַגעגענען, — ווּאָרעם טאָמער חלילה דערזעט מען דיך, באַדאַרף מען אָנהייבן נאָך אַ מאָל צו פאַסטן פון אָנהייב פּערציק תעניתים, — און ערשט דעמאָלט, אַז ס'וועט דיר אָפּגילטן, קיינער וועט דיך ניט באַגעגענען, זאָלסטו אַנועקגיין אין אַ פינצטערער נאַכט אין אָנהייב חודש אויף יענער זייט בית־מדרש באַרג־אַראָפּ, און דאָרטן אָפּשטיין פּערציק מינוט אויף איין פוס, ציילנדיק פּערציק מאָל פּערציק. און אויב ס'וועט נאָר ניט זיין קיין טעות אינעם ציילן, וועט זיך דיר דער אוצר אַנטפּלעקן פון זיך אַליין...

און שמואליק דער יתום גיט צו פאַרשטיין גאַנץ ערנסט זיין חבר דעם סוד פונעם אוצר מיט אַ שטיל קול, אַלע מאָל שטילער, ווי אויסגעלייענט פון אַ בוך, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ רגעלע אַפּילו:

— און אַנטפּלעקן וועט זיך דער אוצר דורך אַ פייערל, אַ קליין פייערל. און אַז דאָס פייערל וועט זיך דיר באַווייזן, באַדאַרפסטו גלייך צוגיין צו דעם, צום פייערל הייסט עס, זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבן פאַר אָפּבריען זיך, וואָרעם דאָס פייערל איז מער ניט אויף צו באַלייכטן, ברענען ברענט עס ניט. און דו באַדאַרפסט זיך נאָר אָנבייגן און זשעברעווען מיטביידע זשמעניעס (שמואליק באַווייזט מיט ביידע הענט ווי ער זשעברעוועט) גאָלד און זילבער און דימענטן און בריליאַנטן, און שטיינער אַזעלכע וואָס הייסן מיטן נאָמען „כּדכּד" און אַזעלכע וואָס הייסן „ישפה"...

— וואָס איז דען דער חילוק?

— איי, נאַרעלע, ס'איז אַ גרויסער חילוק! „כּדכּד" איז אַזאַ

---

תענית — אַ טאָג פון פאַסטן.

www.libtool.com.cn

שטיין, וואָס לייכט אין דער פינצטער, און „ישפה" האָט אין זיך אַ כוח: עס מאַכט פון שוואַרץ ווייס, פון רויט — געל, פון גרין — בלוי, פון נאַס — טרוקן, פון הונגעריק — זאַט, פון אַלט — יונג, פון טויט — לעבעדיק. . . מע באַדאַרף נאָר מיט אים געבן אַ רייב אין דער רעכטער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ רעכטער אָנבייסן!" — גייט אַרויס אַ זילבערנע טאַץ, און אויף דער טאַץ צוויי פּאָר געבראָטענע טייבעלעך מיט פרישינקע פּלעצלעך פון געבייטלטע מעל. אָדער: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין אַ גוטער וואַרעמעס!" — באַווייזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט כלערליי מינים עסנוואַרג און פּאַטראַוועס, געבראָטענע צונגען מיט געפילטע העלדזלעך, וואָס זייער געשמאַקער ריח צעגייט זיך אין אַלע אברים, און פרישע צוגעברענטע, געפלאָכטענע קוילעטשן וואַקסן אויס פאַר דיינע אויגן, און ווייַן לרוב פונעם בעסטן סאָרט, און ניסלעך, און באָקסערן, און צוקערקעס לרוב — אַזוי פיל אַז סע גלוסט זיך אַזש ניט!

און שמואליק קערעוועט אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ זייט און שפּייט אויס. און זיין חבר זעט נאָך זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן און נאָך זיין בלאַס פּנים מיט די פאַרחלומטע אויגן, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַ שטיקל געבראָטענע צונג, אַ געפילט העלדזל, אָדער כאָטש אַ שטיקל קוילעטש. . . און ער גיט זיך דאָס וואָרט, אַז מאָרגן אם ירצה השם טראָגט ער אים אַרויס אין קעשענע עטלעכע ניסלעך, אַ פּאָר באָקסערן מיט אַ צוקערקעלע, וואָס ער וועט אַרויסלקחענען ביי דער מאַמע אין קלייטל. און דערווייל בעט ער שמואליקן, ער זאָל דערציילן נאָך און נאָך. און שמואליק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. ער ווישט אָפּ די ליפּן און דערציילט נאָך און נאָך.

— . . . און אַז דו האָסט זיך גוט אָנגעזעטיקט מיט אַלע מיני מאכלים און פאַרטרונקען מיט די בעסטע ווייַנען, נעמסטו און

---

לאַץ — .lapel of a coat
פּאַטראַוועס — מאכלים, געשמאַקע שפּייזן, גוט צוגעגרייטע אכילות, דעליקאַטעסן.
אברים — גלידער.
קוילעטש — חלה, געפלאָכטענע חלה.
לרוב — אַ סך.
אָפּקערעווען — אַוועקדרייען, אָפּדרייען אין אַ זייט.
פאַרשמאַכט — פאַרטריקנט, פאַרחלשט, אָפּגעשוואַכט פון הונגער און דאָרשט.
אם ירצה השם — אויב גאָט וועט וועלן (אַרויסגערעדט ביים לאַנזאַמען ריידן: „אים יירצע האַשעם" און ביים גיכן ריידן — „מירצעשעם").
אַרויסלקחענען — אַרויסגנבענען, אַרויסנעמען.
קלייטל — קרעמל, געוועלבל.

טוסט אַ רייב מיטן שטיינדעלע און אַ זאָג: „ס'זאָל מיר אַרויס־גיין און אַרויסגיין אַ ווייכער געלעגער!" — באַווייזט זיך דיר אַ בעטל פון עלפנביין, מיט גאָלד באַפּוצט, מיט אַן איבערבעט ווייך ווי פּוטער, און מיט זיידענע קישעלעך צוקאָפּנס, און מיט אַן אַטלעסענער קאָלדרע איבערגעדעקט. ציסטו זיך אויס און ווערסט אַנטשלאָפן, און עס חלומען זיך דיר מלאכים מיטן גן־עדן. . . אָדער אַז ניט, טוסטו אַ רייב מיטן שטיינדעלע, הייבסטו זיך גאָר אויף אין דער הייך ביז דער כמאַרע, און אַריבער דער כמאַרע, און דו פליסט זיך ווי אַן אָדלער הויך־הויך! ווייט־ווייט! . . .

---

עלפנביין — ivory.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# 6

# דער רבֿ אין גן־עדן

די פריינדשאַפט פון דוד מיט יהונתן. — דער לויתן מיטן שור־הבר. — ווי זעען אויס די צדיקים אויף יענער וועלט.

די שיינע, וואונדערלעכע מעשיות פון שמואליק דעם יתום האָבן זיין יונגן חבר אין גאַנצן פאַרכישופט און געבראַכט דערצו, אַז די פרינצן מיט די פרינצעסינס זיינען אים געגאַנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפט ביי די אַרבל: „שטיי אויף, שלום! טו זיך אָן און קום מיט אונדז!"

און נישט נאָר אין חלום — אויך אויף דער וואָר האָט ער זיך געפונען כמעט שטענדיק צווישן פרינצן און פרינצעסינס, ערגעץ אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אָדער אויפן פאַרגליווערטן ים, אָדער אויף אַ ווייספּע וואו עס געוועלטיקן ווילדע מענטשן, אָדער גאָר אין גן־עדן וואו עס געפינען זיך צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און דרייצן גערטענער פון זאַפרען, און גאָלד און זילבער וואַלגערט זיך אַזוי ווי מיסט. אָדער ער הייבט זיך אויף, מיטן שטיינדעלע „ישפה", גאָר אין דער הייך, אויף יענער זייט כמאָרעס. . .

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אָנרופן די אַלע זאַכן ביים נאָמען און זען זיך מיט זיי אויף יעדער טריט און שריט. עטלעכע צונויפגעלייגטע באַלקנס אין הויף זיינען שוין געווען גענוג פאַר אים, ער זאָל זיך אַרויפכאַפּן אויף זיי גאַנץ הויך און זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ ווייספּע, און ער איז דער פרינץ. און די גענדז מיט די קאַטשקעס וואָס שפּאַצירן אַרום אין הויף — דאָס זיינען די ווילדע מענטשן־פרעסער, און ער איז איבער זיי דער מלך, וואָס קאָן זיי טרייבן וואוהין ער וויל

---

קרישטאָלענער — of crystal.
ווייספּע — אַן אינדזעלע.

www.libtool.com.cn

און קאָן טאָן מיט זיי וואָס ער וויל, וואָרעם זיי זיינען דאָך זיינע אונטערטעניקע. . . אַ שטיינדעלע אַ פּראָסט, פון דער ערד אויפֿגעהויבן — קאָן עס זיין אפשר דאָס שטיינדעלע „ישפה", ווער ווייסט? פֿילט ער זיך ניט, נעמט און טוט דאָס אַ רייב, אַז קיינער זעט ניט, אין רעכטער לאַץ און אַ זאָג ווי שמואליק זאָגט: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין" . . .

מער פון אַלץ אָבער האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין אים שמואליקס מעשיות וועגן אוצרות. ער איז געווען ווי זיכער, אַז ניט היינט איז מאָרגן, נאָר אַן אוצר מוז זיך אים אַנטפּלעקן. דאָס גאַנצע געלד וועט ער געווינלעך אַוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. דער טאַטע וועט שוין ניט דאַרפן זיין אַזוי פֿאַרזאָרגט און פֿאַרטראָגן אין די געשעפטן. די מאַמע וועט פֿאַרשפּאָרן פֿריערן גאַנצע טעג אין קלייט. מיט דעם כוח פונעם שטיין „ישפה" וועט ער אויסבויען אַ פּאַלאַץ פון קרישטאָל, אַרומגערינגלט מיט אַ גאָרטן פון סאַמע זאַפרען. און אין מיטן גאָרטן וועט זיך געפינען אַ ברונעם פון קוועקזילבער. אַ הונט וועט היטן דעם אַריינגאַנג, און פּיפּערנאָטערס, שרעטעלעך מיט ווילדע קעץ וועלן זיך דראַפּען אויף די ביימער. און ער, דער פּרינץ אַליין, וועט אויסטיילן פון זיין ברייטער האַנט די וואָראַנקעווער אָרעמעלייט נדבות, גרויסע נדבות און קליינע נדבות, איטלעכן אַזאַ נדבה ווי ער פֿאַרדינט.

עס איז געווען שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז די צוויי געליבטע חברים, שלום נחום וועוויקס און שמואליק דער יתום, זאָלן ווען אַ מאָל זיך דאַרפן צעשיידן אויף אייביק און אייביק. ערשטנס, גלאַט למאַי זאָלן זיך חברים שיידן? און אויסער דעם האָבן זיי זיך געשוואָרן ביידע ביי גאָט און איבערגעשלאָגן מיט אַ ציצה, אַז איינער אָן דעם צווייטן זאָל ניט אַוועקפֿאָרן קיין מאָל ניט אין ערגעץ ניט, אַז וואָס ס'זאָל זיך מיט זיי ניט טרעפן און וואו זיי זאָלן ניט מגולגל ווערן, זאָלן זיי תמיד זיין איין נפש, איין נשמה. דאָס איז געווען אַ ליבשאַפֿט ווי צווישן דוד מיט יהונתן.

---

אונטערטעניקע — .subjects

איבערשלאָגן מיט אַ ציצה — ביים געבן זיך די הענט און פייערלעך צוזאָגן פלעגט מען איבערשלאָגן די הענט מיט אַ ציצה, כדי נאָך מער צו באַשטעטיקן די וויכטיקייט פון דער אָפּגערעדטער זאַך. אין דעם יידנס אָנטאָן האָבן געדאַרפט זיין פיר ציצות. דעריבער האָט מען געטראָגן אַ טלית קטן אָדער אַן ארבע-כנפות מיט פיר אויף אַ ספּעציעלן אופן, פון באַזונדערע פעדעם צונויפגעדרייטע פראַנזן.

מגולגל ווערן — פֿאַרוואַגלט ווערן, פֿאַרוואָרפן ווערן.

נפש — נשמה, באַשעפעניש.

www.hbtool.com.cn

גייט ריכט זיך אויף אַזאַ מעשה, אַז דער רבֿ וואָס איז טאַקע געווען אַ ייד אַ זקן, וועט נעמען און וועט זיך פּלוצעם אין מיטן דערינען אַוועקלייגן און וועט מאַכן אַ שטאַרב!

מאָלט אייך, ניט אַזוי גיך טוט זיך עס ווי עס רעדט זיך. ניט אַזוי גרינג לייגט זיך אַוועק אַ רב און שטאַרבט אַוועק. דער רב, וואָס איז געווען תמיד אַ קראַנקער מענטש פון פאַסטן תעניתים און פון גלאַט ניט עסן, האָט זיך אויף דער עלטער אַוועקגעלייגט אין בעט, אָפּגעלעגן אַ געליימטער העכער אַ יאָר, אָן עסן, אָן טרינקען, און נאָר געלערנט און נאָר געדאַוונט, און געראַנגלט זיך מיטן מלאך־המות.

שמואליק האָט דערציילט פאַר זיין חבר און געשוואָרן מיט כל־השבועות, אַז אַלע פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, פליט אַריין דורך אַ שפּאַרונקעלע פון אַ פענצטער דער „בעל־דבר", שטעלט זיך אַוועק ביים רב צוקאָפּנס און וואַרט, טאָמער וועט ער אויפהערן „זאָגן", וועט ער אים מאַכן „כיק". איז אָבער דער רב קליגער פון אים: ער הערט ניט אויף צו „זאָגן" אפילו אויף אַ רגע. אָדער ער לערנט אָדער ער דאַוונט.

— ווי אַזוי זעט ער אויס?

— ווער?

— דער „בעל־דבר".

— פון וואַנעט זאָל איך וויסן?

— דו זאָגסט אַז ער קומט, האָסטו מסתמא אים געזען.

— נאַרעלע! ווער עס זעט דעם „בעל־דבר", דער קאָן נישט לעבן מער. הייסט ווי אַזוי האָב איך אים געקאָנט זען?

— פון וואַנעט זשע ווייסטו אַז ער קומט?

— ניין! וואָס דען וועט ער טאָן? ער וועט וואַרטן אויף כבוד? . . .

און אַז דער רב איז געשטאָרבן, איז פאַר די צוויי חברים געווען אַ יום־טוב. דער רב האָט געהאַט אַזאַ שיינע לוויה, ווי עס קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן נאָר אַ רב אין אַ קליין שטעטל. די קליטן

---

געליימטער — פאַראַליזירטער.

כל השבועות — אַלערליי שבועות, אַלע שווערענישן.

בין מנחה למעריב — צווישן דער צייט פון דאַוונען מנחה און דער צייט פון דאַוונען מעריב, סוף טאָג, at twilight.

שפּאַרונקעלע — אַ קליין שפּעלטל.

„בעל־דבר" — דער מענטש וואָס קומט מיט אַן ענין צום געריכט; דער גע־העריקער מענטש. דאָ — דער מלאך המות.

www.libtool.com.cn

האָט מען געשלאָסן און די חדרים האָט מען צעלאָזט, און די גאַנצע „שטאָט" איז אים געגאַנגען באַגלייטן.

אויף צוריקוועגס זיינען די פאַרליבטע חברים, „דוד ויהונתן", געווען די לעצטע שבלעצטע. מע האָט זיך גענומען פאַר די הענט און מען איז געגאַנגען פּאַוואָליע בכדי מע זאָל זיך קאָנען גוט אָנ־ריידן. און ריידן איז געווען פון וואָס. פונעם רבס טויט און פון זיין קומען אויף יענער וועלט, ווי אַזוי מע וועט אים דאָרטן באַגעגענען ביי די טויערן פון גן־עדן, און ווי אַזוי מע וועט אים אויפנעמען, און ווער וועלן זיין די וואָס וועלן אים מקבל פּנים זיין.

אַלצדינג האָט שמואליק געוואוסט, אַפילו וואָס ד אָ ר ט ן טוט זיך. און פון אַלצדינג האָט ער גערעדט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט געווען דערביי. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער רב איז גאָרניט געשטאָרבן. ער האָט זיך נאָר איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ בעסערער וועלט, וואו מע האָט געוואַרט אויף אים מיטן לויתן און מיטן שור־הבר און מיטן יין־המשומר און מיט אַלע גוטע זאַכן פון גן־עדן.

אָ, דאָרט וועט ער ערשט אָנהייבן צו וויסן פון אַ לעבן, אַ ניי לעבן, אַ גליקלעך לעבן, אין אַ פּראַכטפולן גן־עדן, אין איינעם מיט אַזעלכע מאַגנאַטן ווי: אברהם, יצחק און יעקב, און יוסף הצדיק, און משה מיט אַהרנען, און דוד המלך, און שלמה המלך, און אליהו הנביא, און דער רמבם, און דער בעל־שם־טוב, און דער ריזשינער...

ווי לעבעדיקע האָט זיי שמואליק אָפּגעמאָלט, און ווי לעבעדיקע זיינען זיי געשטאַנען פאַר די אויגן, יעדערער מיט זיין געשטאַלט און מיט זיין פּנים און מיט זיין אויסזען:

אברהם אָבינו — אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד; יצחק — אַ לאַנגער און אַ דאַרער; יעקב אָבינו — אַ קראַנקער און אַן איינ־געבויגענער; יוסף — אַ פּאַרשוין; משה רבינו — אַ נידעריקער וואוקס, נאָר אַ ברייטער שטערן; אַהרן הכהן — דווקא אַ

---

לעצטע שבלעצטע — לעצטע פון די לעצטע.
לויתן — דער לעגענדאַרער גרויסער פיש וואָס צדיקים וועלן אים עסן אויף יענער וועלט.
שור־הבר — דער לעגענדאַרער גרויסער אָקס וואָס צדיקים וועלן אים עסן אויף יענער וועלט.
יין־המשומר — דער אויפגעהיטער וויין; וויין וואָס מע וועט געבן צו דער סעודה אויף יענער וועלט.
דער רמבם — באַרימטער יידישער פילאָזאָף פון 12טן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס.
בעל־שם־טוב — דער באַשאַפער פון דער חסידישער באַוועגונג.
דער ריזשינער — אַ באַרימטער חסידישער רבי.

הויכער מיט א לאנגן יאמשעווען שטעקן; דוד המלך — מיט א פידל; שלמה המלך — מיט א גאלדענער קרוין; אליהו הנביא — אן ארעם יידל; דער רמבם — אן אויסגעפוצטער מיט א קיילעכ־דיקער בארד; דער בעל־שם־טוב — א פראסטער ייד מיט א פראסטן שטעקן; דער ריזשינער — א שיינער ייד אין א זיידענער זשו־פעצע. . .

עס האט אזש אנגענומען א חשק צו זען זיך מיט די דאזיקע אלע לייט. עס האט זיך פשוט געגלוסט זיין מיט זיי דארטן אין גן־עדן, פארזוכן כאטש א שטיקל פונעם לויתן מיטן שור־הבר, כאטש א טראפן פונעם יין־המשומר. עס איז געווען באמת מקנא צו זיין דעם רב, ווי ער לעבט דאס איצט דארטן א גוטן טאג. . . גאר פאר־געסן, אז מען האט אים נאר וואס אראפגעלאזט אין אן ענגן פינצ־טערן קבר, און אז מען האט אים פארשאטן מיט קלעפיקער שווארצער ערד און צוגעקלאפט מט הילצערנע לאפעטעס, און אז שמואליק אליין טאקע האט געזאגט נאך אים קדיש. ווארעם דער רב איז געשטארבן אן קינדער — ניט פאר אייך געדאכט, ניט פאר קיין שום יידן געדאכט.

---

יאמשעווער — of bamboo.

זשופעצע — א לאנגער מאנטל וואס מע טראגט איבער דער קאפאטע.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# 7

# שמואליק ווערט פאַרשוואונדן

דוד מיט יהונתן צעשיידן זיך אויף אייביק. — דער סוד פונעם אוצר. — פאַרלוירן אַ חבר.

די גאַנצע וואָך וואָס די רביצן איז געזעסן שבעה נאָכן רב, האָט שמואליק דער יתום אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליין איבער דער שטאָט, ווי אַן אמתער יתום וואָס איז נאָך מער פאַריתומט געוואָרן. זיין גאַנצער אַרויסקוק איז געווען אויף דעם פּאַרנאַכט, ווען מע צעלאָזט די קינדער פון די חדרים — דעמאָלט וועט ער זיך קאָנען זען מיט זיין חבר, שלום נחום וועוויקס, וואָס איז צו אים נאָך מער צוגעבונדן געוואָרן זינט דער רב איז געשטאָרבן.

עס האָט זיך געפילט אינסטינקטיוו, אַז די צוויי געליבטע חברים „דוד ויהונתן", באַדאַרפן זיך באַלד צעשיידן. ווי אַזוי דאָס וועט געשען — האָבן זיי נאָך אַליין ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן. זיי האָבן דעריבער אויסגענוצט יעדער פּאַרנאַכט אויף צו פאַרברענגען אין איינעם, זיין וואָס נענטער איינס לעבן דאָס אַנדערע.

אַ גליק וואָס ס׳איז זומער, און זומער לערנט מען נישט ביי נאַכט אין חדר. קאָן מען דעריבער זיך פאַרקלייבן אין צווייען ביי נחום וועוויקס אין גאָרטן, און דאָרטן, אונטער אַ באַרנבוים, אָפּזיצן אַ שעה און צוויי און דריי און שמועסן; אָדער אַז ניט, קען מען זיך דורכגיין פון דער שטאָט אַרויס, העט ווייט (אַבי שקצים זאָלן נאָר ניט באַפאַלן און ניט אָנרייצן די הינט) און זיך אָנריידן ווי פיל דאָס האַרץ גלוסט.

---

זיצן שבעה — זיצן זיבן טעג אין טרויער נאָך אַ טויטן.
דוד ויהונתן — דוד און יהונתן.

און ריידן איז געווען פון וואָס. איין זאַך האָט זי אינטערעסירט ביידן: *וואָס וועט זיין ווייטער?* וואָס וועט זיין, טאָמער פאָרט שמואליק אַוועק? וואָרעם געהערט האָט שמואליק זאָגן, אַז די רביצן קלייבט זיך ערגעץ ווייט, זי האָט אַ שוועסטער אין אַ שטעטל ניט ווייט פון אָדעס. שרייבט איר די שוועסטער זי זאָל קומען צו פאָרן. איז ווי באַלד די רביצן פאָרט — פאָרט שמואליק אויך. וואָס וועט ער דאָ טאָן איינער אַליין? ער האָט דאָך אַפילו ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן!

פאַרשטייט זיך, אַז ער פאָרט נישט אויף לאַנג, און בכל אופן — ניט אויף שטענדיק. לאָז ער נאָר קומען אַהין, אַזוי זעצט ער זיך באַלד לערנען „קבלה", און ווי נאָר ער דערגייט דעם „סוד", אַזוי קומט ער צו פאָרן צוריק אַהער קיין וואָראָנקאָ, און נעמט זיך צו דער אַרבעט — אויפזוכן דעם אוצר. ער וועט פאַסטן פערציק תעניתים, אָפּזאָגן אַלע טאָג פערציק קאַפּיטלעך תהלים, און אויפן איין־און פערציקסטן טאָג כאַפּט ער זיך אַרויס בסוד, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, ציילט אָפּ פערציק מאָל פערציק, שטייענדיק אויף איין פוס פערציק מינוט אויפן זייגער. . .

— וואו האָסטו אַ זייגער?

— איצט האָב איך ניט, דעמאָלט וועל איך האָבן.

— וואו וועסטו נעמען?

— וואו וועל איך נעמען? איך וועל גנבענען! וואָס האָט דאָס צו דיר?

שלום קוקט זיין חבר שמואליקן אין די אויגן אַריין. ער האָט מורא, טאָמער האָט ער אים אָנגערירט מיט אַ וואָרט, און ער וועט חלילה ווערן ברוגז. שמואליק איז אָבער ניט אַזאַ חבר, וואָס מיט איין וואָרט זאָל מען פאַרלירן ביי אים אין גאַנצן. און שמואליק הערט ניט אויף צו דערציילן מעשיות, וואָס עס וועט זיין אַמאָל, אַמאָל, אַז ביידע חברים וועלן אויסוואַקסן און ווערן גרויסע, וואָס זיי וועלן אויפטאָן אין דער דאָזיקער שטאָט און ווי גליקלעך זיי וועלן מאַכן די וואָראָנקעווער יידן. און עס גיסט זיך ביי אים ווי ריינער בוימל, און עס ציט זיך ביי אים ווי גוטער האָניק. און עס ווילט זיך גאָרניט אַוועקגיין אין דער וואָרעמער, זומערדיקער, פאַרכישופטער נאַכט. נאָר מע מוז. מע מוז גיין אַהיים שלאָפן — אַניט קאָן

---

בכל אופן — אין אַלע אופנים, אין אַלע פאַלן.

www.libtool.com.cn

מען כאַפּן אַ מיאוסן פּסק! און מע געזעגנט זיך אָפּ: „ביז מאָרגן, ביז מאָרגן!"

. . . . . . . . . . . . . . . .

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ מאָרגן און נאָך אַ מאָרגן, און נאָך אַ מאָרגן — ניטאָ שמואליק! וואו איז ער? ער איז אַוועקגעפאָרן. אויפגעהויבן זיך אין איינעם מיט דעם רבס אַלמנה און אַוועקגעפאָרן ערגעץ ווייט. ווען? ווי אַזוי? אַפילו נישט געזעגנט זיך?! . . .

אַ פאַרלוירענער, אַ צערודערטער, איז געבליבן זיין חבר שלום איינער אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. אַוועקגעפאָרן זיין בעסטער, זיין ליבסטער און זיין טייערסטער. אַוועקגעפאָרן! פינצטער געוואָרן די גאַנצע וועלט: וואָס מיר וועלט, אַז ס'איז נישטאָ שמואליק! וויסט געוואָרן דאָס גאַנצע לעבן: וואָס מיר לעבן, אַז ס'איז נישטאָ שמואליק!

און דער איבערגעבליבענער עלנטער חבר האָט דערפילט אַ מאָדנע ענגשאַפט אין האַלדז, און אין נאָז האָט אים אָנגעהויבן צו קיצלען, און אין האַרצן צו שטיקן. ער האָט זיך פאַרקליבן ווייט־ווייט אין אַ ווינקעלע און לאַנג־לאַנג געוויינט.

# 8

www.libtool.com.cn

# מאיר מעדוועדעווקער

אַ נייער חבר וואָס קאָן זינגען. — חדר־יינגלעך קונדסים מאַכן טעאַטער־שפּיל.

לאַנג זאָרגן זיך און באַקלאָגן דעם פאַרלוירענעם שמואליקן האָט זיין געטרייער חבר נישט באַדאַרפט. גאָט האָט אים גיך צוגעשיקט אַ נייעם חבר.

אַזוי איז דאָס געווען: ווי באַלד דער אַלטער רב איז געשטאָרבן, איז דאָך דאָס שטעטל געבליבן אָן אַ רב. האָט נחום וועוויקס אַוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטן שטעטל, וואו עס האָט זיך געלאָזט הערן איבער דער וועלט אַ רב, אַ שם-דבר, מיטן נאָמען חיים מעדוועדעווקער. אָט דעם רב האָט דאָס נחום וועוויקס אַראָפּגעבראַכט קיין וואָראָנקאָ. דאָס שטעטל האָט זיך מיט אים משמח געווען, וואָרעם חוץ וואָס ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ ירא-שמים און אַ יודע-נגן, איז ער נאָך געווען דערצו אַ גרויסער אָרעמאַן אויך, האָט ער שוין אין איין וועגס צוגעקנעלט מיט די באַלעבאַטישע קינדער (פון דער עלטערער כתה).

פונדעסטוועגן האָט מען חלילה דעם מלמד ר׳ זרחלען אין גאַנצן נישט אָפּגעזאָגט. ווי נעמט מען דאָס און מע קוילעט אָפּ אַ יידן גלאַט אַזוי פון פּרנסה? איז ר׳ זרחל פאַרבליבן מלמד אויף תנך און אויף שרייבן (יידיש און רוסיש, און דייטש, און פראַנצייזיש, און לאַטיין, וועלכע נישט די קינדער דער רבי האָבן

---

שם-דבר — אַ באַרימטער מענטש, אַ באַרימטע זאַך.
זיך משמח זיין — זיך פרייען, זיך אַמוזירן.
ירא-שמים — גאָטספאַרכטיקער, אַ פרומער, דער וואָס האָט מורא פאַר גאָט.
יודע-נגן — אַ קענער פון נגינה, פון זינגען אָדער שפּילן.
כתה — גרופּע, קלאַס.

פאַרשטאַנען מיט וואָס מען עסט דאָס). און גמרא האָט מען גע־לערנט ביים נייעם רב.

און כאָטש שלום נחום וועוויקס איז געווען טאַקע נאָך אַלץ אַ שייגעץ און נישט געוואָלט וואַקסן אין דער הייך, נאָר פונדעסט־וועגן האָט מען אים אריינגענומען אין דער גרויסער כתה, וואָרעם אַז דער נייער רב האָט אים פאַרהערט אַ פרשה חומש מיט רשי, האָט ער אים דערלאַנגט אַ קניפּ אין בעקל: „אַ רעכטער שקאָץ!" — און דעם פאָטער האָט ער געגעבן אַ זאָג, אַז עס איז אַן עבירה פאַר גאָט איבערצולאָזן אַזאַ שקאָץ אויף טרוקענעם תנך; מע באַ־דאַרף אים אַ נעם טאָן צו דער גמרא. „נישקשה, ס'וועט אים גאָרניט שאַטן".

פאַרשטייט זיך אַז דער פאָטער איז געווען מלא גדולה. און דער שקאָץ אַליין איז ניט געווען אַזוי צופרידן מיט דער גמרא, איז ער אָבער דערפאַר געווען ביי זיך גדולדיק, וואָס ער זיצט אין איי־נעם מיט די גרויסע, און געבלאָזן פון זיך, פאַררייסן די נאָז — אַ קליינינקייט!

אַראָפּגעקומען איז ר' חיים דער רב ניט אַליין נאָר מיט צוויי זין: איינער אַ באַלעבעסל שוין, מיט אַ קנאָפּ אין גאַרגל, מיטן נאָמען אַברהמל, און דער אַנדערער, מאירל, האָט געהאַט אַ שיין קול אויף צו זינגען און אויך אַ קנעפּל אין גאַרגל, נאָר צום לער־נען האָט ער געהאַט אַ שייט האָלץ, ניט קיין קאָפּ. און ניט אַזוי נאָך אַ גראָבער קאָפּ, ווי אַ גרויסער שייגעץ, און מיט אים איז דאָס שלום נחום וועוויקס געוואָרן אין גיכן חבר. אַ יינגל פון דער פרעמד און דעם רבס אַ זון — מיט דער האַנט קאָן מען אים ניט אָוועקמאַכן. דערצו האָט דער מאירל געהאַט אַ מעלה: ער האָט געזונגען לידלעך, און נאָך וואָסערע לידלעך! האָט ער אָבער צו דער מעלה געהאַט אַ חסרון — אַ טבע פון אַן אמתן אַרטיסט: ער האָט פיינט געהאַט זינגען גלאַט אַזוי אומזיסט. איר ווילט הערן

---

פרשה — אַ טייל פון חומש וואָס איז באַשטימט פאַר אַ וואָך.
חומש מיט רשי — חומש מיט די אויסטייטשונגען פון רשי; רשי — באַרימטער דערקלערער און אויסטייטשער פון חומש, געלעבט אין 11טן יאָרהונדערט נאָך קריסטוס.
אַן עבירה — דאָ — אַ שאָד. געוויינלעך — אַ זינד.
מלא גדולה — פול מיט שטאָלץ, פול מיט גרויסקייט, פול מיט פרייד.
גדולדיק — גרויס ביי זיך, שטאָלץ.
באַלעבעסל — אַ יונגערמאַן, עמעצער וואָס האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט.
אַ קנאָפּ אין גאַרגל — Adam's-apple.
שייט האָלץ — אַ שטיק האָלץ.
אַרטיסט — אַקטיאָר.

www.libtool.com.cn

זינגען — באַצאָלט, זייט מוחל! אַ גראָשן אַ לידל. און אַז ס'איז נישטאָ קיין געלט, איז אַן עפּל אויך גוט. פּאָר נויט — אַ האַלבער עפּל, אַ פּאָר פּלוימען, אַ שטיקל צוקערקע — קיין אומזיסט איז נישטאָ! דערפאַר האָט ער אָבער געזונגען אַזעלכע לידלעך, מיט אַזאַ זיס קול און מיט אַזאַ געפיל, אַז אַ כּפּרה כלעבן אַלע הייני־טיקע קאַרוזאָס, שאַליאַפּינס, סיראָטאָס און די אַלע איבעריקע זינגערס פון דער וועלט!

„גיי איך אַרויס אויף דער ווילנער גאַס,
הער איך אַ קול מיט אַ גרויס געשריי:
אוי־ווײ! —
מע ווײנט אַזוי...״

אַלע ייִנגלעך הערכן, גאַפן, גייען אוים פון זיסקייט. און ער — גאַרנישט!

נישט נאָר אין נגינה אַליין האָט זיך אויסגעצייכנט מאירל מעדוועדעווקער. ער האָט געהאַט נאָך אַ חולאת: שפּילן, פאַר־שטעלן זיך, מאַכן אָנשטעלן: „מכירת יוסף״, „יציאת מצרים״, „עשר מכות״, „משה רבינו מיט די לוחות״, און נאָך און נאָך אַזעלכע אָנ־שטעלן.

למשל, ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גזלן, מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט און מיט דער רביצנס האַקמעסער, אַריינגע־שטעקט אין דעם רבינס גאַרטל, און דווקא באָרוועס, און מיט אונ־טערגעקאַטשעטע הויזן, און אויגן, רבונו של עולם — טאַקע ווי ביי אַ גזלן! שלום נחום וועוויקס איז געווען דער ייִד, דער אביון. מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, מיט אַ קישעלע פאַר אַ האָרב, איבערגע־

---

זייט מוחל — זייט אַזוי גוט, אַנטשולדיקט.
כלעבן — באמת, אויף צום אמתן, איך שווער זיך, איך זאָל אַזוי לעבן.
אַ כּפּרה אַלע... — מעגן אונטערגיין אַלע...; עס האָבן ניט קיין ווערט אַלע... אין פאַרגלייך מיט...
מנגנים — זינגערס, מוזיקערס.
סיראָטאָ — אַ באַרימטער חזן.
גאַפן — קוקן פאַרוואונדערט, וואונדערן זיך, to gape.
נגינה — געזאַנג, מוזיק.
חולאת — קרענק.
„מכירת יוסף״ — אַ שפּיל פון דעם ווי די ברידער פאַרקויפן יוספן און ווי יוסף ווערט דערהויבן.
„יציאת מצרים״ — אַ שפּיל פון דעם ווי ייִדן גייען אַרויס פון מצרים.
„עשר מכות״ — אַ שפּיל פון די צען פּלאָגן, צען מכות, וואָס פּרעה קריגט.
„משה רבינו מיט די לוחות״ — אַ שפּיל פון משה רבינו מיט די טאָוולען פון געזעץ.
אביון — אָרעמאַן.

www.libtool.com.cn

קערט דאָס היטל אויף דער לינקער זייט, גייט ער נעבעך בעטן אַ נדבה. פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד. דער וואַלד — דאָס זיינען די יינגלעך. און שלום נחום וועוויקס דער אביון גייט צווישן די ביי־מער, אָנגעשפּאַרט אויף זיין גראָבן שטעקן, זוכט אַ וועג און באַ־געגנט זיך מיט — מאיר דעם גזלן! כאַפּט אַרויס דער גזלן דאָס מעסער פון גאַרטל און זינגט צו אים אַ ליד, און דווקא אויף רוסיש: דאָס געלט אַהער!

בעט זיך ביי אים נעבעך דער אָרעמאַן, שלום, מיט טרערן, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויב ניט אויף אים, איז אויף זיין ווייב און קינדער. זי וועט בלייבן אַן אַלמנה און די קינדער יתומים. כאַפּט אים דער גזלן, מאיר, פאַרן גאָרגל און טוט אים אַ וואָרף אויף דער ערד — — קומט אַן דער רבי און עס הייבט זיך אַן אַ חתונה:

— מילא, דער (ער באַווייזט אויף זיין אייגענעם זון) איז אַ שייגעץ, אַ משומד. אָבער דו, נחום וועוויקס יינגל, ווי קומסטו זיך צו גלייכן צו אים, צו אָט דעם משומד?

---

חאָרב — הויקער, hunch.

# 9

www.libtool.com.cn

## פאַרלוירן נאָך אַ חבר

מע טרייסלט באַרלעך און מע כאַפּט שמיץ. — מע לערנט זיך גנבענען. — תשעה־באָב ביים גלח אין גאָרטן. — פון אַ באָרוועסן יונג אַ א קונדס וואַקסט אויס אַ באַרימטער אַרטיסט.

מע מוז זאָגן דעם ריינעם אמת, אַזביידע חברים, מאירל מעדוועדעווקער און שלום נחום וועוויקס, האָבן נישט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צו דער תורה, וואָס דער רבי ר' חיים מעדוועדעווקער וועט אין זיי אַריינזעצן, און צו זיין יראת־שמים, וואָס ער וועט אין זיי איינפּלאַנצן. זיי האָבן בעסער חשק געהאַט צו אַנדערע זאַכן. למשל, גרינע אַגרעסן רייסן פון אַ בוים, אָדער טרייסלען באַרלעך אָדער פלוימען, מעג זיך זיין אַפילו פון אַן אייגענעם גאָרטן, איז אַ סך מער פאַרגעניגן ווי שמאַכטן איבער דער גמרא, אָדער דאַוונען מיט כוונה, ווי דער רבי ר' חיים האָט געפאָדערט פון זיינע תלמידים, אָדער זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים.

— די גמרא איז ניט קיין ציג, זי וועט ניט אַנטלויפן. דאַוונען וועט גאָט מוחל זיין, און תהלים לאָזן זאָגן אַלטע יידן! . . .

אַזוי האָט איינגעטענהט מאירל מעדוועדעווקער מיט זיין חבר שלום נחום וועוויקס און האָט אים בעסער געלערנט, ווי אַזוי מע קלעטערט אַרויף אין איין שמע־ישראל אויפן העכסטן בוים, אָדער ווי אַזוי מע שפּרינגט אונטער און מע פאַרטשעפּעט אַ צווייג פון אַ קאַרשנבוים, קריכן די קאַרשן דעמאָלט אַליין אין מויל אַריין. איי,

---

תשעה־באָב — דער פאַסטטאָג צום אָנדענק נאָכן חורבן פון בית־המקדש.
יראת־שמים — גאָטספאָרכטיקייט, מורא פאַרן הימל, פאַר גאָט.
אַגרעסן — gooseberries.
שמאַכטן — ווערן שלאַף, דאַרן, אויסגיין פון בענקעניש, to languish.
מיט כוונה — מיט געפיל, מיט חשק.
אין איין שמע־ישראל — אין איין רגע.

www.libtool.com.cn

עם ווערן נאָך דעם שווארץ די ליפּן, און נאָך די שפּיץ פינגער דער־קענט מען, אז מע האָט געריסן קארשן? וואָס קען דאָ זיין? „ווערט מען אָפּשמייסן — אַ טייערע מעציאָצע!“ . . .

דאָס שמייסן אין חדר איז געווען אַזאַ געוויינלעכע זאַך, אַז די חדר־יינגלעך האָבן ניט געפילט קיין שום בזיון — פון קיין ווייטאָג רעדט מען ניט! „וואָס איז דען אַזעלכעם, אַז מען באַקומט פון רבין עטלעכע לאָקשן? ביז דער חתונה וועט זיך עם פאַרהיילן“. . . אַ בזיון איז געווען נאָר פאַר יענעם וואָס איז שוין געווען אַ חתן. אי דאָס האָט ער נאָר מורא געהאַט פאַר איין זאַך: טאָמער ווערט געוואָר די כלה, און ניט אַזוי די כלה ווי דער כלהס חברטאָרינס — וועלן זיי איר אויפוואַרפן: „דער חתן מיטן געשמיסענעם דאָס“. . .

מאיר איז נאָך ניט געווען קיין חתן און האָט דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט. האָט ער דעריבער געפירט זיין חבר שלום אויפן „דרך־הישר“, געלערנט אים פּאַרקנייטשן דאָס דאַוונען, טראָגן פון קלייט אונטער דער מאַמעס נאָז באָקסערן מיט קאָנפעקטן, מיט גויאישע לעקעכלעך, מיט נאָך גוטע זאַכן — דאָס הייסט ניט חלילה געגנבעט, נאָר „געלקחנט“, און דערפאַר שטראָפט מען ניט אויף יענער וועלט.

דאָס אַלצדינג וואָלט אפשר אָפּגעלאָפן גלאַט, ווען עס זאָל זיך ניט טרעפן מיט מאירן אַן אומגליק: ער איז נעבעך אריבער איבער אַ פּלויט, אריין צום גלח אין גאָרטן און אַנגעריסן אַ פּולן בוזעם מיט באַרלעך. האָט דעם גלחס טאָכטער דערזען דורכן פענצטער. איז דער גלח ארויסגעלאָפן מיט אַ הונט און האָט אים געכאַפּט. האָט אים דער הונט צעריסן, איך בעט איבער אייער כבוד, די הויזן. און דער גלח האָט אראָפּגעריסן ביי אים דאָס היטל און געלאָזט אים גיין וואו די אויגן טראָגן.

וואָלט דאָס אפשר אויך נאָך נישט געווען אַזאַן אומגליק, ווען דאָס זאָל ניט זיין תשעה־באָב! סטייטש, אַלע יידן גייען אָרום אין די זאָקן, קלאָגן און וויינען אויף חורבן בית־המקדש, און ער, ר׳ חיים

---

אַ טייערע מעציאָצע — אָפּגעלאַכט: אַ טייערע מציאה.
בזיון — חרפּה, שאַנד.
מע באַקומט פון רבין עטלעכע לאָקשן — מע באַקומט פון רבין עטלעכע שמיץ מיטן קאַנטשיק.
דרך־הישר — ריכטיקער וועג, גראָדער וועג.
פּאַרקנייטשן דאָס דאַוונען — ניט לייגן קיין אַכט אויפן דאַוונען, ניט דאַוונען, דורכלאָזן שטיקער ביים דאַוונען.

דעם רבס זונדל, שפּאַצירט אַרום אָן אַ היטל און מיט צעריסענע הויזן!

די שטראָף וואָס דער יונג איז נעבעך אויסגעשטאַנען לאָזט זיך ניט באַשרייבן ביי היינטיקע צייטן פון ריינעם פּראָגרעס. און נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס מען האָט שלום נחום וועוויקס געמוזט אַפּנעמען פון חדר. קוקנדיק אויף נחום וועוויקס, האָבן אַנדערע טאַטעס אויך אָפּגענומען זייערע קינדער. איז נעבעך ר׳ חיים דער רב געבליבן אָן אַ קנעלונג. האָט אים דאָס רבנות מיטן חזנות געגעבן ווינציק פּרנסה. האָט ער זיך געמוזט אַריבערפּעקלען צוריק אין זיין שטעטל. און אָט אַזוי איז פאַרלאָרן געגאַנגען דער צווייטער חבר פון אונדזער העלד. . .

. . . אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום, אַז די צוויי חברים האָבן זיך באַגעגנט, איז איינער געווען שוין אַ באַרימטער אַרטיסט מעד־וועדיעוו, און דער אַנדערער האָט שוין געשריבן פעליעטאָנען אונ־טערן נאָמען שלום־עליכם.

---

בלייבן אָן אַ קנעלונג — בלייבן אָן תלמידים, גיט האָבן מיט וועמען צו לערנען.
רבנות — די פּראָפעסיע פון אַ רב.
חזנות — די פּראָפעסיע פון אַ חזן.

www.libtool.com.cn

# 10

## חבר „סירקאָ“

אַ הונט אַ חכם און אַ בעל־דרך־ארץ. — אַ גילגול פון אַ מענטשן. — אַ געטרייער חבר. — אַ מיאוסער בילבול. — הייסע טרערן.

איך מיין, אַז נאָכן נאָמען אַליין איז ניט שווער צו שטויסן זיך, אַז סירקאָ איז געווען נישט קיין מענטש, נאָר אַ הונט, אַ געווײנלעכער הונט מיט אַ גרויער פעל.

איך זאָג: אַ הונט אַ געווײנלעכער — איך מוז זיך אָבער באַלד פאַרענטפערן, אַז ניין, ניט קיין געווײנלעכער, ווי מיר וועלן עס באַלד געוואַר ווערן. פריער אָבער מוז מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם הונטס ביאָגראַפיע — פון וואַנעט קומט צו אַ ייִדן אַ הונט? איז אַזאַ מעשה:

אַז נחום וועוויקס איז אַראָפּגעקומען פון פּערעיאַסלאַוו אין וואַראַנקאַ אַריין און איבערגענומען דעם הויף מיטן גאַנצן אינווענטאַר, האָט זיך אין הויף געפונען דער הונט סירקאָ, נאָך גאָר אַ יונגער, נאָר שוין אַ פאַרשטענדיקער, אַן אמתער „בר־דעת“ אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געקענט די נייע באַלעבאַטים — איז איינס; און דאָס צווייטע: פאַר אַ ייִדן האָט ער געהאַט דרך־ארץ, ניט געטשעפּעט חלילה ווי אַנדערע הינט, וואָס האָבן אַ טבע — ווי באַלד זיי דערזעען פאַר זיך אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַהאַ, אַזוי ווערן זיי מלא רציחה. . .

פאַרשטייט זיך אַז מיט די נייע באַלעבאַטים האָט סירקאָ ניט

---

בעל־דרך־ארץ — איינער וואָס האָט דרך־ארץ.
גילגול — די נשמה פון אַ פאַרשטאָרבענעם וואָס באַזעצט זיך אין אַן אַנדער גוף.
שטויסן זיך — דאָ: טרעפן, פּרוּוון טרעפן.
בר־דעת — פאַרשטענדיקער מענטש.
מלא רציחה — פול מיט רציחה.

געהאַט קיין שום מגע־ומשא, אין שטוב ניט אַרײַנגעשמעקט אַפילו. מסתמא האָט מען אים לכתחילה געגעבן אַנצוהערעניש מיט אַ שייט האָלץ איבערן קאָפּ, אַז אין אַ יידישער שטוב זאָל אַ הונט ניט קריכן.

אין קיך אַרײַן האָט ער אויך ניט געהאַט קיין צוטריט. „פרומע די מויד” מיטן בלינדן אייגל האָט אים אָפּגעוויינט דערפון סך־הכל מיט זודיק וואַסער, וואָס זי האָט איין מאָל אין אַן ערב־שבת אויס־געגאָסן אויף אים מיט אַ כיוון און אָפּגעקאָכט אים אַ שטיק פעל, און דווקא גאָר אין גוטן מוט, און נאָך געלאַכט אויך.

אַרויסגעטריבן געוואָרן אַזוי מיאוס סיי פון שטוב סיי פון קיך, וואָלט אַן אַנדער הונט אויף זיין אָרט געווים אָפּגעטראָטן פונעם דאָזיקן הויף: „לעבט אייך הונדערט און צוואַנציק יאָר!” ניין, סירקאָ איז געווען ניט אַזאַ מין. ער זאָל וויסן — דער טויט זאָל זיין, וועט ער פון הויף ניט אַוועק! דאָ איז ער געבאָרן געוואָרן, דאָ וועט ער פּגרן. . . ובפרט ער האָט געהאַט גוטע מליצים פאַר זיך: די קינדער פון דעם באַלעבאָס. אַ סך, אַ סך הינט וואָלטן זיך געווינטשן האָבן אַזאַ אויסקומעניש מיט אַזעלכע קעסט, ווי סירקאָ האָט געהאַט. פונעם שענסטן און פונעם בעסטן האָבן אים חברה אַרויסגעטראָגן אין די קעשענעס, פאַרשטייט זיך בסוד־סודות, אַז קיינער זאָל ניט זען און אַפילו ניט אָנשטויסן זיך, ווײַל ס׳וואָלט געקאָנט זיין זייער מיאוס פאַר ביידע צדדים. סירקאָ האָט שוין געוואוסט די צייט פון אָנבייסן, פון וואַרעמעס און פון וועטשערע, און האָט שוין אַרויסגעקוקט מיט אַלע אויגן, ווען וועט מען אים שוין אַרויסטראָגן פון אַלע גוטע זאַכן. ער האָט שוין געוואוסט אַפילו, ביי וועמען אין וואָסער אַ קעשענע אָנצושמעקן און האָט שוין אַליין געשטופּט די מאָרדע אַהין — אַ הונט אַ חכם!

הײַנט די קונצן וואָס חברה האָבן אים אויסגעלערנט! אַנידער־לייגן אים למשל אויפן שפּיץ אַן אָפּגעלעקט ביינדל אָדער אַ שטיק ברויט און זאָגן אים אויף גויאיש: „ריר ניט” (געוויינלעך רעדט מען מיט אַ הונט אויף גויאיש) — וועט ער אייך וואַרטן מיט דרך־ארץ ווי פיל איר ווילט, ביז ער וועט דערהערן דאָס גוטע וואָרט

---

מגע־ומשא — פאַרקער, באַריר, שייכות, קאָנטאַקט.
לכתחילה — פון אָנהייב.
מיט אַ כיוון — אומישנע, מיט אַ קלאָרן צוועק, ספּעציעל.
בפרט — באַזונדערס.
מליץ — פאַרטיידיקער.
בסוד סודות — גאָר בסוד.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

„האָם". דעמאָלט טוט ער אַ שפּרונג אונטער און — פאַרטיק.

ווינטער ביי נאַכט, ווען די קינדער גייען אין חדר אַריין, האָט זיך סירקאָ נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף זיינע חברים, און אַלע מאָל, אַרום זייגער ניין, איז ער אויסגעוואַקסן הינטערן פענצטער, געשאַרט מיט די לאַפּעס איבער די געפרוירענע שויבן — אַ סימן אַז ס'איז שוין צייט צו פאַרמאַכן די ספרים און גיין אַהיים עסן וועטשערע. ביים רבין איז סירקאָ געווען להבדיל אַ זייגער. „נישט אַנדערש — האָט ער געזאָגט — אַז אייער הונט איז אַ גילגול" — און געלאָזט די קינדער פריי. די קינדער נעמען די פּאַפּירענע, מיט שמאַלץ באַשמירטע לאַמטערנעס און גייען אַהיים האָפּערדיק, מיט פריילעכע יוונישע לידער.

סירקאָ איז געלאָפן אויף צו־פריער און פאַר גרוים פרייד און התפּעלות געשפּרונגען און געקאַטשעט זיך אין שניי — און אַלץ צוליב די שטיקלעך ברויט מיט די אָפּגעלעקטע ביינדלעך פון דער וועטשערע. אַ הונט אַ חכם!

ווי פיל מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אויפן האַרצן איז וויסט, אויף דער נשמה סומנע, אין דער היים געכאַפּט אַ פּסק, אין חדר פאַר־בעסערט — דעמאָלט פאַרקלייבט זיך שלום נחום וועוויקס ווייט אין גאָרטן, אויף יענער זייט ביימער, און סירקאָ מיט אים. דאָרט, הינטערן פּלויט, אויף אַ בערגל מיסט, זעצט ער זיך אַוועק מיט זיין געטרייען סירקאָ, וואָס ציט אוים די מאָרדע, קוקט גלייך אין די אויגן אַריין, ווי אַ זינדיקער מענטש.

„וואָס קוקט ער? וואָס טראַכט ער בעת מעשה? פאַרשטייט ער טאַקע יעדער זאַך ווי אַ מענטש? האָט ער אויך אַ נשמה ווי להבדיל אַ מענטש? . . ." און עס קומט אים אויפן זינען דעם רבינס ווערטער: „דער הונט איז אַ גילגול פון אַ מענטשן" . . . און ער קוקט מיט רחמנות און צו גלייכער צייט מיט דרך־ארץ אויפן הונט, און דער הונט — אויף אים, ווי זיינער אַ גלייכן. אַ הונט אַ חבר! אַ טייערער, אַ געטרייער חבר — סירקאָ!

ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטעלן זיך, וואָס וועט זיין אַז סירקאָ וועט ניט זיין? ווי איז דאָס מעגלעך? סירקאָ איז דען אַ מענטש, וואָס זאָל אַוועקפאָרן און פאַרגעסן דעם זיי־געזונט?

---

האָפּערדיק — שטאָלץ, גרויס ביי זיך, אָנגעבלאָזן.
יוונישע — סאָלדאַטישע, זעלנערישע; יוון — אַ סאָלדאַט, אַ זעלנער, אַ רוס.
התפּעלות — באַגייסטערונג.
סומנע — אומעטיק, טרויעריק, פינצטערלעך, אומהיימלעך.
פּלויט — פּאַרקאַן, צוים.

www.libtool.com.cn

ווי פיל מאָל האָבן גויים געפּרואווט פאַרנאַרן סוקאָן צו זיך אין דאָרף אַריין — איז ער דען נישט געקומען צו לויפן אויף מאָרגן אַ פאַרסאָפּעטער, מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג און געוואָרפן זיך, און געקאַטשעט זיך, און געשפּרונגען צו זיין האָר אויפן האַלדז, און געקוויטשעט, און געלעקט אים דעם קאָלנער, און מע וואָלט גע־מעגט שווערן, אַז טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן!

און דאָך . . . ס'איז געווען אַ זומער פון שרעקלעכע היצן, אַן אַ טראָפּן רעגן. מענטשן זיינען ממש אויסגעגאַנגען פון היץ. און דאָס ווייסט איר דאָך, אַז אין די גרויסע היצן זיינען די הינט מסוכן — זיי ווערן משוגע.

איז אַרוים אַ קלאַנג אין שטעטל אַז אַ הונט איז משוגע גע־וואָרן און האָט צעביסן נאָך עטלעכע הינט, מע ווייסט נים וועלכע. איז געפאַלן אַ פּחד אויף די שטאָט-לייט, און מע האָט זיך גענומען קודם צו אַ מיטל אויף צו פאַרהיטן קליינע קינדער, טאָמער איז עמעצער חלילה צעביסן געוואָרן פון אַ משוגענעם הונט.

דאָס דאָזיקע מיטל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע האָט אַלע קינדער אָפּגעשיקט צו אַן אַלטן גוי אַ זנאַכער, וואָס האָט שאַרפע נעגל, און מיט זיינע שאַרפע נעגל קאָן ער „אַראָפּנעמען בלויע הינ־טעלעך" פון אונטער דער צונג, און אַזוי קונציק אַז מע זאָל גאָרנים פילן. די אָפּעראַציע איז נים אַזאַ מסוכנע, נאָר שטאַרק אָנגענעם איז דאָס אויך נים, אַז אַ גוי קריכט צו אייך מיט די נעגל אין מויל אַריין און זוכט ביי אייך „בלויע הינטעלעך" אונטער דער צונג. . .

דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געגעבן צו די הינט פון שטאָט. מע האָט אַראָפּגעבראַכט גאָט ווייסט פון וואַנעט צוויי הינטשלע־גערס, אָנגעוואָפּנט מיט גראָבע שטריק און מיט אייזערנע קרוקעס, און די הינטשלעגערס האָבן זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט. אין איין טאָג האָבן די דאָזיקע תּלינים אַוועקגעלייגט אַ פּאָר צענד־ליק הינט. אויפן קוק האָבן זיי אייך געקאָנט אָפּשאַצן, וועלכער

---

פאַרסאָפּעט — אָטעמט שווער.

ממש אויסגעגאַנגען פון היץ — פאַרשמאַכט פון היץ, שטאַרק אָפּגעשוואַכט, געהאַלטן ביים אומקומען איבער היץ.

מסוכן — געפערלעך.

קודם — צו ערשט, פריער.

זנאַכער — אַ שטיקל כישוף-מאַכער, אַ פויער וואָס קען היילן אויף אַן איבער־נאַטירלעכן אופן.

תּלינים, תּלין — דער וואָס פירט אויס אַ פּסק-דין צו טייטן; דער וואָס הענגט אויף דעם פאַרברעכער; זייער אַ שלעכטער מענטש.

www.libtool.com.cn

הונט איז משוגע און ווערלכער ניט. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אַשטייגער, אַז דער גורל וועט פאַלן אויך אויף דעם גוטן, קלוגן, סטאַטעטשנעם סירקאָ?

אַ סברה אַז די הינטשלעגערס האָבן באַקומען זייער לוין נאָכן צאָל פון די אויסגעהרגעטע הינט, און ווי באַלד אַזוי איז גאַנץ מעגלעך, אַז ס'זיינען געווען נעבעך אַ סך אומשולדיקע קרבנות — און סירקאָ איינער פון די ערשטע.

פון דעם אומגליק זיינען די קינדער געוואָר געוואָרן שוין לאחר המעשה, קומענדיק פון חדר אַהיים — און זיי האָבן אויפגעהויבן אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין שטוב: „סטייטש, סירקאָ! סטייטש, ווי האָט מען דערלאָזט אַזאַ מעשה!" . . .

פאַרשטייט זיך אַז די רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ קאָנטער־רעוואָלוציע: „חדר־ייִנגלעך זאָלן אין זינען האָבן הינט!" און מע האָט זיי מכבד געווען מיט רעכטע פעטש און אויף צו פאַרבייסן האָט מען זיי צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבין, געבעטן ער זאָל ניט זשאַלעווען קיין שמיץ. און דער רבי האָט צוליב געטאָן — ניט געזשאַלעוועט קיין שמיץ. . . אוי, שמיץ! . . .

נאָר דאָס אַלצדינג איז געווען גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס סירקאָ איז נעבעך אומגעקומען אומזיסט־אומנישט!

מער פון אַלע איז געווען דערשלאָגן סירקאָס ליבלינג — דער מחבר פון די דאָזיקע מעמוארן. ער האָט עטלעכע טעג דורך אַנאַנד ניט געגעסן, עטלעכע נעכט ניט געשלאָפן, געקאַטשעט זיך אויף אַלע זייטן, געזיפצט און געקרעכצט שטילערהייט, נישט געקאָנט מוחל זיין די שלעכטע בייזע מענטשן, וואָס האָבן ניט אין זיך קיין קאַפּ רחמנות, קיין צער בעל־חיים, קיין טראָפּן יושר — און ער האָט שטאַרק־שטאַרק נאָכגעקלערט נאָך דעם, וואָס איז אַ הונט און וואָס איז אַ מענטש להבדיל?. . . . פאַר וואָס איז אַ הונט אַזוי געטריי צו אַ מענטשן, און פאַר וואָס איז אַ מענטש אַ תלין? . . .

און עס קומט אים אויפן זינען סירקאָ מיט די קלוגע, גוטע אויגן, און ער פאַלט צו מיטן פּנים צום קישן און באַנעצט אים מיט ביטערע, ביטערע טרערן.

---

סטאַטעטשנע — רואיק, געלאַסן, פאָלגעדיק, מיט גוטע מאַנירן.
אַ סברה — פאַראַן אַ מיינונג; עס קען זיין אַז...
לאחר המעשה — נאָך דער מעשה, נאָך אַלעמען, נאָך דעם.
קאַפּ — אַ טראָפּעלע, אַ ביסעלע.
צער־בעלי־חיים — מיטגעפיל צו לעבעדיקע באַשעפענישן.

www.libtool.com.cn

# 11 דער יצר־טוב און דער יצר־הרע

די באָבע מינדעס שבת־אויבסט. — מוסר־זאָגער. — די קינדער העלפן דער מאַמע אויפן יאַריד. — קאָרטן לכבוד חנוכה. — בערל דער אַלמנהס לערנט גנבענען. — אַ יונג אַן אויסוואָרף.

טאָמער וואָלט אַ ייִנגל פאַרגעסן אַז ער האָט געהאַט אַ הונט פאַר אַ חבר, האָט מען אים דערמאָנט אויף יעדער טריט און שריט: „סירקאָ האָט דיר געלאָזט גריסן”. . . און ביי אַזאַ געלעגנהייט האָט מען אים שוין דערווייל אַריינגעזאָגט אַ ביסל מוסר — ער זאָל האָבן צו געדענקען אויף ווייטער.

דאָס זאָגן מוסר איז פאַר אים געווען אַ סך ערגער פון פעטש. די קינדער האָבן אָנגעהערט זיך אַזוי פיל מוסר, שטראָפרייד און מאָראַל, אַז עס האָט שטענדיק געזשומעט אין די אויערן: „זשו־זשו־זשו — דאָס זאָלסטו נישט טאָן!” „זשו־זשו־זשו — דאָ זאָלסטו ניט שטיין!” „זשו־זשו־זשו — אַהין זאָלסטו ניט גיין!” אַלע האָבן געזשוזשוקעט: טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, דער רבי, די דינסטמויד, די פעטערס, די מומעס, די באַבע, איבערהויפּט טאַקע די באַבע מינדע.

די באָבע מינדע — דאָס איז געווען אַ ייִדענע אַ הויכע, אַן אָפּגעפּוצטע און אַ פרומע מיט סכנת נפשות! איר עובדא איז געווען — אַכטונג צו געבן אויף די קינדער און אויף זייער

---

יצר־הרע — דער שלעכטער ווילן.
יצר־טוב — דער גוטער ווילן.
שבת־אויבסט — פרוכט וואָס מע גיט לכבוד שבת.
מוסר — שטראָפרייד.
אויסוואורף — זייער אַ שלעכטער; דער וואָס דאַרף אַרויסגעוואָרפן ווערן פון צווישן מענטשן.
עובדא — אַרבעט, פליכט, אויפטו, פונקציע.

www.libtool.com.cn

יידישקייט: אויסגלעטן די אייניקלעך די פאות מיט באַשפּייטע פינגער, אַפּרייניקן און אויסגלייכן די מלבושימלעך, זיך צוהערן ווי זיי דאַוונען, בענטשן און לייענען קריאת־שמע פאַרן שלאָפן גיין. דערפאַר האָבן אַלע אייניקלעך געמוזט קומען צו איר שבת ביי טאָג זאָגן דער באָבען אַ גוט־שבת, זיך אויסזעצן ווי די סטאַטיקעס ביי דער וואַנט און זיצן און וואַרטן, ביז זי וועט געבן „שבת־אויבסט״. געגעבן האָט זי דעם „שבת־אויבסט״ עפּעס ניט אַזוי ברייטלעך, נאָר דערפאַר אויף ריינע גלאַנצנדיקע שעלכלעך: אַן עפּעלע, אַ פערשקע, אַ באָקסער, אַ פייג אָדער דריי־פיר איינגעדאַרטע ראָזינקעס, און מוסר האָט זי דערביי געזאָגט אַן אַ שיעור!

דער מוסר איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מע באַדאַרף פאָלגן טאַטע־מאַמע און גוטע־פרומע לייט, און אַז מע באַדאַרף זיין יידן, און אַז גאָט וועט שטראָפן פאַר איטלעכם ברעקעלע — פאַר ניט דאַוונען, פאַר ניט פאָלגן, פאַר ניט לערנען, פאַר שטיפן און אפילו פאַר אַ שלעכטע מחשבה, און אפילו פאַר אַ פלעק אויף דער קאַפּאָטע, — אַזוי אַז עס איז כמעט נישט איינגעגאַנגען דאָס עפּעלע, די פערשקע, דער באָקסער, די פייג אָדער די דריי־פיר איינגעדאַרטע ראָזינקעס.

נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט געהאַט דער באָבעס מוסר אַקעגן יענעם קוואַל פון מוסר, וואָס דער רבי האָט נאָך דעם אויסגעגאָסן פאַר זיינע תלמידים טאַקע דעם זעלבן שבת ביי טאָג פאַר מנחה דאַוונען? טייכן טרערן האָט ער אויסגעצויגן פון אַלעמעס אויגן — אַזוי שאַרף און בולט האָט ער אויסגעמאָלט דעם יצר־טוב מיטן יצר־הרע, דעם גן־עדן מיטן גיהנום. מילי־מיליאָסן רוחות און ניט־גוטע האָט ער אויסגעשפּרייט פאַר די תלמידימס פּים...

הכלל, ס׳איז אויסגעקומען, אַז ס׳איז נישט געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פון עם יצר־הרע, אין ערגעץ, סיידן לייג זיך און שטאַרב! און דאָ, אויף צו־להכעיס, ווילט זיך דווקא אַ לעב טאָן, און דווקא אַ שטיף טאָן, און דווקא לאַכן, און דווקא נאַשן, און דווקא אָפּכאַפּן דאָס דאַוונען, און דווקא טראַכטן פון דעם וואָס מע טאָר ניט...

און דער יצר־הרע האָט שוין אַזאַ גליק, אַז אים פאָלגט מען אַ סך מער ווי דעם יצר־טוב. עס העלפט נישט קיין שום מוסר זאָגן.

---

סטאַטיקעס — פאָלגעדיקע קינדער, גוט דערצויגענע, שטילע, מיט גוטע מאַנירן.
שעלכלעך — טעצלעך, saucers.
פערשקע — peach.
מחשבה — געדאַנק.
בולט — קלאָר, אַרויסגעהויבן, אַרויסגעשטאַרצט.

www.libtool.com.cn

אדרבה, וואָס מער דער יצר־טוב פלייסט זיך, אַלץ שטאַרקער אַרבעט דער יצר־הרע. איך האָב מורא אַרויסצורעדן, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין יצר־טוב, וואָלט דער יצר־הרע נישט געהאַט וואָס צו טאָן. . .

און מיט נחום וועוויקס קינדער האָט זיך דער יצר־הרע באַגאַנגען ווי אַ מערדער. נאָך ווייניק וואָס די קונדסים האָבן פאַרקניטשט דאָס דאַוונען, העכער האַלב איבערגעהיפּערט און געזאָגט דער באָבען אַ גרויסן ליגן, אַז זיי האָבן אויסערן דאַוונען נאָך געזאָגט עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים, — האָבן זיי נאָך פּשוט אויסגעלערנט זיך גנבענען, נאַשן, קאָרטן שפּילן און נאָך אַנדערע עבירות. פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלצדינג איז געגאַנגען בהדרגה, איינס האָט מיטגעשלעפּט דאָס אַנדערע. און געגאַנגען איז דאָס אָט ווי אַזוי:

די וואָראָנקעווער יידן האָבן געלעבט פונעם גוי און איבערהויפּט פון די גרויסע יאַרידים. אויף די דאָזיקע יאַרידים האָבן יידן אַרויסגעקוקט, האָבן זיך געטומלט, געמאַכט געשעפטן, געלייזט געלט, און גויים האָבן געטאָן זייערס — זיי האָבן געגנבעט, און איבערהויפּט די גויעס. ס'איז גאָרניט געווען אויסצושטיין און איינהיטן זיך פון זיי! אָט האָט איר ביי איינער אַרויסגעטריישלט פון אַרבל אַ פאַטשיילע אָדער אַ סטענגעלע, און אָט האָט שוין די אַנדערע גויע אַוועקגעלקחנט אונטער דער נאָז אַ חלבן ליכטל אָדער אַ באָקסער. וואָס טוט מען? איז די מאַמע געפאַלן אויף אַן עצה: אַוועקגעשטעלט אירע ייִנגלעך אין קלייט, זיי זאָלן אַכטונג געבן, מע זאָל ניט גנבענען — און חברה האָבן איר גוט און געטריי אַכטונג געגעבן:

אַ חוץ וואָס מע האָט אָנגעשטופּט פולע קעשענעס מיט באָקסערן, מיט טיטון, מיט ניסלעך און מיט טרוקענע פלוימען, האָט מען זיך נאָך צוגעכאַפּט צום גרינגעם קעסטעלע וואו דער פדיון איז געלעגן, און אַקוראַט בעת די מאַמע האָט זיך פאַררעדט מיט אַ קונהטע, האָט מען אַריינגערוקט אין קעשענע אַ פאָר מזומנע מטבעות, און מען איז אַוועק מיט זיי דערנאָך אין חדר און דאָרט פאַרנאַשט אָדער גאָר פאַרשפּילט אין קאָרטן.

---

בהדרגה — ביסלעכווייז.
סטענגעלע — בענדל.
חלבן ליכטל — אַ ליכטל פון חלב, tallow-candle.
טיטון — ביליקער טאַבעק.
פדיון — לייזונג, דאָס געלט וואָס מע קריגט פאַר סחורה.

www.libtool.com.cn

שפּילן אין קאָרטן איז געווען אַ מין חולאת, אַן עפּידעמיע אין אַלע יידישע חדרים, וואָס גענומען האָט זיך עס פון חנוכה און איז פאַרבליבן אויפן גאַנצן ווינטער. עס איז באַוואוסט אַז חנוכה איז אַ מצווה צו שפּילן. ווער סע שפּילט אין דריידל און ווער סע שפּילט אין קאָרטן. אמת, מיר מיינען נישט חלילה קאָרטן ממש, אָפּגעדרוקטע קאָרטן; מיר ריידן דאָ פון געמאַכטע, פון יידישע קאָרטן. נאָר ס'איז אַלץ איינס. דער אייגענער יצר־הרע מיטן אייגענעם אַזאַרט.

געקומען חנוכה, האָט דער רבי אליין נישט נאָר געהייסן שפּילן קאָרטן — ער האָט אויך גענומען אָנטייל אינעם שפּילן און איז אדרבה געווען גאַנץ צופרידן אָפּצוגעווינען ביי זיינע תלמידים דאָס גאַנצע חנוכה־געלט. און פאַרשפּילן דעם רבין דאָס חנוכה־געלט איז געווען אַ פאַרגעניגן און אַ כבוד און אַ פרייד; בעסער צו פאַרשפּילן דעם רבין דאָס חנוכה־געלט, איידער זיין פון רבין אַ געשמיסענער — דאָס וועט דאַכט זיך צוגעבן יעדער פאַרשטענ־דיקער מענטש. . .

דערפאַר אָבער אַז ס'איז אַוועק חנוכה, איז געווען אוים יום־טוב און אוים קאָרטן! דאָס הייסט דער רבי האָט אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: טאָמער וועט זיך דערוועגן עמעצער צורירן זיך צו אַ קאָרט, אָדער אַפילו ריידן פון קאָרטן, אָדער טראַכטן וועגן קאָרטן — איז ער אַ געשמיסענער!

אַפּנים אַז דער רבי איז אַליין געווען אַמאָל אַ רעכטער קונדס און האָט ליב געהאַט אַ קערטל נישט נאָר לכבוד חנוכה. ווארעם אַז ניט, פון וואַנעט נעמט זיך צו אים גאָר דער דאָזיקער גע־דאַנק? . . . ווי אַזוי די מעשה איז, נאָר זיינע תלמידים האָבן דעם גאַנצן ווינטער נאָך חנוכה געשפּילט אין קאָרטן מיט אַ סך מער היץ און מיט נאָך אַ גרעסערן אַזאַרט ווי חנוכה. מען האָט פאַרשפּילט די אָנבייסנס מיט די מיטאָגס, מע האָט פאַרשפּילט וואו ווער ס'האָט געהאַט אַ מזומנעם גראָשן. און אַז ס'איז ניט געווען קיין געלט און שפּילן האָט זיך געוואָלט, האָט מען געזוכט כלערליי וועגן אויף צו קריגן געלט.

ווער עס האָט זיך דערגריבלט צו דער צדקה־פּושקע און דורך אַ שטרויעלע מיט וואַקס אַרויסגעקראַגן פון דאָרטן איינציקווייז די פּאַרוויינטע גראָשנס, וואָס די מאַמע האָט אַהין אַריינגעוואָרפן

---

אַזאַרט — hazard, gamble.

מיטן האַרבן וואָרט — שטרענג, מיטן שטרענגן וואָרט.

www.lbtool.com.cn

אַלע פרייטיק פאַר נאַכט פאַר ליכט-בענטשן. ווער עס האָט זיך אַן עצה געגעבן דורך אַ שליחות אין מאַרק עפּעס קריגן אַ פּאָר גראָשנס. און ווער עס האָט זיך פּשוט דערשלאָגן צום טאַטנס בייטעלע אָדער צו דער מאַמעס קעשענע. און דאָס אַלצדינג איז אַוועק אויף קאָרטנשפּיל!

די פראַגע איז נאָר געווען: ו ו ע ן און ו ו א ו? און ווי אַזוי שפּילט מען אַז דער רבי זאָל ניט געוואָר ווערן? דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט די חברים פון דער עלטערער כּתּה, און דערהויפּט אַזאַ יינגל ווי בערל דער אַלמנהס, אַ בחור מיט גראָבע ליפּן און מיט מאָדנע געזונטע ציין וואָס קאָנען ברעכן אייזן. עס האָט שוין דעמאָלט זיך געשיט אים אַ בערדל, און ער אַליין איז שולדיק אין דעם: ווייל ער רייכערט. אַזוי האָט בערל אַליין געזאָגט אויף זיך. „אַ סימן האָט איר — האָט ער געטענהט — אַט הייבט איר אָן צו רייכערן, וועט זיך ביי אייך אויך אָנהייבן אויסשיטן בערדלעך"... און ער האָט אויסגעלערנט אויף טשיקאַוועס אַ סך חברים רייכערן פּאַפּיראָסן.

און ניט נאָר רייכערן האָט ער זיי אויסגעלערנט — ער האָט זיי באַוויזן אַ וועג, ווי אַזוי מע קריגט דעם מאַטעריאַל אויף צו רייכערן... דאָס הייסט בעסער געזאָגט — ער האָט זיי אויסגעלערנט גנבענען. פאַרשטייט זיך אַז פאַר זיין אויסלערנען האָט בערל באַקומען באַצאָלט, טאַקע מיט טיטון און מיט פּאַפּיראָס-פּאַפּיר.

און בערל האָט זיך געהאַט זיין סיסטעם: דער וואָס האָט אים געפאָלגט און געבראַכט טיטון מיט פּאַפּיראָס-פּאַפּיר — דער איז געווען אַ וואויל יינגל, אַ חבר. און ווער ס'האָט מורא געהאַט אָדער נישט געקאָנט גנבענען — דער האָט ביי אים געהייסן „אַ קוואַטש און אַ לעמעשקע" און איז אַרויס פון חברשאַפט. און אַז ס'איז אים אָפּגעגאָלטן, האָט ער נאָך געכאַפּט געשלאָגן אויך, טאַקע פון אים אַליין, פון בערלען הייסט עס.

באַקלאָגן זיך אויף אים איז געווען אוממעגלעך, וואָרעם דאָס וואָלט געהייסן אַרויסגעבן זיך אַליין, און דערויף זיינען געווען ווינציק העלדן. דעריבער האָט מען געטאָן אַלצדינג וואָס בערל דער אַלמנהס האָט געהייסן, און מע איז געזונקען מיט אים וואָס

---

שליחות — שיקונג, message.
אויף טשיקאַוועס — אויף אַ שפּאַס, פון נייגעריקייט וועגן.

www.libtool.com.cn

ווייטער אַלץ טיפער און טיפער אין אַפּגרונט אַריין. און גאָט ווייסט וואוהין חברה וואָלטן מיט אים פאַרגאַנגען, ווען בערל דער אַלמנהס זאָל ניט האָבן זיין ווייסטן סוף פון זיך אַליין און אויף אַזאַ אופן, וואָס קיינעם וואָלט דאָס גאָר אין קאָפּ ניט איינגעפאַלן.

זיי ווייסן נאָר, אַז ס'איז געווען אַ מעשה איין מאָל אין אַ פרייטיק, האָט מען געכאַפּט דעם בחור אויף יענער זייט באָד, וואו ער האָט אַרויסגעקאַלופּעט אַ שטיקל גלאָז פון אַ פאַרשטעלטער שויב און אַריינגעקוקט מיט איין אויג אינעווייניק אַריין צו די ווייבער ווי זיי באָדן זיך.

ווייזווי, וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין שטעטל! זיין מאַמע, די אַלמנה, האָט געחלשט, און אים האָט מען אָפּגענומען פון חדר און ניט אַריינגעלאָזט אין בית־מדרש אַריין. און קיין יינגל, אַבי נאָר אַ טאַטנס אַ קינד, האָט ניט דערוועגט זיך מער צו באַגעגענען זיך מיט דעם „משומד". אַזוי האָט מען אים נאָך דעם אַ נאָמען געגעבן. און בכדי צו פאַרענטפערן אַפּנים דעם דאָזיקן נאָמען האָט זיך בערל דער אַלמנהס אין אַ צייט אַרום, זיין מאַמע די אַלמנה האָט שוין דעמאָלט ניט געלעבט, אָפּגעשמדט און פאַרפאַלן געוואָרן.

---

אַפּגרונט — .abyss
ווייסטער סוף — טרויעריקער סוף.
אויסקאַלופּען — אַרויסקריגן עפּעס פון אַן ענגן אָרט.

www.libtool.com.cn

# 12

## פייגעלע־אַשמדאַי

שקצים ווערן בעלי־תשובה. — אַ רוח ,נישט קיין מיידל. — אַ „דאַמאַוויק״ וואָס טוט אָפּ מעשים. — געכאַפּט דעם לץ. — מע מאַכט חתונה אַן אויסגעלאָזענע מויד און זי ווערט אַן אשה צנועה.

פונדעסטוועגן דאַרף מען נים מיינען, אַז דער יצר־הרע האָט אין גאַנצן אויסגעפירט און אַז דער יצר־טוב איז אַלע מאָל געווען הינטערשטעליק. מע דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז געווען אַ חודש אלול אויף דער וועלט, מיט תשובה־טעג, מיט אַ ראש־השנה און יום־כיפור און גלאַט תפלות און תעניתים. נישט קוקנדיק אויף די קליינע גנבהלעך, אויף די קאָרטן און אויף די אַנדערע יינגלשע עבירות, קאָן מען זאָגן גאַנץ זיכערלעך, אַז דער מיטלסטער פון די ברידער, שלום נחום וועוויקס, איז געווען באמת פרום, מורא געהאַט פאַר גאָט און געגעבן זיך נים איין מאָל דאָס וואָרט, אַז ער וועט עלטער ווערן, וועט ער זיך פאַרבעסערן און וועט אים ירצה השם זיין גוט און פרום, אַזוי ווי די באַבע מינדע האָט געהייסן, און אַזוי ווי דער רבי האָט געהייסן, און אַזוי ווי אַלע גוטע־פרומע לייט הייסן.

אָפּט מאָל האָט זיך געטראָפן אַז ער האָט געוויינט ביים דאַוו־

---

אשמדאי — דער האַר איבער די טייוולאָנים.
בעלי־תשובה — מענטשן וואָס טוען תשובה.
רוח — גייסט, טייוול, שד.
„דאַמאַוויק״ — אַ שדל וואָס וואוינט אין אַ שטוב.
לץ — דאָ: אַ טייוול וואָס טוט אָפּ שפּיצלעך.
אשה צנועה — אַ פרומע פרוי.
חודש אלול — דער חודש פאַר ראש־השנה.
תשובה־טעג — די טעג פון תשובה: די טעג פאַר ראש־השנה און פון ראש־השנה ביז איבער יום־כיפור.

www.libtool.com.cn

נעז, זיך געשלאָגן על־חטא, און אַן אמתער בעל־תשובה איז ער געוואָרן, אַז ס'איז געקומען די צייט פון תשובה־טעג, פון ימים נוראים.

זיין גוט און פרום איז בכלל זייער זיס און אָנגענעם. נאָר ווער עס האָט אַמאָל געפרוואווט זיין אַ בעל־תשובה — דער וועט מודה זיין, אַז קיין בעסערע זאַך קאָן שוין גאָר אויף דער וועלט ניט זיין. אַ בעל־תשובה איז אַ מענטש וואָס בעט זיך איבער מיט גאָט. און וואָס קאָן זיין בעסער פון דעם אַז מע בעט זיך איבער? אַ בעל־תשובה פילט זיך גאַנץ, און שטאַרק, און ריין און פריש, און נייגעבוירן, און קאָן קוקן איטלעכן גלייך אין די אויגן אַריין. ס'איז גוט, אויסגעצייכנט גוט צו זיין אַ בעל־תשובה!

איז אָבער דער יצר־הרע — ניט געדאַכט זאָל ער ווערן! מישט ער זיך אַריין און מאַכט קאַליע אין גאַנצן. דאָס מאָל האָט ער זיך באַוויזן אין געשטאַלט פון אַ דאָרפיש מיידל מיט געגרייזלטע האָר און מיט גרינע אויגן. פון וואַנעט האָט זיך גענומען דאָס מיידל, וועט איר הערן.

אויף אַלע ימים־נוראים זיינען זיך צונויפגעפאָרן פון די אַרומיקע דערפער אינעם קליינעם שטעטל וואָראָנקאָ דאָרפס־יידן, אָדער „יום־טובניקעס" ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן. יעדער באַלעבאָס האָט זיך געהאַט זיין יום־טובניק מיט זיין יום־טובניטשקע. נחום וועוויקס יום־טובניק איז געווען אַ וויטער קרוב מיטן נאָמען ליפשיץ. דאָס איז געווען אַ פרומער ייד מיט אַ ברייטן שטערן, אַ שטערן פון אַ בעל־מוח, כאָטש באמת איז ער געווען נישט אַזאַ גרויסער חכם. און אַ ווייב האָט ער געהאַט אויך אַ פרומע, וואָס האָט ליב געהאַט דאַוונען און שמעקן טאַבעק. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, נאָר אַ דינסטמיידל, אַ יתומה און אַ וויטע קרובה, און געהייסן האָט זי פייגל. ביי די קונדסים האָט זי געהאַט אַן אַנדער נאָמען — „פייגעלע־אַשמדאַי", דערפאַר וואָס דאָס איז געווען אַ ברען, אַ רוח, ניט קיין מיידל, געהאַט אין זיך יינגלשע גענג, ליב געהאַט שטיפן מיט יינגלעך אַז קיינער זאָל ניט זען, דערציילן זיי מעשיות און זינגען לידלעך, צום מיינסטן — גויאישע.

איין מאָל — ס'איז געווען חול־המועד סוכות, אַ וואַרעמע, אַ ליכ־

---

זיך שלאָגן על־חטא — ווען מע טוט תשובה, שלאָגט מען זיך ביי אַ געוויסער תפילה מיטן האַנט אין האַרצן.

ימים נוראים — מוראדיקע טעג, די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור.

בעל־מוח — אַ באַזיצער פון אַ מוח, אַ קלוגער.

חול־המועד סוכות — די האַלבוואָכעדיקע טעג צווישן די ערשטע און לעצטע טעג סוכות.

טיקע נאַכט — האָט זי זיך צוגעגנבעט צום געלעגער וואו די יינגלעך זיינען געשלאָפן (צוליב די יום־טובניקעס די קרובים האָט מען די יינגלעך אויסגעלייגט שלאָפן אין הויף, אויף דער ערד), און האָט זיך אוועקגעזעצט אַ האלב־נאַקעטע, גענומען זיך צעפלעכטן די האָר און בעת מעשה דערציילן מאָדנע מעשיות. דאָס זיינען ניט געווען די מעשיות, וואָס שלומס חבר, שמואליק דער יתום, פלעגט דערציילן. דאָס זיינען געווען מעשיות פון רוחות און לצים וואָס טוען אָפּ שפּיצלעך אַלערליי: קערן איבער די מלבושים אויף דער לינקער זייט, שטעלן איבער דאָס מעבל, בלעטערן איבער די ספרים, ברעכן דאָס געפעס, שלעפּן אַרויס די טעפּלעך פון אויוון און נאָך אַזעלכע מעשים. און פון מכשפים האָט זי גענומען דערציילן, פון מכשפים און מכשפות, ווי אַזוי אַ מכשפה, אַז זי וויל נאָר, קאָן זי פאַרמוטשען הונדערט מענטשן נאָר מיט איר קיצלען אַליין. . .

— קיצלען? וואָס הייסט דאָס: מיט איר קיצלען?

— קיצלען ווייסט איר ניט וואָס הייסט? אָט וועל איך אייך ווייזן ווי אַזוי אַ מכשפה קיצלט.

און פייגעלע־אַשמדאי האָט זיך אַ לאָז געגעבן מיט די צע־פּאַטלטע האָר באַווייזן ווי אַזוי אַ מכשפה קיצלט. פריער האָבן די יינגלעך געלאַכט, דערנאָך האָבן זיי גענומען זיך אָפּשלאָגן פון איר, זיך באַרען. חברה האָבן זיך רעכט איינגעפלאָנטערט איר אין די צעפּאַטלטע האָר. פייגעלע האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן, דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, די אויגן (העל־גרינע אויגן ווי ביי אַ קאָץ) האָבן געגלאַנצט. אַקעגן דער שיין פון דער לבנה האָט זי אויסגעזען ווי אַן אמתע מכשפה! נאָר ערגער פון אַלץ איז גע־ווען דאָס וואָס די דאָזיקע מכשפה האָט זיי ניט נאָר בייגעקומען אַלע־מען, נאָר זי האָט זיי איינציקווייז אַרומגענומען און געקושט גלייך אין די ליפּן אַריין.

גאָט איז אַן עדות אַז די יינגלעך האָבן זיך געקושט מיט אַ מיידל קעגן זייער אייגענעם רצון. קען מען אויסבעטן ביים רבונו־של־עולם, ער זאָל דאָס דאָזיקע נישט־ווילנדיקע קושן זיך נישט פאַר־רעכענען פאַר אַ צו גרויסע עבירה. . .

דעם זעלביקן ווינטער — אַרום חנוכה איז דאָס געווען — קומט צו פאָרן דער דאָרפס־ייִד ליפשיץ מיט אַ ניים, אַז ביי אים

צעפּאַטלטע האָר —צעלאָזענע האָר, צעשויבערטע האָר, האָר אין אַן אומאָרדענונג.
באַרען זיך — ראַנגלען זיך.

www.libtool.com.cn

אין שטוב האָט זיך פֿאַרנאָדעט אַ לץ, אַ „דאָמאָווויק“, וואָס מאַכט אים אומגליקלעך. תּחילת האָט דער לץ געמאַכט פֿון זיי נאַר חוזק: אַלע נאַכט האָט ער איבערגעבלעטערט די גמרות, צעריסן די סידורים מיט די חומשים, איבערגעקערט די טעלער אין שאַפֿע, צעבראָכן די טעפּ, אַריינגעוואָרפֿן אין פּאַמעניצע דאָס תּפֿילין־זעקל, דעם געמאָלטן מזרח, און משה מאָנטעפֿיאָרען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט — און מע זאָל דאָס הערן, איר זאָלט זאָגן, אַפֿילו אַ שאָרך פֿון עמעצן! שפּעטער האָט דער לץ אָנגעהויבן אויסלייטיקן און איבערקערן זיי אַלע קעשענעס, אַרויסגנבֿענען דאָס קליינגעלט פֿון טישקעסטל, צונעמען און פֿאַרטאַכטאַרעט ערגעץ דעם ווייבס פּערל — אַ ריינער אומגליק!

איז ער הייסט עס איצט געקומען צו זיין קרובֿ, צו נחום וועוויקס, פֿרעגן אַן עצה, וואָס טוט מען? אויסגעהערט די מעשה, האָט אים נחום וועוויקס מער ניט אַ פֿרעג געטאָן: „און וואו שלאָפֿט דאָס דינסטמיידל? און ווי אַזוי איז זי מיט דער באַלעבאָסטע?“ ליפּשיץ האָט זיך אַזש געפֿונען באַליידיקט: ערשטנס איז פֿייגעלע זייערע אַן אָרעמע קרובֿה, וואָס זיין ווייב וויל זי חתונה מאַכן, געבן נדן, און ס'איז איר ביי זיי גוט ווי די וועלט; און צווייטנס שלאָפֿט זי ווי אַ געהרגעטע ערגעץ ווייט איך וואו, אין קיך, ביי דער פֿאַרשלאָסענער טיר!

— האָט זי ניט עפּעס באַקאַנטע אין דאָרף? האָט אים נחום ווידער אַ פֿרעג געגעבן און ליפּשיץ איז שוין גאָר אין כּעס געוואָרן און צעשריען זיך:

— פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען צו איר באַקאַנטע אין אַ דאָרף פֿון סאַמע גויים? צי אפֿשר מיינסטו אַז דער לץ דאָס איז פֿייגל?

— חס וחלילה! — האָט אים נחום וועוויקס געענטפֿערט און גוט אויסגעלאַכט זיך פֿון זיין נאַרישן קרובֿ, געפּרוּוואווט אים

---

פֿאַרנאָדען זיך — אַריינקלייבן זיך ערגעץ און בלייבן דאָרטן אַ לענגערע צייט; זיך צוגעוויינען; זייער אָפֿט אַריינקומען.
תּחילת — אין אָנהייב.
דער געמאָלטער מזרח — אַ טראַדיציאָנעל געמעל, וואָס פֿלעגט געווייגלעך פֿאַרשטעלן עפּעס פֿון דער יידישער געשיכטע אָדער האָבן געוויסע אַלטע יידישע סימבאָלן; העגנט אויף דער מזרח־וואַנט.
משה מאָנטעפֿיאָרע — אַ יידישער טוער פֿון ענגלאַנד וואָס האָט געהאָלפֿן יידן אין רוסלאַנד, געלעבט אין מיטן 19טן יאָרהונדערט.
פֿאַרטאַכטאַרען — פֿאַרוואַרפֿן, פּטרן, פֿאַרבאַהאַלטן.
סאַמע גויים — נאָר גויים, בלויז גויים.

www.libtool.com.cn

איבערצייגן, אַז קיין לצים און קיין „דאָמאָוויקעס" זיינען בכלל נישטאָ. ליפשיץ האָט אָבער ניט געוואָלט הערן אַפילו. ער האָט געשוואָרן, ער זאָל אַזוי דערלעבן הערן שופר של משיח, ווי ער האָט געהערט ביי נאַכט אַ סאָפּען פון אַ מין לעבעדיק באַשעפעניש, אַ קראַצן פון נעגל, און אויף מאָרגן האָט מען געזען אין קיך עפּעס משונה־מאָדנע סימנים פון הינערשע פיסלעך אויפן אויסגעשאָטענעם זאַמד וואָס אויף דער ערד.

דערזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן, האָט נחום וועוויקס אַ דריי געגעבן ווי מע זאָגט דעם דישל צוריק: עס קאָן זייער זיין אַז דער לץ איז אַ לץ. נאָר וואָס דען? ער וואָלט אַ בעלן געווען זיין דערביי. אויב ער וויל, לאָז ער מיטנעמען אים, נחומען, צו זיך אין דאָרף אריין — ער וויל אַליין זען מיט זיינע אויגן. און ווי באַלד אַז שוין יאָ פאָרן, זאָל שוין מיטפאָרן אויך זיין יינגערער ברודער, ניסל וועוויקס אָדער ניסל ראַבינאָוויטש.

— מיין ניסל — האָט נחום געגעבן צו פאַרשטיין — איז אַ יונגערמאַן אַ כוואַט, אַ מענטש וואָס פילט זיך קיין עין־הרע אין כוח. ס'איז צו גאָט אַ האָפענונג, אַז ער וועט קאָנען גובר זיין אַ לץ. . . פאָרן מיר?

— מיטן גרעסטן כבוד! — האָט זיך ליפשיץ אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט. און אַלע דריי האָבן זיך גוט אָנגעפּעלצט, זיך אַריינגעזעצט אין אַ ברייטן שליטן און זיינען אַוועק צו ליפשיצן אין דאָרף אַריין.

געקומען אין דאָרף שוין פאַרנאַכטלעך, האָט מען די ליבע געסט זייער שיין אויפגענומען, געקאָכט פון זייערטוועגן אַ מיל־כיקע וועטשערע, און מע האָט געשמועסט די גאַנצע צייט פון דעם לץ וואָס האָט זיך ביי זיי פאַרנאַדעט.

שפּעטער, בעת פייגל האָט דערלאַנגט צום טיש, האָט נחום געמאַכט אַ גאַנץ ברייטן שמועס וועגן דעם, אַז ער און זייער גאַנצע משפחה, די ראַבינאָוויטשעס הייסט עס, האָבן פון געבוירן אַ מאָדנע הארטן שלאָף, כאָטש נעם און טראָג זיי אַרויס מיט די בעטלעך, כאָטש שיסט אין זיי מיט האַרמאַטן! נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי פאַר אַלץ און פאַר אַ „דאָמאָוויק" קיין מורא ניט, כאָטש זיי

---

שופר של משיח — דער שופר פון משיחן, דער שופר וואָס מע וועט בלאָזן אין אים אָנצוזאָגן אַז משיח איז געקומען.

דישל — דער שטאַנג צו וועלכן מע שפּאַנט צו אַ פערד.

כוואַט — אַ בריה, אַ ברען, אַ העלד, אַ שטאַרקער.

גובר זיין — באַזיגן.

www.libtool.com.cn

פירן מיט זיך געלט, ווארעם זיי זיינען נישט קיין נאראָנים: דאָס געלט האַלטן זיי ביי זיך גוט איינגענייט, מחילה, אין די אונטערשטע בגדים, וועלכע זיי טוען קיין מאָל ניט אויס, און זיי גלייבן גלאַט ניט אין לצים און „דאַמאָוויקעס" — ווייס איך וואָס! דאָס האָבן שונאים אויסגעטראַכט און נאראָנים גלייבן זיי!

דערויף האָט זיי ליפשיץ געענטפערט בתמימות, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז דער לץ זאָל זיך אַ נעם טאָן צו זיי היינטיקע נאַכט, זיי זאָלן וויסן מיט וואָס מען עסט דאָס. און אָט אַזוי האָט מען דעם אָוונט פאַרבראַכט אַלץ אין אַזעלכע שמועסן, געהייסן דערלאַנגען וויין, און ביידע ברידער האָבן זיך געמאַכט כלומרשט ווי מען איז שיכורלעך. און מע האָט זיך געלייגט שלאָפן, אויסגעלאָשן די ליכט. און די געסט האָבן זיך גיך געלאָזט הערן מיט אַ כראָפּען, איינער העכער פונעם אַנדערן — אַ גאַנצער קאָנצערט.

אָרום האַלבע נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געשריי מיט אַ געשלעג, מיט מאָדנע קולות, אויף יידיש און אויף גויאיש, אַזוי אַז די ליפשיצעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין איין ציטערניש, אָנגעצונדן פייער, און פאַר זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַזאַ מין בילד:

ביי נחומען אין די הענט איז געלעגן פייגעלע־אַשמדאַי אַ געבונדענע און געריסן זיך מיט אַלע כוחות; און ניסל (געווען אַ ייד אַ גבר) האָט זיך געראַנגלט מיט כוועדאָר דעם „שרייבער" פון דאָרף, וואָס האָט אים צעריסן און צעבלוטיקט די הענט, נאָר ניסל האָט אים געפּאַקט, געבונדן ווי אַ שעפּס.

און אַז עס איז געוואָרן טאָג, האָט מען זיי ביידן, פייגל די מויד און כוועדאָר דעם „שרייבער", אָפּגעפירט אין דאָרף אריין. דאָרט האָט מען פאַר אַלע פויערים געשטעלט צוויי עמער בראָנפן און מען איז געקומען צו אַזאַ מין פסוק: אַזוי ווי כוועדאָר איז אליין דער „שרייבער", זאָל ער זיך מודה זיין און אָפּגעבן אַלצדינג, וואָס ער האָט דורך דער מויד ביי די ליפשיצעס אָוועקגעלקחנט. וועט מען אים נאָר מקיים פסק זיין, דאָס הייסט פון דער גרינג אָפּשמייסן, און מע וועט מאַכן אַ שווייג.

און צו דער מויד האָט מען זיך גענומען מיט גוטע רייד, אַז איבערגעבן זי אין גויאישע הענט וויל מען ניט בשום אופן, כאָטש

---

בתמימות — נאַאיווערהייט, איינפאַך, פשוט, אָן הינטערשטע געדאַנקען.
אַ גבר — זייער אַ שטאַרקער, אַ הויכער און אַ ברייטער.
דער „שרייבער" פון דאָרף — דער באַאַמטער פון דאָרף.
מקיים פסק זיין — דורכפירן אַ פסק (אַן אורטייל פון אַ געריכט), אָפּשמייסן.

www.libtool.com.cn

זי איז אַן אַשמדאַי, אַ הולטאַיקע און ערגער נאָך פון אַ משומדת . . מע פאָדערט פון איר נאָר, זי זאָל אויסזאָגן וואו די פערל און די איבער־ריקע זאַכן זיינען, און מע גיט איר אַ תקיעת־כף, אַז מע נעמט זי צו אין שטאָט אַריין און מע גיט איר אַ חתן, טאַקע שוין און טאַקע באַלד, און אויפן שענסטן אופן, מיט קלעזמער און מיט חתונה־קליידער און מיט אַ חופה־וועטשערע, ווי אַן ערלעכער, אַ כשרער יידישער טאָכטער — קיין פויגל וועט ניט וויסן פון דער גאַנצער מעשה, קיין האָן וועט ניט קרייען!

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אַ חתן האָט מען איר גע־געבן אַ יונג מיט ביינער, משה־הערש האָט ער געהייסן, אַ דאַמען־שניידער. די ראַבינאָוויטשעס זיינען געווען די מחותנים און די אונטערפירער. אויף דער חתונה איז געווען די גאַנצע שטאָט און אויך דער פריסטאַוו. מע האָט אויסגעטרונקען אַן אַ שיעור פלעשער מיט וויין און מיט ביר, און ניסל ראַבינאָוויטש מיטן פרים־טאַוו האָבןביידע אַזוי געטאַנצט, אַז מע האָט באַדאַרפט גיין קוקן אויף חידושים.

נאָך דער חתונה איז פייגעלע געוואָרן ניט צו דערקענען. פרום ווי אַ רביצן, ניט געקוקט קיין מאַנסביל גלייך אין די אויגן אַריין, און מיט נחום וועוויקס ייִנגלעך איז זי גלייך ווי קיין מאָל נישט געווען באַקאַנט. און אַז מע האָט באַדאַרפט אין שטאָט עמעצן מאַכן אַ נדבה, נעמען אַ פאַטשיילע און גיין איבער די הייזער, איז זי געווען פון די ערשטע. אַז מע שמועסט אַן אשה כשרה, אַ גבאיטע, איז דאָך ניט שייך!

נאָר איינס צום אַנדערן געהער זיך ניט אָן: איר מיידלשער נאָמען „פייגעלע־אַשמדאַי" איז איר פאַרבליבן אויף אייביק. וועגן דעם האָבן שוין געזאָרגט נחום וועוויקס קונדסים, און מער פון אַלע — דער מיטלסטער און דער גרעסטער קונדס, דער שרייבער פון די דאָזיקע געשיכטעס.

---

הולטייקע — צעלאָזענע, האָט ליב צו הוליען.
משומדת — אַ געשמדטע.
תקיעת־כף — אַ הייליקער צוזאָג, דאָס געבן פייערלעך די האַנט.
קיין האָן וועט ניט קרייען — קיינער וועט ניט וויסן.
אונטערפירער — דער וואָס פירט חתן־כלה צו דער חופה.
פריסטאַוו — דער פירער פון דער אָרטיקער פאָליציי.
חידושים — וואונדער, מאָדנע זאַכן.
אשה כשרה — אַ כשרע פרוי.
גבאיטע — אַ פאָרשטייערקע פון אַ פאַראיין, פון אַ צדקה־פאַראיין, די פרוי פון אַ גבאי.

# 13

www.libtool.com.cn

## די משפּחה

דריי ברידער — דריי פֿאַרשיידענע טיפּן. — דער פּעטער פּיניע טאַנצט אויף לייכטער. — דער פּעטער ניסל „הוליעט". — אַ ווייב אַ צרה. זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ טשינאָווניק, אָנגעאַרבעט אַ חתונה, אַוועק קיין אַמעריקע. — אַ ניצוץ פֿון אַ פּאָעט.

נחום וועוויקס האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער: פּיניע וועוויקס און ניסל וועוויקס, דער וואָס איז אויבן דערמאָנט. און אַן אַנטיק איז דאָס וואָס יעדערער פֿון די דריי ברידער איז זיך געווען אַ טיפּ פֿאַר זיך און קיין ברעקל נישט געראָטן איינער אין דעם אַנדערן.

דער עלטערער, נחום וועוויקס, איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין, אַ מישמאָש פֿון אַ חסיד און אַ משׂכּיל, אַ פֿילאָזאָף און אַ שיינער דאַוונער, אַ למדן און אַ חוקר, און בטבע אַ מענטש אַ שטילער, אַ פֿאַרבאָרגענער און אַ גרויסער בעל-מרה-שחורה.

דער אַנדערער, פּיניע וועוויקס — דער איז געווען שוין גאָר אַ גרויסער ירא-שמים, מיט גאָר אַ לאַנגן טלית-קטן, אַ שיינער ייִד (איך מיין טאַקע אַ שיינער אויפֿן פּנים), מיט אַ שיינער באָרד, שיינע, שמייכלענדיקע אויגן און בטבע זייער אַ לעבעדיקער, אַ מענטש וואָס

---

טשינאָווניק — באַאַמטער, באַאַמטער פֿון דער רוסישער רעגירונג.
ניצוץ — פֿונק.
אַנטיק — וואונדער, זעלטנקייט, טייערע זאַך.
משׂכּיל — אַן אויפֿקלערער, אַן אָנהענגער פֿון וועלטלעכער בילדונג, אַ געבילדעטער.
חוקר — דער וואָס האָט ליב צו גריבלען זיך, צו פֿילאָזאָפֿירן.
בטבע — אין דער נאַטור.
בעל-מרה-שחורה — אַ מרה-שחורהדיקער מענטש, אַ מעלאַנכאָלישער מענטש.
ירא-שמים — זייער אַ פֿרומער.
טלית-קטן — אַ נויטווענדיקער טייל פֿון אָנטאָן ביי פֿרומע ייִדן, מיט פֿיר אויף אַ ספּעציעלן אופֿן צונויפֿגעדרייטע פֿעדעם, ציצית, ביי די פֿיר עקן.
„אַ שיינער ייִד" — אַ חשובֿער ייִד, אַ באַלעבאָס, אַ ייִד אַ לערנער.

www.libtool.com.cn

קהלט זיך, אַ קאָכלעפל, אַ בריה אַ מוהל, חלילה, נישט צוליב געלט נאָר פּשוט לשם מצווה. הכלל, דאָס איז געווען אַ ייד אַ הו־האַ, שטענדיק פאַרטראָגן אין פרעמדע געשעפטן, לאָדענישן, דולענישן, פאַרלאָזענישן, אויסגלייכענישן, אַלמנות, יתומים און גלאַט אָרעמע־לייט. היינט וואו איז עפּעס גבאות אין בית־מדרש, אין קלויז, אין חברות? איך האָב מורא אַז דאָס איז ביי אים געווען טייערער פון אַן אייגענעם מאַרק אָדער יאַריד.

אָוועקוואַרפן למשל אַ מאַרק אָדער אַ יאַריד און לויפן אויף אַ ברית — פון דעם שמועסט מען ניט. דערויף איז מען דאָך עפּעס אַ מוהל ביי יידן. אָדער חתונה מאַכן אַן אָרעמע יתומה און טאַנצן מיט די אָרעמע מחותנים אַ גאַנצע נאַכט — דאָס איז דאָך אַוודאי אַ גרויסע מצווה וואָס ניט אָפט קומט עס צו דער האַנט.

ריידנדיק פון טאַנצן, איז שווער זיך איינצוהאַלטן און ניט באַוואונדערן, פון וואַנעט האָט זיך גענומען צו אָט אַזאַ יידן אַ ירא־שמים, ער זאָל קאָנען טאַנצן, און נאָך אַזוי טאַנצן? וואו האָט ער זיך דאָס געלערנט למשל? און ווער איז געווען זיין רבי יענע יאָרן? טאַנצן אַ „חסיד", אַ „קאָזאַק" און אַ „פּאָניע" — פון דעם איז אָפּגערעדט.

— שטיל זאָל זיין! ר' פּיניע וועוויקס וועט טאַנצן אַ „חסיד"!

— צערוקט זיך, עולם! ר' פּיניע וועוויקס וועט גיין אַ „קאָזאַק"!

— ווייבער, אויף אַ זייט! ר' פּיניע וועוויקס וועט אונדז ווייזן אַ „פּאָניע"!

און דער גאַנצער עולם צערוקט זיך, מאַכט אַ וואַרע. און דער פעטער פּיניע „טאַנצט אַ חסיד", „גייט אַ קאָזאַק", אָדער ער ווייזט אַ „פּאָניע". און דער עולם שטייט אויף קעפּ.

וואָס אָרעמער ס'איז געווען די חתונה, אַלץ גרעסער איז געווען די שמחה, דאָס הייסט וואָס די מחותנים זיינען געווען גרעסערע אָרעמעלייט, אַלץ מער האָט דאָרט דער פעטער פּיניע געטאַנצט און

---

קהלן זיך — מישן זיך אין געזעלשאַפטלעכע זאַכן.

קאָכלעפל — דער וואָס האָט ליב זיך צו מישן אין געזעלשאַפטלעכע זאַכן, וואָס היצט זיך און קאָכט זיך.

לאָדענישן — פון וואָרט „לאָדן זיך" — זיך משפטן.

דולענישן — טומלענישן, פאַרדרייענישן.

פאַרלאָזענישן — ווען מע דאַרף אויסגלייכן אַ שטרייט, אַ סיכסוך, פאַרלאָזט מען זיך אויף מענטשן; פון דעם ווערב פאַרלאָזן זיך.

פּאָניע — פאַראַכטלעכער נאָמען פון אַ רוס.

מאַכן אַ וואַרע — מאַכן פריי אַן אָרט דורכצוגיין, זיך אָפּרוקן און דורכלאָזן.

www.libtool.com.cn

באַווייזן קונצן, און טאַקע נאָר לשם מצווה, בכדי משמח צו זיין חתן־כלה.

מען האָט באַדאַרפט אויף חידושים גיין זען פיניע וועוויקס, ווי ער טאַנצט „אויף לייכטער“ מיט ברענענדיקע ליכט, אָדער „אויף אַ שפּיגל“, און אַזוי גרינג, אַזוי גראַציעז, ווי דער גרעסטער פון די היינטיקע טענצער פון דער וועלט. אַזאַ מין טאַנצן וואָלט מען היינטיקע צייטן געקאָנט ווייזן אויף בילעטן און מאַכן אַ סך געלט. די קאַפּאָטע אַראָפּגעוואָרפן, דעם טלית־קטן אַרויסגעצויגן, די אַרבל פאַרקאַטשעט, די הויזן במילא אַריינגעשטעקט אין די שטיוול, און די פּיס קוים־קוים וואָס זיי באַרירן די ערד, און דער קאָפּ איז פאַרוואָרפן אַרויף, די אויגן צו, אויפן פּנים זעט מען התפּעלות מיט התרוממות ווי בשעת דאַווענען. און די קלעזמער שפּילן אַ יידישע זאַך, און דער עולם פּליעסקעט, און די ראָד ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, און דער טענצער, אויסמיידנדיק די לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט, גייט אַריין וואָס ווייטער אין אַלץ מער התפּעלות — ניין, דאָס איז ניט געווען קיין טאַנצן! דאָס איז געווען גיכער אַ מין דינען גאָט... און פון וואַנעט האָט זיך גענומען צו אָט אַזאַ יידן אַ ירא־שמים, ער זאָל דערגרייכן אַזוי ווייט אין דער קונסט פון טאַנצן?...

אויב די צוויי עלטערע ברידער, נחום און פיניע וועוויקס, זיינען געווען חסידים, איז דער דריטער, דער יינגסטער ברודער, ניסל וועוויקס, אָדער ווי ער האָט זיך שוין די לעצטע צייט גערופן ביי זיין פאַמיליע־נאָמען, ניסל ראַבינאָוויטש, געווען שוין גאָר אַ וועלטלעכער, געטראָגן אַ קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט פון הינטן (דאָס האָט געהייסן יענע יאָרן מעשה פּראַנט אָדער מעשה דייטש), לאַקירטע שטיוולעטן און שטאַרק־שטאַרק אונטערגעבויגענע פּאות. און געהאַלטן האָט ער זיך דעמאָקראַטיש, דהיינו: געזעסן אין פּאָליש און דערציילט מעשיות פאַרן פּראָסטן עולם.

דערצו האָט ער געהאַט אַ באַסאָווע שטימע, געקאָנט שיין זינגען, ליב געהאַט אַ סך לאַכן און געקאָנט מאַכן לאַכעדיק יענעם.

---

לשם מצווה — צוליב אַ מצווה.
במילא — סיי ווי, פון פריער.
התרוממות — דערהויבנקייט.
פּליעסקען — פּאַטשען מיט די הענט, אַפּלאָדירן.
מעשה פּריינט, מעשה דייטש — אַזוי ווי אַ פּראַנט, אַזוי ווי אַ דייטש.
„דייטש“ — אַ ייד וואָס גייט אין אַ קורצן רעקל, ניט אין אַ קאַפּאָטע.
שטיוולעטן — די אייבערשטע טיילן פון שטיוול.
פּאָליש — דאָס פאָדערהויז אין אַ שול אָדער בית־מדרש.

www.libtool.com.cn

מיינסטנס האָבן פון אים געלאַכט ווייבער און מיידלעך — די זיינען ממש צעגאַנגען פאַר געלעכטער, אַז ער האָט נאָר געוואָלט. מיט וואָס ער האָט זיי גענומען איז שווער צו וויסן. נאָר ס׳איז געווען גענוג ער זאָל זיי זאָגן איין וואָרט — און די געלעכטערס זיינען שוין געגאַנגען ביזן הימל.

היינט וואָס פאַר אַ הוליאַק איז דאָס געווען! אָן אים אַ חתונה איז געווען אַ לוויה, ניט קיין חתונה. ניסל וועוויקס, אָדער ניסל ראַבינאָוויטש, האָט געקאָנט אַ גאַנצע וועלט מאַכן ריידעוודיק, לאַכע־דיק און טאַנצענדיק. דער חילוק צווישן אים און צווישן פעטער פיניע איז געווען, וואָס דער פעטער פיניע האָט געקאָנט טאַנצן און דער פעטער ניסל האָט געקאָנט מאַכן טאַנצן אַנדערע. אַלע און אַלץ האָבן מיט אים אויף אַ שמחה מיטגעטרונקען, מיטגעזונגען און מיט־געטאַנצט. דער ערשטער איז געווען דער פּריסטאַוו. מיט אים האָט ער זיך געביטן מיט די היטלען — און ס׳איז געווען ליהודים.

בכלל איז ניסל ראַבינאָוויטש געווען מיט „נאַטשאַלסטווע" אויס־געבונדן און האָט געפירט דאָס שטעטל ביד רמה, גלייך ווי ער אַליין וואָלט געווען אַ טשינאָווניק. דערצו האָט ער גערעדט רוסיש ווי אַן עכטער פּאָניע. נישט נאָר יידן — גויים האָבן פאַר אים געהאַט דרך־ארץ.

זיך קהלן האָט ער נאָך מער ליב געהאַט ווי דער פעטער פיניע. שטענדיק האָט ער זיך מיט עמעצן אָדער פאַר עמעצן געלאָדן, און אים האָט זיך אויסגעמאָלט אַז ער ווייסט אַלע געזעצן. אַ קלייניקייט — אַ ייד רעדט אַזוי גוט רוסיש, אַז ס׳איז גאָרנישט צו דערקענען אַז דאָס רעדט אַ ייד, און דערצו איז ער אַזוי אויסגעבונדן מיט „נאַ־טשאַלסטווע", פּאַטשט דעם פּאָרשטייער פון די פויערים ווי אַ הונט, שיכורט מיטן פּאָרשטייער פון שטאָט אַ גאַנצע נאַכט טאַקע ביי זיך אין שענק, און מיטן פּריסטאַוו קושט ער זיך ווי מיט אַ ברודער!

נאָר אויף ווי פיל דער פעטער ניסל איז געווען אַ חשוב אין שטאָט, אויף אַזוי פיל איז ער געווען ניט קיין חשוב ביי זיין אייגן ווייב, ביי דער מומע האָדל (אַלע גרויסע מענטשן זיינען ביי זייערע ווייבער גאָרנישט!). די מומע האָדל איז געווען אַ ווייבעלע אַ קליינס

---

הוליאַק — אַ מענטש וואָס האָט ליב צו הוליען.
ס׳איז געווען ליהודים — ס׳איז געווען פריילעך.
„נאַטשאַלסטווע" — מאַכט, די פאָרשטייערס פון דער צאַרישער מאַכט.
אויסגעבונדן מיט... — קען זיך זייער גוט מיט...
ביד רמה — מיט אַ שטאַרקער האַנט.

www.libtool.com.cn

און אַ שוואַרצס, נאָר דאָס דאַזיקע קליינע ווייבעלע האָט געהאַלטן איר גרויסן מאַן אין דער מוֹרא.

עס איז געווען צו באַוואונדערן, ווי אַט דער גרויסער הויכער פּעטער ניסל, דער חשוב ביי „נאַטשאַלסטווע", וואָס רעדט אַזוי גוט רוסיש, און דער שטענדיק פריילעכער און אויסגעפּוצטער קאַוואַלער און אָנגעלייגטער גאַסט ביי ווייבער, איז אַ בעלן געווען צו כאַפּן פון זיין איינן קליין־געוואַקסן ווייבעלע אָדער מיט אַ קישעלע איבערן קאָפּ, אָדער מיט אַ נאַסן בעזעם איבער דער אויסגעפּוצטער קאַפּאָטע. צום מיינסטן האָט זי ליב געהאַט אים בעזעמען דווקא יום־טוב, און דווקא שמחת־תורה, און דווקא פאַרן גאַנצן עולם אין די אויגן: „לאָז מען וויסן וואָס פאַר אַ מאַן זיין ווייב האָט!" . . . ער אָבער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ קאַטאָוועס, זיך פאַרשלאָסן מיט אַלע יידן אין זאַל, אויפגעעפנט פלעשער מיט בראָנפן, אויפגעשלאָגן אַלע פעסלעך מיט געזייערטע אוגערקעס אין קעלער, אַרויסגענומען אַלע טעפּ און טעפּלעך פון אויוון — געמאַכט אַ חורבן, אַ פּאַגראָם אין שטוב. און אָפּגעקרענקט נאָך דעם דערפאַר פון דער מומע האָדל דריי וואָכן כסדר. ס'איז אָבער געווען כדאי — מע האָט זיך גוט אָנגעהוליעט!

שענער פון אַלצדינג איז געווען דאָס וואָס דער פּעטער ניסל האָט אָן דער מומע האָדל נישט געטאָן פון דאַנען אַהין. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בר־דעת. און דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוואוסט פונעם סוד, אַז ניסל ראַבינאָוויטש האָט נעבעך אָפּגעשניטענע יאָרן פון זיין ווייב, כאָטש אַפילו ביי דער וועלט איז ער אַ תּקיף און ביי „נאַטשאַלסטווע" אַ גאַנצער קאָכלעפל.

הלוואַי וואָלט ער ניט געווען אַזאַ תּקיף! ווארעם דאָס וואָס ער איז געווען אַ תּקיף, האָט אים אייגנטלעך אָפּגעקוילעט און סוף־כל־סוף גליקלעך געמאַכט אים מיט די קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביקע יאָרן:

אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון וואָראָנקאַ, האָבן גויים געמאַכט אַ „פּריגאָוואָר"*) אויף אַ יידן, אַז מען זאָל אים אַרויסטרייבן. וואָס טוט מען? איז מען געקומען צו לויפן צו ניסל וועוויקס, אָדער צו ניסל ראַבינאָוויטש: סטייטש, אַזאַ חשוב ביי „נאַטשאַלסטווע", וואָס רעדט אַזוי גוט רוסיש און קושט זיך מיטן פּריסטאַוו! . . .

*) דאָס הייסט עס זיינען זיך צונויפגעקומען די גויים פון דאָרף און זיי האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס.

תּקיף — יחסן, דעה־זאָגער.

www.libtool.com.cn

דער פעטער ניסל האָט זיך אַ וואָרף געגעבן צום פּריסטאַוו — ער קאָן דאָ גאָרנישט העלפן: דאָס ווענדט זיך נאָר אינעם „ספּראַווניק". און דער „ספּראַווניק" איז ערשטנס אַ נייער מענטש און צווייטנס אַ גרויסער המן! וואָס זשע טוט מען ווייטער? ווי לאָזט מען דאָס מאַכן אַ תל פון אַ גאַנצער יידישער משפחה?

„וואַרט נאָר אויס אַ ביסל, ס'וועט זיין רעכט!" — אַזוי האָט געזאָגט דער פעטער ניסל און האָט אָפּגעטאָן גאָר אַ קלייניקייט:

ער האָט געקריגן אַ גאַנצע אוניפאָרעם וואָס אַ טשינאָווניק טראָגט, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ „ספּראַווניק", געכאַפּט אַ פור און אַריינגעפאָרן אין דאָרף אַריין מיט אַ גלאָק. ער האָט געשיקט רופן צו זיך אַלע פויערים און האָט זיך צעשריען אויף זיי, און גע-טופּעט מיטן פוס ווי אַן אמתער „ספּראַווניק", אַז ס'איז נישט נאָכן געזעץ נאָך, און האָט צעריסן דעם „פּריגאָוואָר" אויף שטיק-שטיק-לעך און אָנגעזאָגט זיי, אַז טאָמער דערוועגן זיי זיך קלאָגן אויף אים צום גובערנאַטאָר, זאָלן זיי וויסן, אַז ער, דער נייער „ספּראַווניק" הייסט עס, איז טאַקע דעם גובערנאַטאָרס אַן אייגענער פעטער, פון דער מאַמעס צד, און זיין ווייב געהער זיך אַן אַ שטיקל קרובה מיטן מיניסטער! . . .

ווער עס האָט געמסרט — ווייסט מען ניט. נאָר די געשיכטע מיטן צעריסענעם „פּריגאָוואָר" און די מעשיות מיטן גובערנאַטאָר און מיטן מיניסטער זיינען אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער. און ס'איז געוואָרן אַ פּראָצעס, און מע האָט דעם פעטער ניסל איינגעזעצט און געמשפּט. און דער שפּיץ איז געווען אַז דער בראַווער פעטער ניסל האָט נעבעך געמוזט ווערן אַ בורח, פּשוט הייסט עס — נעמען און אַנטלויפן.

עס האָט זיך אים איינגעגעבן — ער איז אַנטלאָפן. האָט ער זיך פריער אָפּגעוואַלגערט אַ שטיקל צייט אין אַדעס, זיך געמאַכט אַ נייעם פּאַס מיט אַ נייעם נאָמען און איז אַוועק קיין אַמעריקע, אַזש קיין קאַנאַדע. די ערשטע צייט איז ער גוט אויסגעריסן גע-וואָרן, נאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָבן אָנגעהויבן גיין פון אים „לעטערס" אַז ער „מאַכט אַ לעבן". שפּעטער האָט ער אַריבער-געצויגן אַהין זיין גאַנצע משפחה, וועלכע האָט אויך געשריבן בריוו אַז זיי „מאַכן אַ לעבן". נאָך דעם זיינען אָנגעקומען פון זיי אַלע-

„ספּראַווניק" — sheriff.
ווערן אַ בורח — אַנטלויפן.

www.libtool.com.cn

מען זייער שיינע „פיקטשורס" — גראַפן, אמתע שררות! נאָר ווי אַזוי מע „מאַכט אַ לעבן" און ווי אַזוי איז בכלל דאָס לעבן אין אַמע־ריקע — דאָס האָט מען נישט געקאָנט פון זיי אַרויסבאַקומען בשום אופן. . .

ערשט העט־העט ,אין אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק אַרום, אינעם יאָר 1905-6, אין דער צייט, ווען דער וואָס שרייבט די דאָזיקע ביאָ־גראַפיע האָט אַליין באַדאַרפט אַריבערוואַנדערן איבערן ים און איז געקומען בשלום קיין אַמעריקע, האָט ער זיך אינטערעסירט צו באַ־קומען גענויע ידיעות וועגן זיין פעטער. איז ער געוואָר געוואָרן אַז דער פעטער ניסל איז שוין אַ שוכן־עפר, נאָר ער האָט איבער־געלאָזט אַ שיינעם נאָמען און אַ שיין פאַרמעגן. זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך זיינען דאָס וואָס מע רופט אין אַמעריקע: אַלרייט.

דאָס בילד פונעם פעטער ניסל וואָלט אָבער ניט געווען אין גאַנצן, ווען מיר זאָלן דורכלאָזן נאָך איין שטריך: אין דעם דאָזיקן מענטשן איז אפשר פאַרלוירן געגאַנגען אַ פּאָעט. ער האָט ליב געהאַט זינגען יידישע לידער, אייגענע. אין דער צייט וואָס ער איז געזעסן אין תפיסה, האָט ער באַשאַפן אַ ליד אויף זיך אַליין, אין יידיש, נאָכן אלף־בית, און אַ שיינע מעלאָדיע דערצו — אַ מעלאָדיע וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים. ווי פיל טאַלאַנטן זיינען ביי אונדז אַט אַזוי פאַרלוירן געגאַנגען, וואָס מע ווייסט פון זיי גאָרנישט!

---

שררות — פּריצים, האַרן.
שוכן־עפר — אַ געשטאָרבענער.

# 14

www.libtool.com.cn

## משנה מקום — משנה מזל

עס האַלט ביי פאַרלאָזן וואָראָנקאָ. — דער באַבע מינדעס תכריכים. — דער עולם קומט זיך געזעגענען. — ווייבער מיט פאַרווייַנטע אויגן פּיסקלען זיך. — מען דאַרף זיין פון אייזן, מע זאָל ניט לאַכן.

דעם העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עס ווייזט זיך אויס מסתמא איטלעכן יידישן יינגל, אַז זיין שטעטל — דאָס איז דער מיטלפונקט פון דער וועלט — דער סאַמע נאָפּל פון דער ערד, און זיינע יידן — דאָס זיינען די אויסדערווײלטסטע ביי גאָט, און אַז אין דער שפּיץ פון די אויסדערווײלטסטע שטייען וועוויקס קינדער, די ראַבינאָוויטשעס, און דער סאַמע שפּיגל, דער סאַמע צימעס פון די ראַבינאָוויטשעס — דאָס איז געווים זיין טאַטע, נחום וועוויקס.

וואָרעם ווער זיצט אין בית־מדרש אויבן־אָן אין מזרח־וואַנט, דער צווייטער פונעם רב,ביים סאַמע אָרון־קודש? צו וועמען קומט מען צום אַלעם ערשטן גוט־יום־טוב ביטן? און צו וועמען קלייבט מען זיך צונויף אַלע שבת צו נאַכטס אויף מלווה־מלכה און מע טרינקט און מע זינגט און מע טאַנצט און מע הוליעט ביזן ווייסן טאָג אַריין? ניין, נישטאָ קיין שענערס פון זיין משפּחה. נישטאָ קיין רייכערס פון זייער שטוב. נישטאָ קיין גרעסערער פון זייער

---

משנה מקום — משנה מזל — „בייטן אַן אָרט איז בייטן דעם מזל"; דאָס ווערט געזאָגט ווען מע פּרוּווט בעסער מאַכן די לאַגע דורכן אַריבערפאָרן אויף אַ נייעם אָרט.

נאָפּל — navel.

דער סאַמע צימעס — דער סאַמע ייחוס, דאָס וויכטיקסטע.

מזרח־וואַנט — די חשובסטע, די טייערסטע ריי „שטעט" אין אַ בית־מדרש לענג אויס דער מזרח־וואַנט.

גוט־יום־טוב־ביטן — זאָגן גוט־יום־טוב און דורך דעם אַרויסווייזן אַכטונג.

מלווה־מלכה — די סעודה שבת־צו־נאַכטס.

www.libtool.com.cn

טאַטן. נישטאָ קיין פרומערער פון זיין פעטער פיניע. נישטאָ קיין פריילעכערער פון זיין פעטער ניסל. שלום נחום וועוויקס האָרץ האָט זיך אַלע מאָל אָנגעפילט מיט פרייד און מיט גדלות קעגן אַנדערע קינדער. ער האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אין דער דאָזיקער משפחה, אונטער דער דאָזיקער גאָלדענער פאָן, וואו ער האָט זיך געפילט גליקלעך ווי אַ פרינץ און זיכער ווי אין אַ פעסטונג, ווי אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ.

און אָט האָבן זיך פלוצעם די ווילן פון דער פעסטונג געגעבן אַ שאָקל, דער פּאַלאַץ האָט גענומען איינבייגן זיך אויף אומצופאַלן, און דער גאַנצער כּישוף פונעם גליקלעכן שטעטל איז מיט אַ מאָל פאַרשוואונדן געוואָרן. דער יונגער פרינץ איז געוואָר געוואָרן, אַז ניט דאָ איז דער נאָפּל פון דער ערד, אַז ס'זיינען פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך, אַ סך גרעסערע שטעט ווי וואָראָנקאָ און אַז עס געפינען זיך אויף דער וועלט אַ סך, אַ סך רייכערע יידן ווי די ראַבינאָ־וויטשעס. . .

אויף נחום וועוויקס האָבן זיינע קינדער געהערט דערציילן בסוד־סודות, אַז ער קלייבט זיך אַריבער אין גיכן צוריק קיין פּע־רעיאַסלאַוו, אין דער גרויסער שטאָט, פון וואַנעט ער איז אַמאָל אַרי־בערגעפאָרן אַהער, קיין וואָראָנקאָ, בעת די קינדער זיינען נאָך געווען גאָר קליינינקע. און אויסגעלאָזט האָט מען דעם סוד מיט די ווער־טער: „משנה מקום — משנה מזל".

ביי די קינדער האָט פּערעיאַסלאַוו אויסגעזען מוראדיק גרויס און פול מיט חן און פול מיט סוד. „פּערעיאַסלאַוו איז אַ מקום־פּרנסה", — אַזוי האָבן צווישן זיך געשמועסט די גרויסע. און קליינ־וואַרג האָבן זיך צוגעהאָרכט צו די שמועסן, נאָך ווינציק פאַרשטאַ־נען, נאָר געפילט האָבן זיי, אַז פּערעיאַסלאַוו איז עפּעס אַ גוטע זאַך. האָבן זיי געקליבן תּענוג, און צו גלייכער צייט האָט זיי באַנג גע־טאָן זיך שיידן מיטן קליינעם שטעטעלע, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט זייערע בעסטע קינדערשע יאָרן, די סאַמע גאָלדענע צייט פון זייער יוגנט. ווי פיל מע האָט זיך ניט געהיט פאַר די קינדער ניט צו ריידן אין שטוב פון „אַזעלכע זאַכן", האָבן זיי דאָך געכאַפּט ווער־טער: „משנה מקום — משנה מזל". . . „פּרנסה איז געשלאָגן". . .

---

גדלות — גרויסקייט, שטאָלץ.
אונטער דער גאָלדענער פאָן — ביי יחסנים, ביי רייכע.
מקום פּרנסה — אַן אָרט וואו מע קען האָבן פיינע פּרנסה.
תּענוג — פאַרגעניגן.
באַנג טאָן — פאַרדריסן, וויי טאָן.

www.libtool.com.cn

פאַר וואָס אַז מע איז משנה מקום איז מען משנה דעם מזל? און וואָס איז אייגנטלעך אַזעלכעס „פּרנסה" און ווי אַזוי „שלאָגט" מען זי? — דאָס האָבן קליינוואַרג נאָך ניט אַקוראַט פאַרשטאַנען. נאָר נאָך דער מינע, וואָס גרעסערע האָבן בעת־מעשה געמאַכט, האָבן די קלענערע זיך אָנגעשטויסן, אַז עפּעס טוט זיך, עפּעס קומט פאָר. . .

שטענדיק אַ שטילער, אַ רואיקער, אַ בעל־מרה־שחורה, איז נחום ווערויקס געוואָרן נאָך מער שטיל און נאָך מער מרה־שחורה־דיק. תמיד אַן איינגעבויגענער, איז ער געוואָרן נאָך מער איינגעבויגן. אויפן הויכן ווייסן שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל קנייטשן ווי פריער. אין צווייען פלעגט ער זיך פאַרשליסן מיטן ייִנגערן ברודער, מיטן פעטער ניסלען, רייכערן אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און עפּעס נאָר געסודעט זיך און נאָר געשטיקט זיך. . .

מע האָט דעם לעצטן ווינטער אויפגעהערט ביי די ראַבינאָוויטשעס פראַווען מלווה־מלכהס פאַר דער גאַנצער שטאָט. דעם לעצטן שמחת־תורה האָט מען אַפילו נאָך געהוליעט, דער פעטער ניסל האָט אַפילו זיך נאָך געביטן מיטן פּריסטאַוו מיט די היטלען און כלומרשט געטאַנצט מיט אים אויפן דאַך אויך — נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס הוליען און ניט דאָס טאַנצן וואָס פריער. אַפילו די מומע האָדל איז געוואָרן געלאַסן, פאַרלוירן אַ סך פון איר גיפט. עפּעס איז די גאַנצע משפּחה געוואָרן ווי צעשרויפט.

נאָר איין באַבע מינדע האָט זיך נאָך געהאַלטן שטאָלץ, ווי אַ דעמב. די אייגענע ציכטיקייט און זויבערקייט וואָס אַלע מאָל. נאָר די שבת־אויבסטן זייִנען געווען דאַכט זיך שוין ניט די וואָס תמיד. די עפּלעך אַ ביסל צוגעפרוירן און צוגעלעגערט און אַ ביסעלע ווי אונטערגעפוילט; די ניסלעך פייפעדיק און אין די פייגן האָבן זיך פאַרפּלאָדעט ווערעם. געדאַוונט און געבענטשט האָט די באַבע מינדע ווי פריער, געשמאַק און הויך אויף אַ קול, ווי אַ מאַנסביל, פון איר גרויסן ציכטיקן סידור אַרויס, און אויסגעשמועסט זיך מיטן רבונו־של־עולם. נאָר ס'איז שוין געווען ניט דאָס דאַוונען און ניט דאָס אויסשמועסן זיך מיט גאָט. עפּעס האָט זיך געטאָן אין דער משפּחה, עפּעס איז פאָרגעקומען ביי די ראַבינאָוויטשעס אַ מין סוד.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ גאַנצן ווינטער, ביז עס האָט פּלוצעם אויסגעזעצט דער בלאָטער, דער אמת איז אַרויף ווי בוימל

דעמב — oak.
זיך פאַרפּלאָדעט — זיך אַרייַנגעכאַפּט און זיך פאַרמערט.

www.libtool.com.cn

אויפן וואַסער, און די גאַנצע שטאָט איז געוואָר געוואָרן פונעם סוד, אַז נחום וועוויקס שותף, אַ ייִד אַן אָנגעפּעלצטער, מיט אַ רויטער נאָז (הערשל האָט ער געהייסן, נאָר ווייל ער האָט ניט גע־קאָנט אַרויסריידן קיין שין נאָר סין, האָט מען אים אַ נאָמען גע־געבן „הערסל מיט דער סין"), האָט נחומען בדיל־הדל געשטעלט, פּשוט באַגנבעט.

איז געוואָרן אַ ויצעקו אין שטאָט: „סטייטש, ר' נחום, וואָס שווייגט איר אים? פאַר וואָס נעמט איר אים ניט צום רב, צו מענטשן?" נאָר אַז ס'איז געקומען צום רב און צו מענטשן, האָט דער דאָזיקער הערסל מיט דער סין זיך אויסגעלאַכט און אַרויסגע־רעדט זיך עפּעס מוראדיק גראָב (און דווקא מיט דער סין, ווי זיין שטייגער איז). אַז ס'איז גאָר אַ בזיון דאָס פאַרן מויל צו ברענגען.

— אַ יונגאַטש קאָן! — האָט דער פעטער ניסל געטענהט, געמאַכט מיט די הענט און געררייכערט מוראדיק גראָבע פּאַפּיראָסן, און ער האָט זיך געשוואָרן, אַז זיין נאָמען וועט ניט הייסן ניסל, אויב ער וועט אָט דעם שייגעץ, דעם הולטיי, דעם גראָבן יונג מיט דער סין ניט אַריינפּאַקן אין תפיסה אַריין ווינציקסטנס אויף פינף און צוואַנציק יאָר!

— וואָסער פּאַקן? וואָסער תפיסה? וואָסערע פינף און צוואַנ־ציק יאָר? — אַזוי האָט אים דער עלטערער ברודער, נחום, אָפּגע־קילט מיט אַ ביטערן שמייכל און אויך פאַררייכערט אַ גראָבן פּאַפּי־ראָס. — מע האָט מיר אָנגעטאָן אַ ספּאָדעק און מע מוז איצטער פאַרן צוריק קיין פּערעיאַסלאַוו. משנה מקום — משנה מזל.

דאָס זיינען געווען קלאָרע דיבורים, וואָס חברה האָבן פאַר־שטאַנען, כאָטש איין זאַך איז זיי נאָך געווען אַ ביסל ניט אַזוי פאַר־שטענדלעך: פון וואָסער אַ „ספּאָדעק" האָט זיך דאָ גערעדט? צוגיין צום טאַטן און פרעגן — דערויף האָט קיינער זיך ניט דער־וועגט. צו פיל דרך־ארץ האָט מען געהאַט פאַר אַ טאַטן, מע זאָל צוגיין צו אים פרעגן: „טאַטע, וואָס פאַר אַ ספּאָדעק האָט מען דיר אָנגעטאָן?" די קינדער האָבן נאָר געזען, אַז דער טאַטע צאַנקט, גייט

---

עס האָט פּלוצעם אויסגעזעצט דער בלאָטער — פּלוצעם האָט זיך אַרויס־געוויזן עפּענטלעך אַ פאַרבאַהאַלטענע צרה.
בדיל־הדל שטעלן — אָרעם מאַכן, צונעמען אַלץ וואָס מע האָט.
אַ ויצעקו — אַ גוואַלד, אַ געשריי, אַן אויסטענהן זיך.
אָנטאָן אַ ספּאָדעק — מאַכן צום נאַרן, אָפּנאַרן, באַשווינדלען.
דיבורים — רייד.
צאַנקען — אויסגיין (וועגן אַ ליכט).

www.libtool.com.cn

איינגעבויגן. יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ רייסט אוים א שטיק הארץ — — — — — — — —

— איר וועט דא בלייבן איבערן זומער לערנען, אן עבירה אין מיטן זמן אייך אפצורייסן, און אם ירצה השם אויף סוכות וועט מען שיקן נאך אייך א פור, וועט איר קומען צו פארן.

אזוי האט נחום וועוויקס געגעבן צו וויסן די קינדער איין מאל אין א זומערדיקן טאג און צו זייער שטוב זיינען צוגעפארן צוויי בוידן, און מען האט זיך גענומען פאקן אין וועג און זיך געזעגענען מיט דער שטאט. עפעס האט זיך א באזונדערער טרויער אויסגע־גאסן אויף אלעמען און א מרה־שחורה איז געלעגן אויף אלע פנימער. די גאנצע שטאט האט מיטגעפילט די ראבינאוויטשעס. „זאל זיי גאט העלפן; משנה מקום — משנה מזל; נעבעך א רחמנות!" — אזוי האט מען געשמועסט הינטער די אויגן, און די קינדער האבן נאך ווינציק וואס פארשטאנען, פאר וואס און אויף וועמען עס איז אזא רחמנות?

אויב שוין יא א רחמנות, איז עס געווען אויף דער באבע מינדע, וואס האט אויף די עלטערע יארן באדארפט צונויפלייגן איר קאסטן, זיך פאקן אין וועג אריין. יונגווארג האבן דערווייל געהאט א גע־לעגנהייט כאפן א קוק, וואס ביי דער באבע אין קאסטן טוט זיך. אויסער די זיידענע אויסגעפרעסטע טיכלעך, וואס זיינען געלעגן אויסגעלייגט צווישן די בלעטער פון סידור, אויסער די יום־טובדיקע זיידענע מלבושים, עפעס מאדנע גענייט, — אויסער דעם האב און גוטס, איז דארט געלעגן ווייט־ווייט אין א ווינקעלע זייער א סך ווייסשטאף. דאס זיינען געווען דער באבעס תכריכים, וואס זיינען געלעגן ביי איר צוגעגרייט פון וויים איך ווען אן אויף איבער הונ־דערט יאר, אז טאמער וועט זי שטארבן, זאל זי ניט דארפן אנקומען צו א קינד...

דאס האבן געוואוסט אלע. פונדעסטוועגן האבן חברה געהאט א הארץ א פרעג צו טאן ביי דער באבע: צו וואס באדארף זי האבן אזוי פיל ווייסע מאטעריע? דער פרעגער איז געווען ניט קיין אנדערער, נאר דער קלענסטער פון אלע אין וואוקס און דער גרעסטער פון אלע אין שקאצעריי, דער שרייבער פון די דאזיקע זכרונות. ער האט דערפאר באקומען פון דער באבע א שיין ביסל מוסר. און זי האט אים נאך צוגעזאגט צושטעלן א בענקעלע פארן טאטן. זי קלייבט זיך שוין פון לאנג, האט זי געזאגט, אויף דעם

בויד — א פור וואס איז איבערגעדעקט מיט א לייוונט וואס האלט זיך אויף רייפן.

www.libtool.com.cn

קליינעם לץ. זי ווייסט, זאָגט זי, גאַנץ גוט, אַז ער מאַכט איר נאָך הינטער די פּלייצעס, ווי אַזוי זי דאַוונט און ווי אַזוי זי בענטשט (און דאָס איז דווקא געווען אַן אמת). זי וועט דאָס שוין אַלצדינג דערציילן, אַלצדינג. זי וועט זיך שוין קילן דאָס האַרץ!...

צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ווער וואָס? די באָבע האָט אַפילו ניט אָנגעהויבן צו דערציילן. אדרבה, פאַרן אַוועקפאָרן, אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט זי זיך צעקושט מיט איטלעך קינד באַזונדער, ווי נאָר אַ מאַמע קאָן זיך קושן, און גע־וויינט ווי נאָר אַ מאַמע קאָן וויינען. און שפּעטער, אַז מען האָט שוין באַדאַרפט טאַקע זעצן זיך פאָרן, האָט זי צום לעצטן מאָל זיך אָפּגערופן צו די קינדער:

— זייט זשע געזונט, קינדערלעך! גאָט זאָל העלפן, איר זאָלט דערלעבן אַלע צו גיין נאָך מיין לויה...

אַזאַ מין ווינטשעוואַניע!

דער טאָג פון נחום וועוויקס אַוועקפאָרן איז געווען פאַר דער שטאָט אַ תשעה־באָב און פאַר די קינדער — אַ שמחת־תורה: אַ קלייניקייט אַזאַ יום־טוב! ערשטנס, לערנט מען ניט. ווער וועט דאָס גיין אין אַזאַ טאָג אין חדר אריין? און צווייטנס — איז גלאַט לעבעדיק — מע קלייבט זיך, מע פּאַקט זיך, מע רוקט שאַפעס, עס קלינגען גלעזער, גאָפּל־מעסער, עס קומען בוידן, און עסן עסט מען ווי ערב פסח, בחפזונדיק. היינט די פאַר גראָשנס וואָס מע וועט באַקומען אָפּפאַרגעלט? דערווייל זעט מען עס נאָך נישט. דער־ווייל קומען נאָך באַלעבאַטים זיך געזעגענען. דאָס הייסט זיי קומען, מע זאָל זיי זאָגן: „זייט געזונט", וועלן זיי זאָגן „פאָרט געזונט" און אָנווינטשן דערביי אַן אַ שיעור גוטע זאַכן, ווי געזונט און הצלחה און מזל און אַל דאָס גוטס.

קומען קומט די גאַנצע שטאָט. פריער יידן, דערנאָך ווייבער. אַלע אַראָפּגעלאָזט די נעז, אַלע פאַרזאָרגט. אַנדערע פאַרוויינט. איין יידענע האָט געבראַכט צו טראָגן די קינדער קאָנפעקטן. אַ יידענע אַ צדקנית!

שטאַרק פאַרוויינט זיינען די צוויי ווייבער וואָס האָבן חתונה געהאַט ביי די ראַבינאָוויטשעס אין שטוב. דאָס זיינען „פרומע די מויד" מיטן בלינדן אייגל און „פייגעלע־אַשמדאַי". די צוויי האָבן

זיך קילן דאָס האַרץ — אויסלאָדן, אַרויסברענגען דעם כעס.
בחפזונדיק — אין איילעניש.
הצלחה — גליק, lock, success.
צדקנית — אַ פרוי אַ צדיק.

www.libtool.com.cn

אַזוי שטאַרק געווישט די אויגן און געשנייצט די נעז און געמאַכט אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס, אַז שלום, דער קליינער „לץ", האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיי ביידן, טאַקע דאָ אויפן אָרט, הינ־טער זייערע פּלייצעס, קונציק נאָכגעמאַכט מיט די זעלבע פּיסקעס און מיטן זעלבן שנייצן די נאָז. און חברה קליינוואַרג האָבן אַלע מאָל אויסגעשאָסן אַ הילכיקן געלעכטער.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה: „וואָס איז דער געלענדער?" די מאַמע חיה־אסתר, אַ יידענע בכלל אַ בייזע און דערצו נאָך פאַר־צאָרנט און פאַרטאַרעראַמט פונעם אַוועקפאָרן, האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעט און אויסגעלאָזט איר צעווייטאָגט האַרץ צו די קינדער. זי האָט נאָר געוואָלט דערגיין דעם שכל: „וואָס איז דער געלענ־דער? און וואָס איז די גדולה?"...

איז „פרומע די מויד" איר געקומען צו הילף און געזאָגט, אַז זי וועט גיין שווערן ביי אַ רייניקייט, אַז דאָס שטאַמט פון אָט דעם קליינעם וועווריק, דעם זולל־וסובאַניק, דעם ימח־שמוניק, דעם כל־בוניק... דאָס האָט זי געמיינט נישט קיינעם, נאָר דעם מחבר פונעם דאָזיקן בוך, וואָס איז געשטאַנען בשעת־מעשה אַ נעבעכל, גאָט די נשמה שולדיק.

עס קאָן זיין אַז ער וואָלט געכאַפּט אַ רעכטן פּסק פון דער מאַמען, ווען עס מישט זיך נישט אַריין די אַלטע באָבע און לייזט אים נישט אויס פון מזומנע פּעטש. דערזען אַז מיט איר אייניקל האַלט עס שמאָל, האָט זיך די באָבע מינדע אָנגערופן צום גאַנצן עולם:

— קינדערלעך! ביי אונדז איז אַ מנהג פון קדמונים, אַז איידער מע געזעגנט זיך פאַרן אַוועקפאָרן, באַדאַרף מען זיך צוזעצן כאָטש אויף איין מינוט"... די באָבע מינדע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פאַריטומטער קאַנאַפּע, וואָס צום איבערפירן איז זי געווען צו אַלט און פאַרקויפן איז נישט געווען וועמען, און דער גאַנצער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָך איר, און ס'איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל, כאָטש אַ פליג דורכצופליען.

---

שווערן ביי אַ רייניקייט — שווערן ביי אַ ספר־תורה.
וועווריק — squirrel; ווערט געזאָגט וועגן אַ קליין קינד, וועגן אַ קליין־געוואַקסענעם און זייער לעבעדיקן.
זולל־וסובאַניק — פרעסער.
ימח־שמוניק — אַ ווילדער, אַ פאַרדאָרבענער, אַ זשוליק, „זיין נאָמען זאָל אויס־געמעקט ווערן".
מחבר — אויטאָר, צונויפשטעלער פון אַ ווערק.
גאָט די נשמה שולדיק — אין קיין זאַך נישט שולדיק.
פון קדמונים — פון אַמאָליקע צייטן, פון פאַרצייטן.

www.libtool.com.cn

דערנאָך איז געקומען דער לעצטער אַקט, דער סאַמע שווער־סטער — דאָס געזעגענען זיך און דאָס קושן זיך. און דאַנקען גאָט, מען איז דאָס אויך איבערגעקומען. די בוידן זיינען גרייט. נאָך אַ מאָל „זייט געזונט!" און נאָך אַ מאָל „פאָרט געזונט!" און ווידער אַ מאָל אַ ווישעניש פון אויגן און אַ שנייצן פון נעז, און פּיסקעס, פּיסקעס!

גוואַלד, רבונו של עולם! גיי האַלט זיך איין און מאַך ניט נאָך די ווייבער, ווי זיי קרימען זיך, ציטערן מיט די גוידערס און מאַכן פּיסקעס!... זיי לאָזן אַפילו ניט געזעגענען זיך ווי עס געהער צו זיין. עס ווערט מיט אַ מאָל שטאַרק אומעטיק אויפן האַרצן. אַ רחמנות אויפן טאַטן, אַ רחמנות אויף דער מאַמע, אַ רחמנות אויף דער באָבע מינדע. אַט טראָגט מען איר אַלטן, מיט אייזן געקאָ־וועטן קאַסטן. דאָרט ליגן אירע תכריכים... עס טוט אַ צופּ, אַ נעם־אָן ביי דער נשמה. עס גלוסט זיך אַ וויין טאָן. ובפרט אַז מע זעט אַז אַזאַ מענטש ווי דער פעטער ניסל ווישט אויך די אויגן אַז קיינער זעט ניט... דער פעטער ניסל זאָל וויינען? ווי קומט עס?...

דער טאַטע רופט צו די חברה איינציקוויז, נעמט אַרויס פון בייטעלע צו זילבערנע מטבעות, די מאַמע אויך. און די באָבע מינדע האָט נאָך פון פריער צוגעגרייט איטלעכן באַזונדער אין אַ פּאַפּירל קליינגעלט — אחת לאחת וועט דאָס זיין אַ רעכטע מטבע!

גאָט זאָל העלפן, די בוידן זאָלן שוין רירן. אָט האָבן זיי גע־רירט. די רעדער קייקלען זיך. דער עולם האָט זיך געגעבן מיט אַ מאָל אַ שטופּ: „פאָרט געזונט! זייט מצליח!" פון דער בויד אַרויס קוקט זיך אום די באָבע מינדע, גלייך ווי זי וואָלט וועלן נאָך אַ מאָל, צום לעצטן מאָל, געבן אַ קוק אויף דעם אָרט, וואָס זי האָט פאַרלאָזט אויף שטענדיק, אויף אייביק...

עס נעמט זיי ווידער אָן אַן אומעט און דאָס געפיל פון רחמנות כאַפּט זיך אויף נאָך אַ מאָל ביי זיי אויף אַ ווײַלע, און ווערט פאַר־לאָשן — עס ווילט זיך איבערציילן דאָס ביסל מינץ...

פונעם גאַנצן טאַרעראַם מיטן גאַנצן האַרמידער האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעלאָזט אַ שטיל־שווייגעניש. די בוידן זיינען אַוועק,

---

גוידערס — double chins.
מאַכן פּיסקעס — וויינען, מאַכן גרימאַסן.
אחת לאחת — איינס מיט דאָס אַנדערע.
זייט מצליח — האָט הצלחה, האָט גליק, זייט גליקלעך.
מינץ — מטבעות, געלט, coins.
האַרמידער — טומל, hurly-burly.

www.libtool.com.cn

איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ געדיכטן שטויב, אַ ריח פון סמאָלע און אַ מאָדנע פוסטקייט. דער עולם האָט גענומען ביסלעכווייז, איינציק־ווייז, ווי פאַרשעמט, זיך צעגיין, דער אַהער, דער אַהין, עפּעס גלייך ווי אָפּגעשמיסענע. דער פעטער ניסל — יענער איז גאָר אַנטרונען געוואָרן. געבליבן שפּעטער פון אַלע איז שמואל־אלי דער חזן. ער איז נאָך לאַנג־לאַנג געשטאַנען און נאָכגעקוקט די אָפּגעפאָרענע, פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן פון דער זון, וואָס האָט באמת גאָרניט אַזוי שטאַרק געבראָטן און גאָרניט אַזוי שטאַרק געשיינט. דערנאָך האָט ער מיט אַ ביטער שמייכעלע אַ זאָג געגעבן צו זיך אַליין: „דער עולם צעקריכט זיך, אַזוי ווי ווערעם”...

און ער האָט אויסגעשפּיגן.

---

סמאָלע — tar.

# 15

www.libtool.com.cn

## גערגעלע־גנב

משה דער שוחט — אַ צדיק. — גערגעלע — אַ בחור מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ. — די קונסט פון גנבענען עפּל. — געפּאַקט ביי דער פּושקע טאַבעק. — דעם רבינס טויט.

דאָס דאַרף מען פאַרשטיין, אַז איבערגעלאָזט האָט מען קליינוואַרג אין שטעטל עפּעס ניט גלאַט אַזוי אויף הפקר. דער פאָטער האָט פאַר זיי געזוכט אַ מלמד, די קינדער זאָלן ביי אים אי לערנען, אי עסן קעסט, און דער רבי זאָל אויף זיי השגחה געבן. און עס איז אים אָפּגעראָטן אַרום און אַרום. דער רבי, וואָס ער האָט געפונען פאַר זיינע קינדער, איז געווען אַ געראָטענער, טאַקע דעם אַלטן וואָראַנקעווער שוחטס אַ זון, משה דער שוחט.

דאָס איז געווען אַ ייִדענער יונגערמאַן, אַ צאַצקע, אַ מופלג בתורה און אַ שיינער בעל־תנך, און גלאַט אַ דימענט פון אַ מענטשן. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס אָט דער רבי איז געווען נישט קיין געזונטער און בטבע שוין אַ צו גוטער, אַ צו ווייכער, געגאַנגען מיט זיינע תלמידים אויף אַ נייעם דרך — ניט מיט שמיץ, נאָר מיט גוטע ווייכע וואַרעמע רייד, צו וועלכע די קינדער זיינען גאָרניט געוויינט געוואָרן, און דעריבער טאַקע האָבן זיי אָפּגענאַרט דעם רבין פון קאָפּ ביז די פיס, מחילה געפירט אים אין באָד אַריין: ניט געדאַוונט און ניט געלערנט, און שפּעטער־צו, אַז משה דער שוחט איז שוין גאָר גוט קראַנק געוואָרן און אַוועקגעלייגט זיך, האָבן חברה אָנגעהויבן אַרומצוגיין פּוסט און פּאַס, זיך חברן מיט גערגעלע־גנב,

---

אויף הפקר — ניט באַזאָרגט, אָן אויפזיכט, יעדערער זאָל קענען טאָן מיט דעם וואָס ער וויל.
השגחה געבן — אַכטונג געבן.
מופלג בתורה — אַ גרויסער למדן.
בעל־תנך — אַ קענער פון תנך.

www.libtool.com.cn

אַ ייִנגל אַ יתום און אַ באָרוועסער, מיט ממזרישע אויגן, מיט אַ צע־שפּאָלטענער ליפּ — אַ רעכטער חברה־מאַן.

זיין אמתער נאָמען איז געווען גרשון, נאָר דאָס האָט אים זיין מאַמע, שׂרה־פייגע די קעכין, זאָגט ער, אַזוי פאַרצויגן. און דעם נאָמען „גנבֿ" האָט אים שוין צוגעלייגט, זאָגט ער, זיין שטיפטאַטע, יוסף־מאיר דער העקער, כאָטש ער האָט נאָך דעמאָלט, זאָגט ער, ביי קיינעם קיין זאַך ניט אָוועקגעגנבעט. מע זאָל אים ניט געווען, זאָגט ער, אַ נאָמען געבן גנבֿ, וואָלט ער אפשר קיין גנבֿ קיין מאָל ניט געוואָרן. איצט וועט ער שוין, זאָגט ער, זיי אויף צו־להכעיס ווערן אַ גנבֿ, הלוואַי עס זאָל נאָר זיין וואָס צו גנבֿענען!

אַזוי האָט זיך גערגעלע־גנבֿ באַרימט גאַנץ ערנסט און מיט אַ מינע פון אַ גרויסן פּאַר שלום נחום וועוויקס. זייער באַקאַנטשאַפט האָבן זיי געשלאָסן טאַקע ביי משה דעם שוחט אין חדר. אַ גאַנצע וואָך איז משה דער שוחט געווען אַ מלמד, נאָר דאָנערשטיק איז ער געווען אַ שוחט, און אַלע ווייבלעך און אַלע מיידלעך האָבן זיך דעם דאָנערשטיקדיקן טאָג דאָ צונויפגעזאַמלט מיט זייערע עופות, גענדז און קאַטשקעס. צווישן זיי איז געווען איינער אַ בחור'ל מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — דאָס איז געווען גערגעלע — אויך מיט אַן עוף, וואָס די מאַמע די קעכין האָט דורך אים געשיקט צום שוחט קוילען אויף שבת. זיצנדיק צווישן די ווייבלעך און וואַרטנדיק אויפן שוחט, האָט דערווייל אָט דער גערגעלע געוויילט דעם עולם, דאָס הייסט ער האָט געמאַכט אַזעלכע משונה אַנשטעלן, אַזעלכע מאָדנע פּיסקעס און אַזעלכע משוגענע העוויות, אַז וויפל עס זיינען געווען ווייבלעך און מיידלעך, האָבן אים אַלע געשאָלטן מיט טויטע קללות: „גנבֿ" און „משומד" און „כאָלערע" און וואָס אין דער קאָרט, און געלאַכט בעת־מעשׂה צום טויט!

עס איז אָבער געווען אַ באַזונדער מין זיסקייט אין דעם חברן זיך דווקא מיט אַזאַ ייִנגל, מיט וועלכן מע קאָן זיך באַגעגענען נאָר פאַרנאַכטלעך, ריידן אַ פּאָר ווערטער, מאַכן אַ פּאָר קונצן, זיך לאָזן לויפן ביידע אַראָפּ אַ באַרג וכדומה. עס איז געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן אַריינרוקן אים אין האַנט אַריין, אַז קיינער זעט ניט, אַ מאָל אַ גראָשן, אַ מאָל אַ צוקערקע און אַ מאָל גלאַט אַ שטיקל ברויט — גערגעלע האָט אַלצדינג גענומען בשׂמחה רבה, חלילה ניט ווי אַ נדבה, און נישט געזאָגט קיין דאַנק אַפילו, נאָר צוגענומען

העוויות — גרימאַסעס.
בשׂמחה רבה — מיט גרויס שׂמחה.

www.libtool.com.cn

מיט ביידע הענט, ווי אַ חוב וואָס קומט אים און געהייסן זיך ברענגען מאָרגן נאָך אַ מאָל, געגעבן עצות, ווי אַזוי מע זאָל פון זייגטווענגן „קריגן", דאָס הייסט מחילה גנבענען, נישט אויפן גראָבן אַרט חלילה, נאָר איידל.

למשל, דער אייגענער גערגעלע האָט אויסגעלערנט זיינע חברים, און דווקא אין אַ גאָר קורצער צייט, ווי אַזוי מע קאָן קריגן אומזיסט עפּל אין מאַרק אָדער באַרן. מע מיינט נישט פון פרעמדע גערטנער חלילה. וואָרעם וואָס פאַר אַ טאַטנס אַ קינד וועט זיך עס איינשטעלן אַריבערקריכן ווי אַ גוי איבער אַ פּלויט, אַריינשפּרינגען אין אַ פרעמדן גאָרטן, וואו עס געפינט זיך אַ שומר וואָס קאָן ברעכן אַ ביין און אַ הונט אויף אַ קייט וואָס קאָן דורס זיין אַ מענטשן? קריגן אומזיסט עפּל וויפל מע וויל האָט זיי גערגעלע־גנב אויסגעלערנט נאָר שפּילנדיק זיך. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? אָט וועט איר האָרכן — און זאָגט איר, אויב דאָס הייסט געגנבעט.

זומער־לעבן. נאָר וואָס זיינען אויפגעקומען עפּל און באַרן. שוין פּאַרנאַכטלעך. ווייבער זיצן נאָך, אויסגעלייגט מיט זייער סחורה אויף די טישלעך, אָדער גאָר אויף דער ערד, רעדן פונעם גערעטעניש וואָס היינטיקס יאָר איז אויף אויבסטן, פון דעם וואָס קיין רעגן גייט ניט, און אַז עס גייט ניט קיין רעגן איז אַ שטויב, און אַז ס'איז אַ שטויב זיינען דאָ אַ סך פליי... דעמאָלט איז די בעסטע צייט. דעמאָלט לאָזן זיך ווייסע־חברהניקעס אויף דער אַרבעט.

חברה גייען באָרוועס און אַלע אָנגעוואָפּנט מיט שטעקלעך, און אויף די שטעקלעך טשוועקלעך, און מע לאָזט זיך לויפן. איינער איז דאָס פערד, און די איבעריקע זיינען פאַרשווינדלעך וואָס האַלטן אים ביים ציימל, טרייבן אים, הוקען אונטער און פייפן און שרייען. און אַקוראַט אַז עס קומט צו דער קופּע עפּלעך אָדער באַרלעך, טוט גרעגעלע אַ קאָמאַנדע, טוען חברה אַ שאַר מיט די שטעקלעך, און מחמת דער שטויב איז פון לויפן זייער גרויס, באַמערקט מען ניט, ווי עס קאַטשען זיך עטלעכע אָנגעכאַפּטע עפּלעך אָדער באַרלעך. אָפּגעלאָפן אַ ביסל, ציט זיך גערגעלע אויס, און נאָך אים — די ווייסע־חברהניקעס, אויף דער ערד און מע נעמט זיך צום „רויב",

---

מחילה גנבענען — פשוט גנבענען; איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן — גנבענען.
זיך איינשטעלן — ריזיקירן.
דורס זיין — צערייסן, צעטרעטן.
פליי — fleas.

www.libtool.com.cn

צו די אָנגעכאַפּטע עפּעלעך. מע שטופּט ווער אין די קעשענעס, ווער גלייך אין מויל אַריין — חי געלעבט! ס'איז ניט אַזוי זיס די גנבה, ס'זיינען ניט אַזוי אָנגעלייגט די עפּעלעך, ווי ס'איז גלאַט פריילעך!

גערגעלע איז איבערהויפּט אַ פריילעכער יונג, כאַטש ווער עס האָט גאָט אין הארצן — דער לייגט אין אים אַריין וויפל ער וויל. אַן אָרעם ייגגל און אַ יתום — ווער וועט זיך פּאַר אים אָננעמען? און דערצו נאָך אַ גנב! אַזעלכן איז אַ מצווה צו ברעכן די ביינער! דערצו האָט ער אַ מויל — סכנת נפשות! אויף אַלעמען האָט ער אייך אַן אַנדער חסרון, און אויף יעדערן — אַ צונעמעניש. און ווייל אַליין איז ער הפקר און איינצושטעלן האָט ער נישט וואָס, האָט ער ליב איטלעכן באַזונדער אונטערצושטעלן זיין באַרוועסן פוס ווי אַ קאַטשערע, אַזוי אַז יענער זאָל זיך אויסציען ווי לאַנג ער איז — מעג עס זיין דער רב אַליין, די רביצן אָדער די שוחטקע — פּוץ אין דער ערד אַריין!

דאָס איז דעם קליינעם שלומען שטאַרק געפעלן. און מיט דער צייט האָט ער אים אַזוי ליב געקריגן, אַז ער האָט אים געטראָגן גאַנצע שטיקער ברויט פון דער שוחטקעס טיש אין קעשענע, מחילה בגנבה, און אַ מאָל טאַקע אָוועקגעלקחנט פון דער צוקער־פּושקע אַ שטיקל צוקער אויך. ער האָט ליב געהאַט צוקער. מער פון אַלץ האָט אָבער גערגעלע ליב געהאַט אַ ציגאַר־טיטון, אויסגעגאַנגען נאָך אַ פּאַפּיראָסל! נאָר וואו קריגט מען אַזאַ זאַך, אַז דער רבי איז קראַנק און רייכערט ניט און דער טאַטע איז ניטאָ? האָט אים גערגעלע געגעבן אַן עצה, ער זאָל זיך אָפּטער אַ ביסל אַריינכאַפּן צו פעטער ניסלען — יענער רייכערט דאָך אַ גוטן טאַבעק.

דאָס איז געווען אַ וואוילע עצה. דער פעטער ניסל האָט גע־האַט אַ ברייטע האַנט. די פּושקע טיטון איז ביי אים געשטאַנען אָפן, פראַנק און פריי. האָט דער קליינער שלום אָנגעהויבן אָפּט־לעך אַריינצושטעקן אַהין די האַנט, אָננעמען אַ פולן הויפן טיטון און אַריין אין די הויזן־קעשענעס. באַדאַרף זיך טרעפן, מעשה שטן, אַז די מומע האָדל דערזעט עס (און דווקא זי דאַרף דערזען, ניט קיין אַנדערער!). דאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער הימל אויף דער

---

חי געלעבט — לוסטיק, לעבעדיק.
קאַטשערע — oven-fork.
מעשה שטן — צום אומגליק, אַזוי ווי דער טייוול וואָלט אונטערגעשטעלט.

www.libtool.com.cn

ערד. עק וועלט! ס'איז גאָרניט געווען אַזאַ שטראָף, וואָס דער קליינער פאַרברעכער זאָל דאָס ניט האָבן פאַרדינט. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז וואָס שטרענגער און וואָס גיכער דער פּסק זאָל שוין זיין וואָלט געווען בעסער. האָט גאָט געטאָן אַ נס. עס האָט זיך געטראָפן אַ גליק, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק:

מען איז געקומען צו לויפן פּלוצעם צום פעטער ניסלען אַז ער זאָל גיין וואָס גיכער, ווארעם משה דער שוחט איז פאַרביי, די גאַנצע שטאָט איז דאָרט, ער גוססט שוין!...

קיין אַנדער רבין האָבן די תלמידים ניט אַזוי ליב געהאַט ווי אָט דעם רבין. דאָס איז געווען עפּעס אַ מלאך, ניט קיין רבי! ערשט דעמאָלט ווען מען האָט אים, אַן איבערגעדעקטן מיט שווארצן, געגעבן אַ כאַפּ אויף די פּלייצעס און אַ טראָג אַוועק אויפן הייליקן אָרט און די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה, האָבן נחום וועוויקס קינדער זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ בריליאַנטענער רבי דאָס איז געווען און ווי ווייט זיי האָבן נישט געוואוסט אים צו שאַנעווען. און אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך אויפגעעפנט ביי זיי. נאָך אַן אייגענעם ברודער באַדאַרף מען אַזוי ניט וויינען, ווי זיי האָבן געוויינט נאָך זייער יונגן רבין, משה דעם שוחט.

מער ווי אַלע און וואַרעמער פון אַלע האָט געוויינט שלום. ער האָט זיך געפילט קעגן אים אַ פאַרזינדיקטער. ערשטנס האָט אים דער רבי געהאַלטן פאַרן בעסטן און פאַרן ערלעכסטן, צום סוף האָט ער זעלטן געוואוסט דאָס לייענען. ער האָט זיך נאָר געמאַכט אַז ער ווייסט, געשאָקלט זיך און געזונגען און גע־דרייט מיט דער האַנט — אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט! היינט וויפל מאָל האָט ער איבערגעהיפּט העכער האַלב דאַוונען! און טאַקע גלאַט ניט געדאַוונט, נאָר אַרומגעלאָפן מיט גערגעלע־גנב, גערייצט דעם גלחם הינט דורך די גראַטעס, אָדער געגנבעט עפּעלעך אין מאַרק. דאָ, אויף דער וועלט, האָט דאָס דער רבי ניט גע־וואוסט, ער וואָלט זיך עס גאָר אויף אים נישט געגלייבט. אָבער דאָרט, אויף יענער וועלט, וואו ער ווייסט שוין אַלץ, אַלץ, אַלץ?...

---

גוססט — האַלט ביים שטאַרבן.
שאַנעווען — זשאַלעווען, אָפּהיטן.
גראַטעס — bars.

www.libtool.com.cn

# 16

## זיי געזונט, וואָראָנקאַ!

דער פעטער ניסל — מיט ווייסע־חברהניקעס אַ ווייסער־חברהניק. — דער העלד געזעגנט זיך אָפּ מיט זיין שטעטעלע. — ער חלומט וועגן אוצר. — ער איז גרייט אָוועקצושענקען גערגעלען זיינע אַלטע שיך. — אַ נאַרישער אינצידענט מיט „פרומע די מויד“.

סוף זומער איז אָנגעקומען אַ בויד מיט דריי פערד פון דער גרויסער שטאָט, פון פערעיאַסלאַוו. צוגעפאָרן צום פעטער ניסלס שטוב, האָט דער בעל־עגלה, אַ באַריידעוודיקער ייד מיטן נאָמען מאיר־וועלוול, זיך צעשפיליעט און אַרויסבאַקומען ערגעץ פון אַ ווייטער קעשענע אַ בריוול, געשריבן פון נחום וועוויקס צו זיין ברודער ניסל ראַבינאָוויטש. אין בריוול איז געשטאַנען, אַז מע שיקט נאָך די קינדער ערשטנס אַ פור, צווייטנס דריי פאָר שטיוועלעך און דריטנס עסנוואַרג: קיכלעך, האַרטע אייער און באַרן — דאָס איז צידה לדרך אויף צוויי טעג. און חוץ לזה, עקסטרע פון דער באָבע מינדע, אַ וואַרעמע קאָלדרע מיט אַן אַלטן שאַל אויף איינצוהילן די קינדער, טאָמער ווערט חלילה קאַלט אָדער עס גייט אַ רעגן. דעם בעל־עגלה האָט מען אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל למען השם אויפזעצן די קינדער אויפן אַנדערן טאָג אין דער פרי באַלד נאָכן דאַוונען און אַז נעכטיקן זאָל ער אין באָרישפּאָלי, וועלן זיי קאָנען קומען אם ירצה השם, אויפן אַנדערן טאָג אַרום מנחה־צייט אַהיים, קיין פערעיאַסלאַוו.

וואו נעמט מען פאַרב אויף צו באַשרייבן די שמחה פון נחום וועוויקס קינדער? אויף וואָס זאָל מען זיך פריער פרייען: אויף

---

צידה לדרך — שפּייז אויפן וועג.
חוץ לזה — חוץ דעם.
למען השם — אין גאָטס נאָמען.

www.libtool.com.cn

די נייע שטיוועלעך? אָדער אויף דעם וואָס מע וועט צוויי טעג נאָך אַנאַנד פאָרן אין אַ בויד מיט דריי פערד? צי אויף דעם וואָס מע וועט איבערמאָרגן אויף דער נאַכט שוין זיין אין דער גרויסער שטאָט, אין פּערעיאַסלאַוו?

— קומט אַהער, שקצים, עכּברושים, ווייסע־חברההניקעס, זעצט זיך אָקאָרשט אַוועק און מעסט אָן אָט די שטיוועלעך! — אַזוי האָט געקאָמאַנדעוועט דער פעטער ניסל, געשענקט אַלע דריי צו אַ שנעל, ווען מען אין נאָז אַריין און וועמען אין אַן אויער.

דער פעטער ניסל האָט ליב געהאַט קינדער: אייגענע, פרעמדע — אַלץ איינס, און דעריבער איז באַקומען פון אים אַ שנעל געווען ניט קיין שטראָף נאָר אַ פאַרגעניגן, עס האָט געמעגט אַפילו שמאַרצן דערנאָך אַ האַלבע שעה כסדר. פון דעם וואָס מען האָט ליב איז אַ פּאַטש אויך אַ מתנה. און ליב האָבן אים די קינדער געהאַט דערפאַר שוין אַליין, וואָס ער איז געווען כמעט דער איינציקער אין דער משפּחה, וואָס האָט קיין מאָל קיינעם ניט געשטראָפט, קיין מוסר ניט געזאָגט און ניט אַכטונג געגעבן ווי אַנדערע מע זאָל לערנען אָדער דאַוונען.

אדרבה, מיט קינדער קונדסים איז ער אַליין אויך געווען אַ קונדס, ליב געהאַט אַ לאַך צו טאָן און אַ שטיף צו טאָן, אין איינעם מיט זיי אַריינלאָזן אַ רעכטע פּאַרציע שמעק־טאַבעק אין נאָז אַריין אַן אַלטן יידן, וואָס איז אַנטשלאָפן געוואָרן זיצנדיק אין בית־מדרש, און ווינטשעווען אים נאָך דעם „צו־געזונט", אַז יענער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ניסעריי און מיט אַ הוסטעריי. און ווער שמועסט שמחת־תורה — דעמאָלט איז ער געווען מער ווייסער־חברההניק פון אַלע ווייסע־חברהניקעס; ער אַליין האָט אָנגעטרונקען גדליה דעם שיכור מיט בראָנפן און געהאָלפן די קינדער, זיי זאָלן בינדן גדליהן הענט און פיס ווי אַ שעפּס, פאַרשליסן אים אין אַ קאַמער און דאָרטן צוקרעמפּעווען זיין האַנט דורך אַ לאַנגן שטריק צום צינגל פון אַ גלאָק, אַזוי אַז ער וועט זיך אויסניכטערן און וועלן אויפשטיין, זאָל ער ניט ווילנדיק אָנהייבן קלינגען ווי אויף אַ שׂרפה, און די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צונויפלויפן מיט אַ ליאַרעם און אַ געפילדער: „ווער ברענט?"...

פון דעם איז צו פאַרשטיין, ווי שווער ס'איז געווען מיט אַזאַ

עכּברושים — יונגאַטשעס, זשוליקעס, ווייסע־חברהניקעס.
צוקרעמפּעווען — צוקניפּן, צובינדן, צופעסטיקן.

www.libtool.com.cn

פעטער זיך צעשיידן! און ס'האָט באמת האַרצעדיק באַנג געטאָן זיך צו שיידן מיטן שטעטל!

גלייך ווי מיט עפּעס אַ לעבעדיקער זאַך, גלייך ווי מיט אַ ליבן און געטרייען חבר — אַזוי האָט זיך שלום-נחום וועוויקס געזעגנט מיטן שטעטל, אָנגעהויבן פונעם הויף מיטן גאָרטן און מיט איטלעך ביימעלע, וואָס האָט שוין איצטער געהערט צו אַן אַנדערן, און אויסגעלאָזט מיטן באַרג וואָס אויף יענער זייט בית-מדרש, — די ערטער וואו ער האָט פאַרבראַכט מיט זיינע בעסטע חברים, רעכענענדיק פון דעם ערשטן, פון שמואליק דעם יתום, ביז דעם לעצטן, ביז גערגעלע-גנב.

גאַנץ באַזונדער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף יענעם אָרט, וואו עס איז געלעגן, וועדליק שמואליק האָט געוואוסט כמעט אויף געוויס, באַהאַלטן דער אוצר... וואו קאָן זיין איצטער שמואליק? אַז זיי וועלן זיך באַגעגענען ערגעץ-וואו, איז דאָס ערשטע וועלן זיי מסתמא ביידע קומען צו פאָרן אויף אַ קורצער צייט, ביידע אין איינעם, באַקוקן נאָך אַ מאָל די אַלע ערטער, וואו זיי האָבן אין איינעם פאַרבראַכט זייערע בעסטע יינגלשע יאָרן. און דערנאָך וועלן זיי זיך אַ נעם טאָן צום אוצר אויף אַלע כלים: פריער וועט איינער פאַסטן תעניתים, דערנאָך דער אַנדערער, און אַז זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיט די תעניתים און מיטן תהלים זאָגן, וועלן זיי נעמען זוכן דעם אוצר. און אַז זיי וועלן געפינען דעם אוצר, וועלן זיי זיך מיט אים צעטיילן אויף דער האַלב — און אַך! סאַראַ יום-טוב דאָס וועט זיין...

ביי די געדאַנקען וואַקסט אויס גערגעלע-גנב. אַ באַרוועסער ווי אַלע מאָל און אַן אָפּגעריסענער.

— ווי קומסטו אַהער?

— און דו?

זיי צערייידן זיך און לאָזן זיך גיין. שלום איז אים מודיע, אַז ער פאָרט אַוועק. גערגעלע ווייסט עס. ער האָט שוין נעהערט און געזען אַפילו די בויד מיט די דריי פערד.

— געזען? וואָס זאָגסטו אויף זיי?

— אויף וועמען?

— אויף די פערד.

— וואָס זאָל איך זאָגן? פערד . . .

---

וועדליק — אַזוי ווי, נאָך דעם ווי.

www.libtool.com.cn

— און די בויד ווי געפעלט דיר?
— א בויד . . .

גערגעלע איז נישט אויפגעלייגט, נישט גוט געלוינט. זיין חבר וויל אים מאכן פריילעכער.

— דו ווייסט? איך האב דיך אין זינען געהאט ביים אוצר...
— ביי וואסער אוצר?

שלומען ווערט שלעכט. זאל ער אים זאגן צי זאל ער אים ניט זאגן? גערגעלע פרעגט נאך א מאל: „וואסער אוצר?" עס העלפט נישט — מע מוז אים זאגן. און ער דערציילט אים וועגן אוצר. גערגעלע ווערט נייגעריק: „וואו זשע געפינט ער זיך, דער אוצר?" זיין חבר ווערט נאך ערגער. זאל ער אים זאגן צי זאל ער אים ניט זאגן? אין גערגעלעס אויגן צינדט זיך אן א פייערל: „וואס האסטו מורא צו זאגן — איך וועל אים אויסכאפן?"...

שלום האט שוין חרטה וואס ער האט גאר אנגעהויבן, און ער רעדט שוין צו אים — פון אויבן אראפ:

— נארעלע, און אז איך וועל דיר אפילו זאגן וואו, וועסטו אויך אהין נישט קאנען צוקומען, ווארעם מע דארף דערצו קאנען קבלה, איז איינס. און צווייטנס באדארף מען פאסטן פערציק תעניתים און אויפן איין־און־פערציקסטן טאג . . .

— און אויפן איין־און־פערציקסטן טאג ביסטו א שוטה! —
שלאגט אים איבער גערגעלע און כאפט א קוק אראפ אויף זיין חברס שטיוועלעך. אפנים זיי זיינען אים געפעלן.

— נייע?

זיין חבר ווערט ווי פארשעמט: שפאגל־נייע שטיוועלעך אין דער צייט ווען גערגעלע איז א בארוועסער! און ער רופט זיך אן צו גערגעלען:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר צום פעטער ניסלען, וועל איך דיר עפעס שענקען...

— עפעס שענקען? פאר וואס ניט? — גערגעלע איז גאנץ צופרידן, אוןביידע מאכן זיי גיכע טריט.

געקומען אהיים צום פעטער ניסלען, טרעפן זיי דארט א גאנצע כאליאסטרע פריינט און גוטע־פריינד וואס האבן געהערט, אז א פור איז געקומען צו פארן נאך נחום ווערויקס קינדער. זיינען זיי דאס געקומען זיך געזעגענען און לאזן גריסן זייערע טאטע־מאמע גאר פריינדלעך.

צווישן דער כאליאסטרע האבן זיך געפונען אויך די צוויי גבאי־

www.dilibtool.com.cn

טעם, „פרומע די מויד” און „פייגעלע־אַשמדאַי”. אַלע קוקן אויף די קינדער מיט רעספעקט — מענטשן פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, קיין פערעיאַסלאַוו! מע רעדט שוין צו זיי גאָר מיט אַן אַנדער לשון. מע גיט זיי עצות, ווי אַזוי זיי זאָלן פאָרן און וואו זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן אין באַרישפּאָלי.

דער פעטער ניסל שענקט זיי צו אַ שנעל, ווי זיין שטייגער איז, און פרעגט די שקצים, אויב זיי וועלן אַ מאָל צושרייבן אַ בריוול? — אַ שאלה אַ ביסל? זיי וועלן שרייבן אַלע וואָך, צוויי מאָל אַ וואָך, אַלע טאָג!...

די מומע האָדל איז מיט אַ מאָל געוואָרן גוט, כאָטש לייג זי צו צו אַ מכה. זי האָט געזאָגט אַז זי פאַרשטייט ניט, ווי אַזוי מע שיקט דאָס אַרוים קינדער הונגעריקע? און וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּייז אין וועג אויף צוויי מעת־לעת קיכלעך, האַרטע אייער און בארן? די קינדער וועלן דאָך אויסגיין פון הונגער! און זי האָט גענומען פּאַקן זיי אין וועג אַריין וואָס זי האָט געקאָנט: שמאַלץ אין אַ קליין טעפּעלע, אַ סלאָיקל פאַרצוקערטן איינגעמאַכטס, אַפּנים פון פאַר־אַ־יאָרן זומער, און פאָווידלע, נאָר אַזאַ זויערע, וואָס מע קאָן דערזען קראַקע מיט לעמבעריג!

אין דער צייט וואָס די מומע האָדל האָט געפּאַקט אין וועג אַריין און די קינדער זיינען געווען פאַרנומען מיטן געזעגענען זיך, האָט „פרומע די מויד” דערזען גערגעלען, האָט זי אַ קוק געגעבן אויף אים מיטן בלינדן אייגל און אַ פרעג געטאָן ביי „פייגעלע־אַשמדאַי”: „וואָס טוט דאָ דער גנב?” . . . האָט גערגעלע ניט געוואָרט ביז יענע וועט ענטפערן און האָט פון זיין זייט אַ פרעג געגעבן: „וואָס טוט דאָ די בלינדע?” . . . עס וואָלט געקאָנט אַרויס דערפון אַ מיאוסער סקאַנדאַל, ווען שלום נעמט נישט זיין חבר גערגעלע פאַר אַ האַנט און פירט אים ניט אַרוים אין הויף אַריין (אין אַזאַ טאָג מעג מען אַלצדינג, אַפילו חברן זיך מיט גערגעלע־גנב).

— איך האָב געזאָגט, איכ'ל דיר עפּעס שענקען אַ זאַך? נאַ!...

און שלום נחום וועוויקס שטרעקט אוים זיין חבר גערגעלע־גנב זיינע אַלטע שטיוועלעך, אַרויסגענומען פון אונטער דער פּאָלע. גערגעלע אַפּנים האָט זיך געריכט אויף אַן אַנדער מין מתנה, ניט

---

מכה — וואונד.
אַ סלאָיקל — small jar.
פּאָווידלע — אַ ביליקער מין איינגעמאַכטס פון פלוימען.
פּאָלע — אַ ברעג פון אַ מלבוש.

www.libtool.com.cn

אויף אַ פּאָר אַלטע שטיוועלעך. און דערצו איז ער געווען צעקאָכט פונעם אינצידענט מיט דער בלינדער פּרומען, און נישט צופרידן פון דעם וואָס זיין חבר האָט אים פאַרלייקנט דעם אָרט פונעם אוצר, און גלאַט נישט אויפגעלייגט דעם טאָג. האָט ער די שטיוועלעך ביי זיין חבר צוגענומען, נאָר ער האָט זיי באַלד געגעבן אַ שמייס אָוועק פון זיך מיט כעס, און ער איז אַ באָרוועסער אָוועק פון הויף, זיך געלאָזט לויפן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן...

וויפל געזונט האָט עס געקאָסט — גערגעלעס אַנטרונען ווערן. דאָס האָט פאַרביטערט זיין חברס געזעגענען זיך מיטן שטעטעלע און אָפּגעעסממט אים די גאַנצע זיסקייט פון דער ערשטער גרויסער. שיינער, ווייטער נסיעה. וויפל ער האָט נישט געוואָלט נאָך דעם אָפּטרייבן פון זיך דאָס טרויעריקע בילד פון זיין באַליידיקטן חבר, איז עס דווקא געקראָכן אים אין פּנים אריין, געשטאַנען פאַר די אויגן און גענאָגט דאָס האַרץ: „האָסט באַליידיקט, באַליידיקט אַן אָרעמען חבר!"...

אַרויסגעפאָרן פון מאַרק, געפּטרט די קלייטן, די הייזלעך, דעם בית־עולם, און אַריבערגעפאָרן דאָס בריקל און — אוים וואָראָנקאַ! שלום האָט מיט אַ מאָל דערפילט עפּעס אַ מאָדנע ענגשאַפט אין האַלדז, און אַ וואָרעם געפיל פון רחמנות צום קליינעם שטעטעלע האָט אים דורכגענומען דורך און דורך, גלייך ווי דאָס שטעטעלע וואָלט געבליבן אַ יתום... דאָס דאַזיקע געפיל אין איינעם מיטן פאַרדראָס פון גערגעלעס אַנטרונען ווערן האָבן ווייך געמאַכט זיין האַרץ און באַנעצט זיינע אויגן. אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, בכדי די ברידער זאָלן עס נישט באַמערקן, האָט ער אָפּגע־ווישט אַ טרער און שטילערהייט זיך אָפּגעזעגנט דאָס לעצטע מאָל מיטן שטעטעלע:

„זיי געזונט, וואָראָנקאַ, זיי געזונט!"

---

אַנטרונען ווערן — אַנטלויפן.
נאָגן — זייגן, גריזיען.

# 17

www.libtool.com.cn

## די נסיעה

**ביי מאיר־וועלוול בעל־עגלה אין בויד. — די בויד מיט די דריי סוסים: „מודריק", „טענצער" און די „יחסנטע". — די ערשטע סטאַנציע אין וועג — באַרישפּאָלי. — נעזיקע באַלעבאַטים פון דער אַכסניא. — אַ נאַכטלעגער אויף דער ערד. — דער העלד געזעגנט זיך אויף שטענדיק מיט וואַראַנקאַ.**

נאָר דער וואָס איז אויסגעוואַקסן אַליין אין אַ קליין שטעטל און איז דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן אַרויסגעפאָרן פונעם קליינעם שטעטל אויף גאָטס וועלט — יענער וועט פאַרשטיין און וועט מיט־פילן דעם גליק מיט דעם פאַרגעניגן, וואָס קליינ־וואַרג האָט געפילט פון דער דאָזיקער ערשטער אָנגעלייגטער נסיעה.

די בויד איז געווען אַ בויד ווי אַלע בוידן, אויבן מיט אַ גרויען געלאַטעטן דעקטוך, גוט אויסגעבעט מיט היי און מיט ראָגאָזשעס, דאַכט זיך ווייך, דאַרף זיין אַ תענוג צו זיצן. דעם „תענוג" זיינען חברה געוואָר געוואָרן נאָך דעם, אויפן אַנדערן טאָג פון דער נסיעה, אַז זיי האָבן שוין נישט דערפילט איין ביין אַ גאַנצן. די ערשטע צייט האָט מען זיך אין בויד גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. האָט מען זיך אָנגעלענט ווי דער טאַטע צום סדר אויף דעם היסב־בעט, אָדער מע האָט אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און אויסגעצויגן זיך אין דער לענג, אָדער מע האָט זיך גאָר אויפגע־שטעלט, אָנגעהאַלטן זיך מיט די הענט אין די רייפן פונעם ביידל.

---

סוסים — פערד.
אכסניא — איינפאָרהויז.
ראָגאָזשעס — mats.
היסב־בעט — אַ געזעס, אונטערגעבעט מיט קישנס, אויף וועלכן עס זיצט דער פאָטער ביים פראַווען דעם פסחדיקן סדר.

www.libtool.com.cn

דאָס האָט שוין מאיר־וועלוול בעל־עגלה ניט געוואָלט ליידן. און כאָטש ער האָט געשלאָגן מיט חברה בלאַט און אַ גאַנצן וועג דערציילט זיי בעל־עגלה־מעשיות, פונדעסטוועגן האָט דאָס אים ניט געשאַדט מבטיח צו זיין, אַז טאָמער ווילן זיי אים אַרויסרייסן אַ שטיקל בויד, וועט ער זיי אַרויסרייסן די קישקעס. מאיר־וועלוול האָט דאָס אָפּגעזאָגט, אַ שמיץ געגעבן די „סוסים" און גע־פאָרן ווייטער.

די „סוסים" — אַזוי האָבן ביי מאיר־וועלוול בעל־עגלה גע־הייסן זיינע דריי פערדלעך. די פערדלעך פֿאַרדינען באַשריבן צו ווערן כאָטש אין קורצע ווערטער. מיר הייבן אָן פֿונעם מיטלסטן. ביי מאיר־וועלוול בעל־עגלה האָט ער געהייסן מיטן נאָמען „מודריק". פאַר וואָס „מודריק"? אפשר דערפאַר ווייל „מודריי" איז די טייטש חכם, כאָטש קיין גרויסער חכם, דאַרף מען זאָגן דעם אמת, איז דער דאָזיקער „מודריק" ניט געווען. ער איז נאָר געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן — דאָס יאָ. דאָס האָט מען געקאָנט אַרוים־זען פון זיין אַלטער מאָרדע מיט די רינעדיקע אויגן און פון זיין אויסגעדריפּעטן עק און פון די הויכע ביינער, וואָס האָבן אַרוים־געשטאַרצט פון זיין אַמאָליקן ברייטן הינטן. און פונדעסטוועגן איז דער גאַנצער וואָגן מיט דער גאַנצער משא געלעגן כמעט נאָר אויף אים, מחמת די צוויי זייטיקע האָבן זיך נאָר געמאַכט אַז זיי שלעפּן.

די צוויי זייטיקע „סוסים" האָבן אויך געהאַט נעמען. איינעם האָט מען גערופן מיטן נאָמען „טענצער", ווייל דער גאַנג זיינער איז געווען מיט אַ טענצל. ער האָט געהאַלטן אין איין טאַנצן. אַלע פיר פיס האָבן ביי אים געטאַנצט, נאָר יעדער פוס האָט געטאַנצט באַזונדער. זיי האָבן זיך ניט אויפגערעדט. און דערפאַר איז פון זיין טאַנצן קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען. ער האָט נאָר געשטערט „מודריקן", איז איינס. ווידער האָט ער אַזוי געטרייסלט דעם וואָגן אַז ס'האָט אַרויסגעטרייסלט די נשמה. מאָלט אייך, מאיר־וועלוול האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט: „וועסט ביי מיר טאַנצן!" — האָט ער אים געזאָגט און איינגעטייטשט אַ מאָל מיט דער בייטש און אַ מאָל מיטן שטעקעלע פון דער בייטש. דעם גאַנצן וועג האָט ער אים געהאַלטן אין איין שלאָגן, געלערנט מיט אים בלק. דאָס האָט

---

שלאָגן בלאַט — אָפּמאַכן עפּעס אין געהיים, מאַכן אָן אָפּמאַך מיט ניט קיין ערלעכן ציל.
מבטיח זיין — צוזאָגן.
אויסגעדריפּעט — אויסגעקראָכן.
לערנען בלק — גוט אָנלערנען, באַשטראָפן.

www.libtool.com.cn

אָבער ווינציק וואָס געהאָלפֿן. טענצער איז ניט נתפּעל געוואָרן און ניט אויפֿגעהערט צו טאַנצן. אדרבה, אַז מע האָט אים גוט דערלאַנגט, איז נאָך געווען ערגער: ער האָט אָפּגעענטפֿערט מיט ביידע הינטערשטע פֿיס, ווי איינער רעדט: „אַז דו ווילסט, נאַ דיר!“ . . .

דערפֿאַר האָט מאיר־וועלוול דעם דריטן סוס געלאָזט צו רו, זעלטן, פֿון יוצא וועגן, דערלאַנגט אַ שמיצל. געווען איז דאָס אַ שקאַפּע, אַ נידעריקע און אַ גראָבע, און געהייסן האָט זי ביי אים די „יחסנטע“, דערפֿאַר וואָס זי קומט אַרויס פֿון גרויסן יחוס: זי איז געווען אַמאָל — אַזוי האָט דערציילט מאיר־וועלוול — אַ גלחס אַ פֿערד. ווי קומט זי צו אים? די יחסנטע איז געווען, ווי מאיר־וועלוול דערציילט מיט אַ שמייכל, אַ געגנבעטע. דאָס הייסט, נישט ער חלילה האָט זי געגנבעט. געגנבעט האָבן אַנדערע, נאָר ער האָט זי אָפּגעקויפֿט בחצי חינם, און בעת ער האָט זי געקויפֿט, האָט ער ניט אָנגעהויבן צו ווייסן, ער זאָל אַזוי ניט ווייסן פֿון קיין צער און קיין דלות, אַז זי אַ געגנבעטע. וואָרעם ווען ער זאָל ווייסן, אַז זי איז אַ געגנבעטע, און נאָך ביי אַ גלח דערצו, וואָלט ער זיך ניט צוגערירט צו איר, מע זאָל אים אָפּגילטן, טאַקע ממש אָפּגילטן. נישט מחמת ער איז אַזאַ צדיק אין אַ פּעלץ און האָט מורא זיך צורירן צו אַ גע־גנבעט פֿערד. וואָס גייט אים אָן, אַז יענער איז אַ גנב? ביסטו אַ גנב, וועט מען דיך שמייסן אויף יענער וועלט. נאָר ער וואָלט זי נישט געקויפֿט איבער אַן אַנדער זאַך. ער האָט פֿיינט פּאָליציע אַזוי ווי חזיר. ער וויל נישט האָבן קיין שום עסקים מיט פּאָליציע! והראיה, ער האָט אַמאָל געהאַט אויף זיך אַ פּעקל, אַן אומגליק, אַ בילבול. שונאים בעלי־עגלות האָבן אים אונטערגעשטעלט אַ פּיסל . . .

און דאָ גייט אַוועק ביי מאיר־וועלוולען אַ זייטיקע מעשה, און נאָך אַ מעשה, און נאָך אַ מעשה, און פֿון די אַלע מעשיות האָט מען געקאָנט שטאַרק חושד זיין, אַז מאיר־וועלוול האָט שטאַרקע עסקים מיט פֿערד־גנבים און מיט פּאָליציע.

דערפֿאַר האָט ער אָבער געהאַט אַ מעלה — ער איז געווען אַ באַריידעוודיקער און האָט מיט זיינע ניין מאָס רייד זייער גוט אונטער־

---

נתפּעל ווערן — פֿאַרוואונדערט ווערן, אַנטציקט ווערן.
פֿון יוצא וועגן — ווי ניט איז טאָן, אָן אַן אינטערעס טאָן, אָפּפּטרן.
שקאַפּע — קליאַטשע, mare.
בחצי חינם — האַלב אומזיסט.
אַ צדיק אין פּעלץ — אַ פֿאַלשער צדיק, עמעצער וואָס מאַכט זיך פֿאַר אַ צדיק.
והראיה — און אָט איז אַ באַווייז.
האָבן אויף זיך אַ פּעקל — האָבן אויף זיך אַ צרה.

www.libtool.com.cn

געהאַלטן די יונגע פֿאַרשווינדלעך, דאָס מויל האָט זיך אים ניט צוגעמאַכט אויף קיין מינוט אפֿילו. אַלצדינג זיינען פֿון אים די קינדער געוואָר געוואָרן, פֿון זינט ער איז געווען אַ ייִנגל אַ שמייסער ביז ער איז געוואָרן פֿאַר זיך אַ בעל־עגלה. געענדיקט דערציילן זיין אייגענע געשיכטע, איז מאיר־וועלוול אַריבער צו די געשיכטעס פֿון אַנדערע בעלי־עגלות, אָנגערופֿן אַלעמען ביי די נעמען און באַקאַנט געמאַכט, וויפֿל און וואָסערע פֿערד יעדערער האָט, ווער עס האָט פֿערד, טאַקע „סוסים", און ווער האָט „פֿגירות, נבלות, פּעל".

פֿון בעלי־עגלות איז מאיר־וועלוול אַריבער אויף פֿערדהענדלער און אויף ציגיינערס און אויף גנבים און אויף „נביאים". דער חילוק פֿון אַ גנב ביז אַ „נביא" איז דער (אַזוי האָט מאיר־וועלוול געגעבן צו פֿאַרשטיין): וואָס דער גנב פֿירט אַרויס דעם סוס פֿון שטאַל און דער „נביא" — דער טרעפֿט און ווייזט אָן וואו דער סוס געפֿינט זיך. דעריבער מוז מען מיט די „נביאים" שלאָגן בלאָט נאָך מער ווי מיט די גנבים... ניין, די קינדער וועלן דאָס אין צוויי יאָר ניט געוואָר ווערן, וואָס זיי זיינען געוואָרן פֿון מאיר־וועלוול בעל־עגלה אין די צוויי טעג פֿון זייער נסיעה.

— קריכט אַראָפּ, ממזרים, מיר זיינען שוין אין באַרישפּאָלי. דאָ נעכטיקן מיר איבער און „מירטשעמאָרגן" פֿאָרן מיר ווייטער.

באַרישפּאָלי — אַ נייע שטאָט. בעסער וועט זיין אַז מיר וועלן זאָגן — אַ ניי דאָרף, אַ גרויס דאָרף. הייזלעך די זעלבע וואָס אין וואָראָנקאָ, מענטשן אויך די אייגענע, נאָר נעזער אַנדערע. אַ צופֿאַל, אָדער ס'איז טאַקע אַזוי, נאָר די חבֿרה זיינען געווען איבערראַשט פֿון דעם, וואָס דער באַלעבאָס פֿון דער סטאַנציע, די באַלעבאָסטע און זייערע פֿיר דערוואַקסענע טעכטער — אַלע זיינען זיי געווען מיט לאַנגע נעזער, און טאָמער איז קאָרג, האָט די דינסט נאָך אַ לענגערע נאָז פֿון זיי אַלע.

דערהערט פֿונעם בעל־עגלה ווער די פֿאַרשווינדלעך זיינען, האָט דער לאַנגנאָזיקער באַלעבאָס זיי אויפֿגענומען מיט כּבֿוד, זיי אָפּגעגעבן שלום־עליכם; געהייסן דער לאַנגנאָזיקער דינסט, זי זאָל שטעלן דעם סאַמאָוואַר; אַ וואונק געגעבן צו דער לאַנגנאָזיקער באַלעבאָסטע, זי זאָל דערלאַנגען פֿאַרבייסן, און אַ קאָמאַנדעווע געגעבן

---

שמייסער — אַ געדונגענער אַרבעטער ביי אַ בעל־עגלה.
פֿגירות — טויטע קערפּערס.
נבלות — טויטע קערפּערס.
„מירטשעמאָרגן" — אם ירצה השם מאָרגן (אויב גאָט וועט וועלן — מאָרגן).

צו די לאַנגנאָזיקע טעכטער, זיי זאָלן אָנטאָן חושך — זיי זיינען www.libtool.com.cn געגאַנגען באָרוועס.

מיט די דאָזיקע באָרוועסע מיידלעך זיינען די יונגע פאַרשווינדלעך געוואָרן אַ ביסל שפּעטער גאַנץ היימיש. מיט גרויס נייגעריקייט האָבן די מיידלעך זיך אויסגעפרעגט ביי די יינגלעך, פון וואַנען און וואוהין זיי פאָרן, און ווי אַזוי זיי הייסן, און ווי געפעלט זיי באַרישפּאָלי — אַלצדינג האָבן זיי געוואָלט וויסן, אפילו וויפל יעדערער איז אַלט. דערנאָך האָבן זיי אַלע אין איינעם, די יינגלעך מיט די מיידלעך, פאַרזוכט פון דער זויערער פּאָווידלע, וואָס די מומע האָדל האָט מיטגעגעבן, און די געלעכטערס זיינען געגאַנגען ביזן הימל אַריין.

דערנאָך האָט מען גענומען שפּילן „קוציבאַבע" — אַ שפּיל וואָס מע פאַרבינדט איינעם די אויגן און מע לאָזט אים, ער זאָל כאַפּן וועמען ער וויל. די מיידלעך האָבן זיך שטאַרק צעהיצט, און אַז ס'איז זיי געראָטן צו כאַפּן עמעצן פון די יינגלעך האָבן זיי געקוויטשעט פון פרייד.

ביי נאַכט האָט מען די געסט באַלייגט אויף דער ערד, מיט היי אויסגעבעט. און בכדי זיי זאָלן זיך ניט געפינען באַליידיקט, האָט זיי די לאַנגנאָזיקע באַלעבאָסטע באַוויזן, אַז אינעם צווייטן ווינקל פון חדר ליגן אירע טעכטער אויך אויף דער ערד, „און וואַקסן פונדעסטוועגן, קיין עין הרע, גאַנץ נישקשהדיק" — האָט זי צוגעלייגט און אויסגעשנייצט די לאַנגע נאָז. חברה וואָלטן דעם דאָזיקן געלעגער אָנגענומען מיט פאַרגעניגן, ווען זיי זאָלן זיך ניט שעמען פאַר די מיידלעך אויסצוטאָן. און די מיידלעך האָבן זיך דווקא ניט געשעמט און האָבן גאַנץ גרינג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאָפּטלעך, געבליבן באָרוועסע און איינע קליידלעך, מיט נאַקעטע העלדזער, האָבן זיי צעלאָזט די האָר און מאָדנע איבערגעקוקט זיך, געוואָרפן אויף די יינגלעך מיט די אויגן און געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט.

— לאָז זיין שטיל! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט דער באַלעבאָס און האָט אויסגעלאָשן דעם הענגלאָמפּ. עס האָט זיך אָבער אין דער פינצטער נאָך געהערט אַ פאַרשטיקטער געלעכטער פון ביידע צדדים און אַ שאָרשקען פון היי. אָבער נישט לאַנג, וואָרעם עס איז געקומען דער געזונטער, יונגער, אומשולדיקער שלאָף און האָט צוגעשלאָסן די געזונטע יונגע, אומשולדיקע אויגן.

---

קאָפּטלעך — מיידלשע בלוזקעס.
שאָרשקען — גיבן אַרויס אַ קלאַנג שאָרש-שאָרש (ווי פּאַפּיר, זייד אָדער אַ טרוקן בלאַט).

www.libtool.com.cn

די „ברכות“ אין דער פרי, וואָס דער באַלעבאָס האָט געזונגען מיטן געווייסן ניגון, האָבן אָנגעזאָגט די קינדער אַז ס'איז שוין טאָג און אַז מע דאַרף פאָרן קיין פערעיאַסלאַוו. דאָס לעצטע וואָרט האָט ווי אַ ברי געגעבן און אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט שמחה און תענוג. מאיר־וועלוול בעל־עגלה האָט צונויפגעלייגט דעם טלית־ותפילין און דאָס פנים האָט אים געשיינט ווי ביי אַ צדיק. דערנאָך איז ער אַוועק שפּאַנען די „סוסים“. דאָרט האָט ער זיך אויסגעטענהט מיט „מודריקן“, מיט „טענצערן“ און מיט דער „יחסנטע“ אויף זיין לשון, איינגעטיילט יעדערן באַזונדער, נאָר דעם גרעסטן חלק האָט באַקומען „טענצער“ דערפאַר, ער זאָל ניט טאַנצן דעמאָלט, ווען מע שפּיל־ניט...

די זון האָט אַראָפּגעשיינט, און דער גאַנצער הויף איז געווען ווי איינגעטונקט אין גינגאָלד, און בריליאַנטן האָבן געפינקלט און געשפּילט זיך אומעטום — בריליאַנטן, דימענטן! אפילו די קופּע מיסט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט דורכן גאַנצן זומער, און אפשר דורך צוויי זומערן, איז געווען מיט גאָלד באַדעקט. און ווער שמועסט דער האָן מיט די הינער וואָס האָבן זיך דאָ געפּאָרעט אויף דער קופּע — די האָבן אויסגעזען ביזן לעצטן פעדערל זהב טהור. זייער קוואָקען האָט געגלעט. זייער שאַרן מיט די פיסלעך האָט גע־האַט דעם זיבעטן חן. און אַז דער געלער האָן איז אַרויף אויף דער קופּע און האָט צוגעמאַכט די אייגלעך און האָט אויסגעצויגן דעם לאַנגן, שיינעם, כפול־שמונהדיקן קוקאַריקו אויף זיין חזנישן שטייגער, האָט זיך דערפילט די שיינקייט פון דער וועלט און די גרויסקייט פון דעם וואָס האָט באַשאַפן די וועלט.

און עס האָט זיך געגלוסט אים אָפּגעבן אַ שבח — נישט חלילה אָוועקשטעלן זיך דאַוונען, ווי דער באַלעבאָס פון דער באַרישפּאָלער סטאַנציע אָדער ווי מאיר־וועלוול דער בעל־עגלה — ניין, דערויף האָבן חברה קיין חשק ניט געהאַט, דאָס האָט זיך זיי שוין לאַנג צוגעגעסן. נאָר אינעווייניק ביי זיך אין האַרצן דאַנקען און לויבן גאָט — דאָס יאָ.

---

„ברכות“ — דער אָנהייב פון פרימאָרגנדיקן דאַוונען, פון שחרית.
גינגאָלד — fine gold.
קופּע — אַן אָנגעוואָרפן בערגל, pile.
זיך פּאָרען — אַ לאַנגע צייט זיין פאַרנומען מיט עפּעס, זיך דרייען אַרום עפּעס.
זהב־טהור — ריין גאָלד.
כפול־שמונהדיק — זייער שטאַרק, געדריידלט, צונויפגעדרייט פון אַכט פעדעם ווי ציצית.
אָפּגעבן אַ שבח — לויבן, אָפּגעבן אַ לויב.

www.libtool.com.cn

— קריכט אין וואָגן אַריין, ממזרים, מיר האָבן נאָך אַ טאָג צו פאָרן! — האָט מאיר־וועלוול זיי צוגעטריבן, באַצאָלט פאַר היי און האָבער און געזעגנט זיך מיט די באַלעבאַטים פון דער סטאַנציע. חברה האָבן זיך אויך גאַנץ פיין אָפּגעזעגנט מיט דער לאַנגנאָזיקער משפחה, אַריין אין בויד אַריין. און אַ נייע פרישקייט, אַ נייע זיס־קייט, אַ נייע רחבות האָט זיי אונטערגעכאַפּט און אַרומגענומען פון אַלע זייטן, באַלד נאָך דעם ווי דער וואָגן האָט טרייסלענדיק זיך אַרויסגעקאַטשעט פון באַרישפּאָלי און אַרויסגעפאָרן אויף דער ברייטער וועלט פון פעלדער און גערטנער, פון זאַמד און פון וואַלד און פון הימל און ווייטער הימל.

עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ ביסל צו פיל הימל. ער האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסל צועסן זיך — ניט אַזוי דער הימל ווי דאָס פאָרן, און ניט אַזוי דאָס פאָרן, ווי דער בעל־עגלה מאיר־וועלוול מיט זיינע מעשיות. און אגב האָט אָנגעהויבן פּיקן אין קאָפּ, שווינדלען אין די אויגן און שטעכן אין די זייטן פונעם טרייסלען וואָס ס'האָט געטרייסלט און פונעם וואַרפן וואָס ס'האָט געוואָרפן. טער־טער־טער־טער!

עס האָט אויסגעזען, אַז ס'וועט אייביק אַזוי טערקען, עס וועט גאָר קיין מאָל ניט אויפהערן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן וועלן אַראָפּקריכן. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן בענקען נאָך דער ערד, בענקען אַהיים, בענקען נאָך וואַראָנקאַ. און שלום האָט זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע ביי מאיר־וועלוולען אין בויד, אָפּגעזיפצט און מיט האַרץ געזעגנט זיך מיטן שטעטעלע נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, און גע־שעפּטשעט שטילערהייט, זיינע ברידער זאָלן עס ניט הערן:

— „זיי געזונט, וואַראָנקאַ! זיי געזונט, זיי געזונט!...“

---

רחבות — ברייטקייט.
קאַטשען זיך — קייקלען זיך, זיך באַוועגן ווי אַ קאַטשקע.

www.libtool.com.cn

# 18

# אין דער נייער היים

**אַ קאַלטע באַגעגעניש. — די ערשטע נאַכט אין דער נייער היים. — דער טאַטע איז פאַרזאָרגט.**

נאָך צוויי טעג טרייסלען זיך און העצקען זיך, וואַרפן זיך און קאַטשען זיך, און אָנגעגעסן זיך מיט שטויב, און אָנגעהערט זיך מיט די בעל־עגלה־מעשיות, האָבן די יונגע פאַרשווינדלעך אויפן צווייטן טאָג פאַר נאַכט דערפילט, אַז זיי זיינען שוין אַט־אַט אין דער היים. נאָך אַ ביסעלע און עס האָבן זיך אין דער פינצטערער נאַכט אָנגעהויבן באַווייזן קליינע פייערלעך, סימנים פון אַ שטאָט. דערנאָך האָבן די רעדער גענומען קלאַפּן איבער שטיינער און די בויד האָט געטראַסקעט נאָך ערגער ווי פריער. דאָס איז שוין געווען די אמתע שטאָט, די גרויסע שטאָט פערעיאַסלאַוו.

מיט אַ רעש און מיט האַרמידער האָט זיך מאיר־וועלוול בויד צוגעקאַטשעט צו אַ פינצטערן הויף, וואו ס'איז געהאַנגען איבערן טויער אַ פאַררייכערטע לאַמטערנע מיט אַ בעזעמל פון היי — אַ סימן אויף אַן איינפאָרהויז.

— קריכט אַרויס, ממזרים, מיר זיינען שוין געקומען! — אַזוי האָט מאיר־וועלוול אָנגעזאָגט די בשורה נאָך דעם ווי ער האָט מיט אַ לאַנגן „טפּררררו” זיך אָפּגעשטעלט ביים גאַניק פונעם איינפאָר־הויז.

צעבראָכענע, צעלאַמטעטע און הונגעריקע, האָבן חברה גענומען איינציקווייז אַרויסקריכן פון בויד און אויסגלייכן זיך די ביינער. גיך האָט זיך געעפנט די שטובטיר און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויפן פינצטערן גאַניק פיגורן, איינע נאָך דער אַנדערער, וואָס מען האָט זיי אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט געקאָנט דער־

---

העצקען זיך — טרייסלען זיך, שאָקלען זיך.
צעלאַמטעטע — לאָם געוואָרענע, הינקעדיק געוואָרענע.

www.libtool.com.cn

קענען נאָר נאָכן קול. די ערשטע פיגור איז געווען אַ הויכע און אַ ברייטע. דאָס איז געווען די באָבע מינדע. זי האָט אויסגעצויגן דעם אַלטן קאָפּ און אַ זאָג געגעבן: „אָ, געלויבט ביסטו גאָט, זיי זיינען שוין געקומען!" די צווייטע פיגור איז געווען אַ קליינטשיקע, אַ זשוואַוועס. דאָס איז געווען די מאַמע חיה־אסתר. זי האָט ווי אַ פרעג געגעבן עמעצן אַ דריטן: „שוין געקומען?" — „שוין געקומען!" — האָט איר אָפּגעענטפערט מיט פרייד אַ דריטע פיגור, אַ לאַנגע און אַ דינע. דאָס איז געווען דער טאַטע, ר' נחום וועוויקס, איצט שוין ר' נחום ראַבינאָוויטש (אין דער גרויסער שטאָט האָט מען דעם ייִדן וועוויק צו רו געלאָזן).

אַ באַגעגעניש איז דאָס געווען נישט אַזאַ ווי די קינדער האָבן געוואַרט. מען האָט זיך אפילו צעקושט, נאָר קאַלטלעך. דערנאָך האָט מען זיי אַ פרעג געגעבן: „ס'מאַכט איר?" וואָס קאָן מען ענטפערן דערויף? „גאַרנישט"... די ערשטע איז געווען די באָבע מינדע וואָס האָט זיך דערמאָנט אַז די קינדער קאָנען וועלן עסן. „איר זייט הונגעריק?" נאָך אַ מין הונגעריק! "איר'ט עפּעס עסן?" נאָך אַ מין עסן! „מנחה־מעריב געדאַוונט?" נאָך אַ מין דאַוונען!

די מאַמע האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אין קיך מאַכן עפּעס עסן, און דער טאַטע האָט דערווייל פאַרהערט די קינדער וואו זיי האַלטן אין לערנען. אָ, זיי האַלטן ווייט! נאָר וואָס דרייט מען זיי אַ מוח, אַז עס ווילט זיך גאָר באַטראַכטן די נייע הײם, די נייע שטוב.

און זיי בייגן דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן און קוקן זיך אַרום וואו זיי זיינען אין דער וועלט. זיי דערזעען פאַר זיך אַ גרויסע, נאָר אַ סומנע, נאַרישעוואַטע שטוב מיט אַ סך חדרימלעך, איבערגעצווימט מיט דינע ברעטלעך. דאָס זיינען חדרים פאַר אורחים, און אורחים — ניט איינער...

אַז זייערע עלטערנס פּרנסה איז איצט אַן איינפאַרהויז — דאָס איז פאַר די קינדער געווען אַ סורפּריז און אַ באַליידיקונג. סטייטש, זייער טאַטע נחום וועט אויפנעמען געסט? זייער מאַמע חיה־אסתר וועט קאָכן פאַר זיי וואַרעמעס? זייער באָבע מינדע וועט זיי באַדינען? קיין שטאַרקערן אַראָפּפאַל, קיין גרעסערן בזיון האָבן זיי זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן...

— גייט וואַשט זיך! — זאָגט די באָבע מינדע נאָך דעם ווי די מאַמע חיה־אסתר האָט געבראַכט צו טראָגן פון קיך עפּעס נישט אַזאַ

---

זשוואַוועס — לעבעדיק, באַוועגלעך.

www.libtool.com.cn

געהויבענע וועטשערע: צוגעווארעמטע קאַשע מיט פּאַסאָליעס, און דאָס דאַרף מען עסן מיט ברויט, און דאָס ברויט איז אַלט־גע־באַקן! די מאַמע אַליין שניידט דאָס מיט אַ מעסער און טיילט אויס יעדערן זיין חלק — דאָס איז ביי זיי קיין מאָל נישט געווען. אַ קבצני־שער מנהג. און דער טאַטע זיצט ביי דער זייט און הערט נישט אויף צו עקזאַמענירן, וואו האַלט מען אין תנך. דער טאַטע זעט אויס צופרידן. די קינדער האַלטן ווייט. און ווער שמועסט דער מיטל־סטער, שלום, דער איז גאָר קלאָר בעל־פה, קאָן זאָגן גאַנצע קאַפּיטלעך ישעיה אויף אויסווייניק, ווי אַ וואַסער.

— נו, גענוג שוין, לאָזן זיי גיין שלאָפן! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו דאָס איבערגעבליבענע ברויט פון טיש און פאַרשליסט דאָס אין שאַפע. דאָס איז אויך נישט געווען ביי זיי דאָרטן אין וואָראָנקאָ. דאָס איז גאָר אַ מיאוסער מנהג!

עס איז שווער צו זאָגן: צי ווייל דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אַ שווערער און מען איז געווען צעבראָכן אויף שטיק־שטיקלעך, אָדער אפשר דערפאַר וואָס די באַגעגעניש איז געווען עפּעס נישט איבעריק פריינדלעך און די אויפנאַמע קבצנישדיק — נאָר די נייע היים, וואָס חברה האָבן וועגן איר אַזוי פיל געחלומט, האָט נישט געפונען ביי זיי אין די אויגן יענעם חן וואָס זיי האָבן געמיינט און געוואָלט. צו פיל האָבן זיי אַפּנים געטראַכט פון דעם, דעריבער האָבן זיי זיך געפילט ווי אָפּגעשמיסענע און זיינען געווען צופרידן, אַז מען האָט זיי געהייסן לייענען קריאת־שמע און גיין שלאָפן.

ליגנדיק דערנאָך אויף שטרויענע זעק, אויסגעבעטעט אויף דער ערד, אַלע קינדער אין איינעם, אין אַ גרויסן פינצטערן חדר אָן אַ שום מעבל, האָט שלום לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געבאָמבלט אַלערליי מחשבות און געדאַנקען מיט קשיות און קשיות:

פאַר וואָס איז דאָ אַזוי פינצטער און אומעטיק? פאַר וואָס זיינען דאָ אַלע אַזוי פאַרזאָרגט? וואָס איז דאָס מיט דער מאַמען, וואָס זי איז געוואָרן אַזוי קאַרג מיט סכנות? וואָס איז דאָס מיטן טאַטן, וואָס ער איז געוואָרן אַזוי איינגעבויגן און אַזוי שטאַרק פאַרעלטערט, אַז עס קלעמט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף זיין געל־גע־

---

פּאַסאָליעס — בעבלעך, beans.

אַ קבצנישער מנהג — אַ מנהג ביי קבצנים, ביי אָרעמעלייט.

בעל־פה — אויף אויסווייניק.

זיך באָמבלען — to dangle.

www.libtool.com.cn

קנייטשטע פּנים? ניט שוין זשע איז דאָס אַלצדינג נאָר צוליב דעם, וואָס מען האָט געזאָגט אין וואָראָנקאָ, אַז די פּרנסה איז געשלאָגן? ניט שוין זשע איז אָט דאָס דער „משנה מקום — משנה מזל"? וואָס טוט מען דערצו? דערצו איז — דער אוצר! אָך! ווען ער ברענגט מיט זיך כאָטש אַ קליינעם חלק פון יענעם אוצר וואָס ליגט באַהאַלטן אין וואָראָנקאָ!...

— שטייט אויף, חברה פּלעצל! זע נאָר, ס'איז זיי גאָרניט צו דערוועקן! מע דאַרף אַרויסטראָגן דעם הקדש! מע דאַרף קאָכן וואַרעמעס! און זיי שלאָפן — אַ זיסער שלאָף אויף זיי! — קלאָגט זיך די מאַמע חיה־אסתר, אַ קליינטשיקע, אַ זשוואַווע, אַ פּאַרפּאַרעטע, אַ פּאַרטאַרעראַמטע פון דער אַרבעט אין שטוב און אין קיך — איין מענטש אַליין.

— אי—אַ—נו! דאַוונען! — העלפט איר אונטער די באַבע מינדע, האַלט אַ סידור אין האַנט און מישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל און זאָגט מיט כוונה, טאָר ניט מפסיק זיין.

— נאָכן דאַוונען וועט איר זיך דורכגיין צו דער משפּחה אָפּגעבן אַלעמען שלום־עליכם, און אין חדר וועט איר שוין אָנהייבן גיין, אם ירצה השם, נאָך יום־טוב.

אַזוי לייגט צו דער טאַטע ווייכער פון אַלע. ער גייט אָנגעטאָן אין עפּעס אַ מאָדנעם כאַלאַט, און אַן איינגעהויקערטער, אַ פּאַרזאָרגטער, פּאַרציט ער זיך מיט אַ שטאַרקן פּאַפּיראָס און זיפּצט אַזוי טיף, אַז עס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. עפּעס דאַכט זיך אויס אַז ער איז גאָר קלענער געוואָרן, עלטער און קלענער. און עס ווילט זיך לויפן פון שטוב אַרויס וואָס גיכער, לויפן אין דרויסן אַרויס, אָנקוקן די שטאָט, זיך באַקענען מיט דער משפּחה.

---

מפסיק זיין — איבעררייסן אין מיטן דאַוונען.
כאַלאַט — שלאַפראָק, אַ לאַנגער און ברייטער, אַ שטוביקער בגד.

# 19

www.libtool.com.cn

## די גרויסע שטאָט

מע גייט באַקענען זיך מיט דער משפּחה. — די מומע חנה מיט אירע קינדער.
— אלי און אברהמל פֿאַרהערן דעם העלד וואו ער האַלט אין תנך. — ביים פעטער פּיניע פֿאַרהערט מען אים אין שרייבן.

אויף ווי פיל די שטאָט האָט ביי נאַכט אויסגעזען וויסט און פינצטער, אויף אַזוי פיל האָט זי אין דער פרי געשיינט און געבלישטשעט און געפֿונען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון די וואָראָנקעווער יינגלעך, די קליינשטעטלדיקע קינדער, וואָס האָבן געכאַפּט התפּעלות פֿון איטלעכן ברעקל באַזונדער.

זיי האָבן נאָך קיין מאָל אויף זייער לעבן נישט געזען, אַז גאַסן זאָלן זיין אַזוי ברייט און לאַנג און האָבן פון ביידע זייטן הילצערנע טראָטואַרן; אַז שטיבער זאָלן זיין געדעקט מיט בלעך; אַז פענצטער זאָלן זיין פון דרויסן מיט געפאַרבטע גרינע, בלויע און רויטע לאָדנס; אַז קלייטן זאָלן זיין געמויערטע פון ציגל און האָבן אייזערנע טירן. היינט דער מאַרק, די קלויסטערס און להבדיל די בתי־מדרשים מיט די שולן, און אַפילו די מענטשן — אַלע און אַלץ איז אַזוי גרויס און אַזוי שיין און אַזוי ריין און אַזוי יום־טובדיק־פריילעך!

אַזוי ווי אויף רעדלעך האָבן זיך געגליטשט זייערע פיס איבער די הילצערנע טראָטואַרן, ווען זיי זיינען געגאַנגען מיטן טאַטן צו דער משפּחה, זיך באַקענען און אָפּגעבן שלום. און נאָר ווייל דאָ איז געווען דער טאַטע, האָבן זיי פֿאַר דרך־ארץ נישט געקאָנט זיך אָפּ־

---

בלישטשען — גלאַנצן.
לייטזעליקייט — גוטסקייט, רחמנותדיקייט.
טראָטואַר — side-walk.
בלעך — sheet-metal, tin-plate
לאָדן — צו פֿאַרשטעלן פענצטער, shutter.
אָפּגעבן שלום — זיך באַגריסן.

www.libtool.com.cn

שטעלן אויף יעדער טריט און באַוואונדערן די חידושים וואָס זייערע אויגן האָבן דערזען. ווי דער שטייגער איז, איז אויף צו פריער גע־גאַנגען דער טאַטע און די קינדער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, פון הינטן.

אַריינגעטראָטן אין אַ גרויסן הויף און דורכגעשפּאַנט דורך אַ גרויסן גלעזערנעם ליכטיקן קאָרידאָר, איז מען אַריינגעקומען אין אַ רייכער פריצישער שטוב מיט געוועקסטע דילן, ווייכע קאַנאַפּעס און שטולן, הויכע ביז דער סטעליע שפּיגלען, געשניצטע שאַפעס, גלעזערנע קאַנדעליאַברעס אויף דער סטעליע, מעשענע העסעס אויף די ווענט — אַן אמתער „פּאַלאַץ", אַ „דירה־מלוכה" !

דאָס איז געווען דער מומע חנהס שטוב, אַ מאָדנע שטוב. אַ שטוב אָן אַ טאַטן (די מומע חנה איז אַן אלמנה). די קינדער האָבן נישט געהערט ניט זייער מאַמע, ניט זייער רבין, ניט קיינעם. אַ קליינע אַנאַרכיע. איטלעכער האָט זיך געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט. און אַלע צווישן זיך האָבן געהאַלטן אין איין קריגן זיך, און געלאַכט האָט מען הילכיק, און גערעדט האָבן אַלע אין איינעם, און געטומלט אַזוי שטאַרק, אַז דער קאָפּ האָט זיך אייך געדרייט. ווי נאָר קליינ־וואַרג זיינען אַריינגעקומען, איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשריי און אַ געפילדער :

— אָט דאָס זיינען זיי? אָט דאָס איז ער, דער בעל־תנך? אַנו, קום נאָר אַהער, שעם זיך ניט! זעט נאָר ווי ער שעמט זיך עס אַ ביסל, כאַ־כאַ־כאַ!

דער טאַטע האָט זיך אַפּנים נישט געקאָנט איינהאַלטן פון צו געבן זיך אַ באַרים מיט זיין זון, אַז ער איז אַ גוטער בעל־תנך. האָט מען אים געקרוינט דאָ טאַקע באַלד אויפן אָרט מיטן נאָמען : „בעל־תנך".

— גיב אָן דעם בעל־תנך אַ גלעזל טיי און גיב אים אָן עפּל מיט אַ באַר ; לאָז ער פאַרזוכן, דער בעל־תנך, אונדזערע פּערעיאַסלאַווער אויבסטן.

— שאַט, ווייסט איר וואָס? לאָז מען אַריינרופן אַהערצו אַלין מיט אברהמלען, וועלן זיי אים פאַרהערן.

און מען האָט אַריינגערופן אַלין מיט אברהמלען, שוין היפּשע בחורים מיט פיינע בערדלעך, און קערן זיך אָן צו דער מומע חנהס

---

קאַנדעליאַברעס — chandeliers.
העסעס — לייכטערס, צוגעפעסטיקטע צו ווענט, קאַנדעליאַברעס.

www.libtool.com.cn

משפּחה פון איר מאַנס צד. זיי זיצן אַ הויף קעגן אַ הויף. די אַריינגע־קומענע בחורים האָבן גלייך, אַן צערעמאָניעס, אַ נעם געגעבן דאָס וואָראָנקעווער בחורל צום עקזאַמען, אים פאַרהערט אין תנך אויף אויסווייניק פון איין עק ביזן אַנדערן.

און מע דאַרף מודה זיין, אַז דאָס וואָראָנקעווער בחורל האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן גאָר־גאָר גלענצנדיק. ער האָט ניט נאָר געטראָפן איטלעכס וואָרט וואו עס שטייט, אין וואָסער אַ קאַפּיטל, אין וואָסער פּסוק, נאָר אפילו געזאָגט וואו סע געפינען זיך אַלע איבע־ריקע ווערטער פונעם זעלבן שורש. דער טאַטע האָט געקוואָלן, געקליבן תענוג, ממש געוואָרן ברייטער ווי לענגער. דאָס פּנים זיינס האָט אים געשיינט. די קנייטשן וואָס אויפן שטערן האָבן זיך אויס־געגלייכט, און אַליין האָט ער זיך עפּעס ווי אויסגעגלייכט, געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש.

— אַז ס'איז יאָ אַזוי, לאָז מען געבן דעם בעל־תנך נאָך אַן עפּל און נאָך אַ בער און נאָך נים, און קאָנפעקטן, קאָנפעקטן! — האָבן דער מומע חנהס שיינע טעכטער געקאָמאַנדעוועט. און דער נאָמען „בעל־תנך" איז אים פאַרבליבן ניט נאָר אין דער משפּחה, מען האָט אים שוין דערנאָך אין בית־מדרש, צווישן יינגלעך קונדסים, אַנדערש ניט גערופן ווי „דער וואָראָנקעווער בעל־תנך". אויך די גרויסע, ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט אים געכאַפּט פאַר אַן אויער: „זאָג נאָר, דו קליינער בעל־תנך, וואו שטייט ערגעץ אָט דער און דער פּסוק?"

דעם בעל־תנך איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דער מומע חנהס שטוב מיט דער מומע חנהס קינדער, פּיניע מיט מאָכען, צוויי יינג־לעך־שקצים, מיט וועלכע ער איז גיך געוואָרן חבר. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קיין שענערע און קיין רייכערע שטוב ווי דער מומע חנהס איז ניטאָ ניט נאָר אין פּערעיאַסלאַוו, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט. וואָרעם וואו האָט איר געזען, אַז עפּל זאָל מען שלעפּן פון אַ פאַס, ניסלעך פון אַ זאַק און קאָנפעקטן פון אַ טאָרבע?

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען דעם פעטער פּיניעס שטוב. אַ שטוב אַ יידישע, מיט אַ סוכה, מיט אַ סך ספרים, אַ זילבערן חנוכה־לעמפּל — אַ פרומע שטוב. אַלע זיינען דאָרטן פרום. אַזוי ווי דער פעטער פּיניע, אַזוי זיינע קינדער. די זין אין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך ביז דער ערד, מיט אַרבע־כנפותן לאַנגע ביז די קני. די טעכטער —

קערן זיך אַן צו איר פון איר מאַנס צד — זיינען קרובים פון איר מאַן.
אַרבע כנפות — טלית־קטן (זע ווערטער צום קאַפּיטל 13).

www.libtool.com.cn

צניעותדיק אָנגערוקט די פּאַטשיילעם איבער קאָפּ, קוקן נאָר קיין פרעמדן גלייך אין די אויגן אריין, נאָר אַז מע דערזעט אַ פרעמדן, ווערט מען רויט און מע לאַכט אויף קרעדיט. די מומע טעמע, אַ יידענע אַ פּרומע מיט ווייסע ברעמען, און ביי דער זייט איר מאַמע — צוויי טראָפּנס וואַסער די מומע טעמע, גאָרניט צו דערקענען, ווער ס'אַ מאַמע ווער ס'אַ טאָכטער, ווען די מאַמע זאָל ניט טרייסלען מיטן קאָפּ: ניין-ניין.

דאָ, ביים פּעטער פּיניען, האָט דער טאַטע נחום שוין נישט באַרימט זיך מיט זיין בעל-תנך. אין דער דאָזיקער שטוב האַלט מען נישט פון תנך. ווער לערנט תנך? תנך לערנען אַפּיקורסים. דער־פאַר האָט דער טאַטע זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון באַרימען זיך מיט זיינע קינדערס כתב. זיינע קינדער, האָט ער געזאָגט, שרייבן אַז עס לאָזט זיך אויס די וועלט.

— אָט דער קליינער — האָט ער אַ וויז געגעבן אויפן בעל־תנך — האָט אַ הענטל, האָט אַ כתב!

— אנו, וויזט נאָר אַהער אַ טינט און פען! — האָט דער פּעטער פּיניע אַ שאָף געגעבן און האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל פוןביידע הענט, גלייך ווי ער אַליין באַדאַרף עפּעס טאָן אַן אַרבעט — אַ טינט און פען זאָל מיר באַשאַפן ווערן, וועלן מיר אים פאַרהערן שרייבן. אָבער גיך! און באַלד!

דעם פּעטער פּיניעס באַפויל איז געווען אַ באַפויל פון אַ שטרענגן גענעראַל, און אַלע קינדער, די יינגלעך מיט די מיידלעך, האָבן זיך אַ וואָרף געגעבן אין אַלע ווינקעלעך נאָך אַ טינט און פען.

— אַ שטיקל פּאַפּיר! — האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט ווידער דער גענעראַל. ס'איז אָבער נישט געווען אין ערגעץ קיין איבעריק שטיקל פּאַפּיר.

— שאַט! ווייסט איר וואָס? לאָז ער אָנשרייבן אָט דאָ אויף מיין סידורל.

אויף דער דאָזיקער המצאה איז געפאַלן דעם פּעטער פּיניעס יינגערער זון, אַ טשיקאַווע בחורל מיט אַ שפּיציק קעפּל און מיט אַ לאַנג נעזל.

— נעם שרייב! — האָט דער טאַטע באַפוילן צו זיין בעל־תנך.

---

צניעותדיק — פרום, זייער באַשיידן, chaste.
אַפּיקורסים — ניט-גלייביקע.
כתב — האַנטשריפט, אופן שרייבן, אַ שריפט, אַ דאָקומענט.
אַ שאָף געגעבן — באַפוילן.

www.libtool.com.cn

— וואָס זאָל איך שרייבן ?

— שרייב וואָס דו ווילסט.

איינגעטונקט די פען, האָט דער בעל־תנך אַ ביסל אַ טראַכט געגעבן, נישט געהאַט וואָס צו שרייבן, כאַטש טו זיך אָן אַ מעשה! דעם פעטער פיניעס הויזגעזינד האָט שוין מסתמא איבערגעטראַכט, אַז ער קאָן שרייבן נאָר דעמאָלט ווען מע זעט ניט. נאָר דאָ איז אים געקומען אויפן זכרון דאָס, וואָס כמעט אויף איטלעכן יידישן ספר פלעגט יענע יאָרן שטיין געשריבן, און שלום האָט פאַרקאַטשעט דעם אָרבל, געגעבן אַ דריי מיט דער האַנט, איינגעטונקט נאָך אַ מאָל די פען און אין עטלעכע מינוט אַרום איז געווען אָנגעשריבן אָט ווי אַזוי (דאָס איז געווען געשריבן אויף לשון־קודש, אויף יידיש וועט דאָס הייסן אַזוי גוט ווי):

„כאָטש אפילו אויף אַ ספר שרייבן טאָר מען ניט, נאָר צוליב אַ סימן מעג מען".

דאָס איז געווען אַ מין הקדמה־ נאָך וועלכער עס קומט די דאָזיקע באַקאַנטע אויפשריפט:

„דאָס דאָזיקע סידורל געהערט. צו וועמען געהערט דאָס סידורל? צו וועמען עס געהערט עס. פאָרט צו וועמען? צו דעם וואָס האָט געקויפט. ווער האָט דאָס געקויפט? ווער עס האָט געקויפט האָט דאָס געקויפט! פאָרט ווער האָט דאָס גע־קויפט? ווער עס האָט געגעבן געלט. ווער האָט געגעבן געלט? ווער עס האָט געגעבן האָט געגעבן. פאָרט ווער האָט געגעבן? ווער ס׳איז אַ נגיד. ווער איז אַ נגיד? ווער ס׳איז אַ נגיד איז אַ נגיד! פאָרט ווער איז אַ נגיד? אַ נגיד איז דער באַרימטער בחור יצחק, דער זון פונעם באַרימטן נגיד פנחס ראַבינאָוויטש אין דער שטאָט פערעיאַסלאַוו".

עס איז שווער צו באַשרייבן וואָס פאַר אַ פוראָר דאָס האָט גע־מאַכט, הן דער לשון, הן דער כתב. און דער עיקר — דער כתב! דער בעל־תנך האָט זיך גוט געפלייסט, אַז דער טאַטע זיינער זאָל חלילה ניט פאַרשעמט ווערן. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות. ער האָט געשוויצט ווי אַ ביבער. ער האָט אויסגעקליבן דעם סאַמע

---

כאַטש טו זיך אָן אַ מעשה — כאָטש נעם זיך דאָס לעבן.
געמאַכט אַ פוראָר — made a hit.
ביבער — beaver.

www.libtool.com.cn

שענסטן און סאַמע קלענסטן פּערל־כּתב, וואָס מע דאַרף אָנטאָן דערצו אַ שפּאַקטיוו מע זאָל דערזען די אותיותלעך. ער האָט אָנגעווענדט דערצו דעם גאַנצן כּוח פון קאַליגראַפיע, וואָס ער האָט אַרויסגע־פירט בירושה פון זיין וואָראָנקעווער רבין ר׳ זרחל, וועלכער האָט באַשאַפן אין יענעם שטעטעלע, קאָן מען זאָגן, אַ גאַנצן דור קאַלי־גראַפן, וואָס האָבן זיך צעקראָכן איבער דער וועלט און וואָס צייכענען זיך אוים כמעט אַלע מיט זייער שיין־שרייבן עד היום הזה.

---

שפּאַקטיוו — טעלעסקאָפּ.
עד היום הזה — ביז צום היינטיקן טאָג.

# 20

# בין־הזמנים

www.libtool.com.cn

נייע חברים. — ווי גרמיזא דער מלמד לייענט אין דער תורה. — די וואָראַנקעווער ווייסע־חברהניקעס באַווייזן וואָס זיי קענען.

בין־הזמנים — ווער ווייס דאָס פאַרשטיין ?! וואַקאַציע, וואַקיישאָן, פעריען, קאַניקולעס — דאָס זיינען אַלץ ווערטער פונעם זעלביקן באַגריף. זיי זאָגן אָבער נישט דאָס וואָס דאָס וואָרט „בין־הזמנים" זאָגט דעם יידישן יינגל.

דאָס קינד, וואָס קומט פון דער שול אָדער פון גימנאַזיע אויף וואַקאַציע אַהיים, האָט זיך גענוג אָנגעשפילט דאָרטן וואו מע לערנט, גענוג אָנגעטאַנצט און אָנגעהוליעט, גענוג אָנגעלאָפן זיך און גענוג אָנגעשפילט זיך מיט די חברים דורכן יאָר — עס קאָן זיין מער געשטיפט ווי געלערנט. דער יידישער חדר־יינגל — דער האָט נעבעך דאָס גאַנצע יאָר געהאָרעוועט, געזעסן ביז שפעט אין דער נאַכט און געלערנט: געלערנט, געלערנט און געלערנט. און מיט אַ מאָל — בין הזמנים! אָנדערהאַלבן חדשים דורך אַנאַנד וועט מען נישט גיין אין חדר — וואָס קאָן זיין אַ גרעסערער יום־טוב? און דערצו גייען נאָך די יום־טובים אויך: ימים נוראים! סוכות! שמחת־תורה! און דאָס אַלצדינג אין איינעם גענומען אויף אַ ניי אָרט, אין דער גרויסער שטאָט, אין פערעיאַסלאַוו!

קודם כל באַדאַרף מען אָנקוקן די שטאָט. חברה האָבן זי נאָך כמעט גאָרנית געזען. אַחוץ ווי ביי דער מומע חנהן און ביים פעטער פיניען און אַ חוץ ווי אין גרויסן בית־מדרש, אין אַלטן בית־מדרש און אין דער קאַלטער שול, זיינען די וואָראַנקעווער קינדער כמעט אין ערגעץ נישט געווען. נאָך פאַראַן גענוג גאַסן און גענוג ערטער.

---

בין־הזמנים — פעריען, וואַקאַציע, די צייט צווישן איין זמן און צווייטן אין חדר, פסח־צייט און די צייט פון ראש־השנה — סוכות.

www.libtool.com.cn

דערווייל איז בין־הזמנים און ערב יום־טוב. באַדאַרף מען אומעטום זיין און ס׳איז צייט צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט נייע חברים און גלאַט יינגלעך.

פון די חשובע באַלעבאַטישע יינגלעך פאַרנעמען דעם אויבנאַן: משהל יצחק־אַביגדורס, אַ בחורל אַ געלם, אַן אויסגעצוואָגנס, אַ גדלן אַ יונג, וואָס סע שטייט אים ניט אָן מיט זיך אַליין צו ריידן — און איז גערעכט. ערשטנס, האָט זיין טאַטע אַן אייגענע שטוב מיט אַ וויסן גאַניק; היינט זיינען דאָ ביי דעם יצחק־אַביגדורן זייגערס אין שטוב מיט זייגערלעך אָן אַ צאָל און אָן אַ שיעור. אַז עס קומט זייגער צוועלף און די זייגערס הייבן אָן שלאָגן קאָן מען פאַרטויבט ווערן.

דער צווייטער נאָך משהלען גייט זיאַמע קאָרעצקי — אַ יינגל פון די גאָר גרויסע שקצים, אַ ביסל אַ סאַטולעוואַטער, נישט מיט יע־דערן איז ער אַ מחותן און נישט יעדערער איז מיט אים אַ מחותן, וואָרעם זיין טאַטע האָט אַן אונטערגעשאָרענע באָרד, איז אַן אַדוואָ־קאַט און טראָגט מאָדנע ברילן אויף דער נאָז, וואָס מע רופט זיי „פענצנע״. אָט דער זיאַמע האָט אויסגעלערנט די גאַנצע שטאָט קינ־דער שווימען, באָדן זיך, גליטשן זיך אויפן אייז און נאָך אַ סך זאַכן, וואָס ניט אַלע יידישע קינדער קענען עס.

נאָך זיאַמען גייט ישראל בענדיציקים יינגל, אַ בלייבער און אַ ציטעריקער, חייטל רודערמאַן, אַ מלמדס אַ יינגל מיט גראָבע פיסקעס, די ליפּסקים — אָפּגעפּוצטע בנימלעך מיט אויסגעוועקסטע שטוי־וועלעך. מיט די ליפּסקים האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ זכיה צו ריידן, וואָרעם ווער פאַרמאָגט אַזעלכע אויסגעוועקסטע שטיוועלעך אין דער וואָכן? נאָר שלום האָט בעסער ליב זיך צו חברן מיט אַזעלכע יינגלעך, ווי מאָטל סריבנע, אַ בחורל מיט לאַנגע פּאַהלעך וואָס שפּילט אויפן פידל, אָדער אלי דאַדים — אַ יינגל אַ ברען, וואָס האַלט אין איין לאַכן. מיט זיי דאַוונט ער אין איין בית־מדרש, קוקט מען אין איין מחזור אריין, מאַכט מען אין איינעם שטיק:

מע קרימט איבער רפאל דעם שמש, ווי ער קוקט מיטן אייגל

---

גדלן — אַ גרויסהאַלטער.
סאַטולעוואַטע — אַן איינגעבויגענער, מיט אַ ביסל אַ רונדן רוקן.
מחותן — דאָ: אַ חבר, אַ נאָענטער.
מיט גראָבע פיסקעס — מיט גראָבע באַקן.
בנימלעך — זינדלעך.
זכיה — privilege.
מחזור — אַ סידור מיט די יום־טובדיקע תפילות.

www.libtool.com.cn

און זינגט. ס'איז דאָ ברוך־השם וועמען נאָכצומאַכן. ס'איז גענוג גרמיזא דער מלמד, ווי אַזוי ער לייענט אין דער תורה. אים האָט שלום נחום ראַבינאָוויטש געשטודירט צוויי שבתים כסדר, ווי אַזוי גרמיזא דער מלמד צעשאָקלט זיך אויף איין פוס, דערנאָך פאַרקרימט ער דאָס געשטופּלטע פּנים, שטעלט אַרויס די געלע ציין, ציט אויס דעם לאַנגן האַלדז, טוט אַ פּיר מיט דער שפּיציקער נאָז אין דער לופטן אַרויף און אַראָפּ און לאָזט אַרויס די ווערטער מיט אַ משונה־מאָדנער גאַרגל־שטימע. . .

מע קאָן שטאַרבן פאַר געלעכטער! אַלע די וואָס האָבן געהערט שלומען נאָכמאַכן גרמיזאן, ווי ער לייענט, האָבן געשוואָרן, אַז ס'איז גרמיזא מיט די ביינער! נאָר גרמיזא אַליין אַז ער איז געוואָר געוואָרן — איז ער געווען ניט צופרידן. ער האָט זיך ניט געפּוילט און איז אַוועק צו נחום ראַבינאָוויטשן אַהיים און האָט אים דער־ציילט די גאַנצע מעשה, אַז ער, גרמיזא, האָט געהערט זאָגן, אַז ביי ר' נחומען איז דאָ אַ יינגל, וואָס מאַכט אים נאָך ווי אַזוי ער לייענט אין דער תורה. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקל הארמידער. נחום האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט חוקר ודורש זיין*, לאָזן נאָר די קינ־דער קומען אַהיים. די קינדער זיינען געקומען אַהיים און מע האָט זיך צו זיי אַ נעם געגעבן. דער טאַטע האָט געטראָפן, אַז דאָס דאַרף זיין שלומס אַרבעט.

— קום נאָר אַהער, שלום, זאָג נאָר, ווי אַזוי מאַכסטו דאָס נאָך גרמיזא דעם מלמד, ווי ער לייענט אין דער תורה?

— ווי אַזוי איך מאַך אים נאָך? אָט ווי אַזוי.

און שלום האָט זיך נישט געפּוילט און האָט זיך צעשאָקלט אויף איין פוס, פאַרקרימט דאָס פּנים ווי גרמיזא, אַרויסגעשטעלט די ציין, אויסגעצויגן דעם האַלדז, אַ פּיר געגעבן מיט דער נאָז אין דער לופטן אַרויף און אַראָפּ און אָנגעהויבן אויף אַ משונה־מאָדנער שטימע. . .

שלום האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען דעם טאַטן אַזוי לאַכן, ווי ער האָט געלאַכט יענעם טאָג. ער האָט גאָרניט געקאָנט קומען צו זיך. און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט און אויסגעהוסט און אויס־געווישט די אויגן, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלע קינדער:

— זעט איר וואָס בין־הזמנים מאַכט? מע גייט אַרום פּוסט־און־פּאַס, עס ליגט אין זינען דער רוח ווייסט וואָס, נאָכמאַכן גרמיזא דעם מלמד ווי ער לייענט אין דער תורה (דאָ האָט דער טאַטע נישט געקאָנט איינהאַלטן זיך און האָט באַהאַלטן דאָס לאַכעדיקע פּנים

---

* חוקר ודורש זיין — אויספאָרשן.

www.libtool.com.cn

אין דער פּאַטשיילע). אם ירצה השם, באַלד נאָך סוכּות נעם איך צו צו אייך אַ רבין און איר׳ט אָנהייבן גיין אין חדר אַריין. אוּם בין־הזמנים!

ווי באַלד אַז יאָ אוּם בין־הזמנים, באַדאַרף מען דאָך טאַקע געבן אַ לעב אונטער ווי עס געהער צו זיין!

און חבֿרה האָבן גענומען אויסנוצן זייער פרייהייט אויפן סאַמע ברייטסטן אופן, זיך באַקאַנט מיט וואו ערגעץ אַ זלידנע אַ יינגל, נישט איבערגעקליבן, מיט יעדערן געשלאָסן חבֿרשאַפט, געהוליעט ווי די רעקרוטן, איידער מע גיט זיי אָפּ אין דינסט.

די וואַראָנקעווער יינגלעך האָבן באַוויזן די פּערעיאַסלאַווער יינגלעך, אַז כאָטש זיי זיינען פון אַ קליין שטעטל, פונדעסטוועגן ווייסן זיי אַ סך זאַכן אַזעלכע, וואָס די פּערעיאַסלאַווער יינגלעך ווייסן זיי ניט. למשל, זיי ווייסן ניט אַז צו איטלעכן נאָמען קען מען צו־זעצן אַ גראַם, נעמט וואָס פאַר אַ נאָמען איר ווילט. אַשטייגער:
„מאָטל" — מאָטל קאַפּאָטל, דרומען דראָטל, יוסף סאָטל, ארץ קנאָטל.
„לייבל" — לייבל קאַפּייבל, דרומען דרייבל, יוסף סייבל, ארץ קנייבל.
„יאַנקל" — יאַנקל קאַפּאַנקל, דרומען דראַנקל, יוסף סאַנקל, ארץ קנאַנקל. און אַזוי איטלעכן, אויף וואָס פאַר אַ נאָמען איר ווילט.

היינט ווייסן ניט די שטאָטישע קינדער פון תּשרק־לשון, דאָס הייסט פון ריידן פאַרקערט. צום ביישפּיל: „טאַ אוטספּאַק אַ שטאָפּ" — הייסט דאָס: אַט כאַפּסטו אַ פּאַטש. „אַן ריד אַ גייף" — נאַ דיר אַ פייג. מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט שלום געקאָנט אַוועקריידן אויף דעם לשון אַ שעה כּסדר. ס׳איז דאָך אַ מחיה נפשות — מע קאָן אַזוי אַוועקריידן פון וועמען איר ווילט, יענעם אין די אויגן, און יענער זאָל ניט ווייסן ווער ס׳האָט אים געשלייערט.

היינט וואָס זיינען דאָס פאַר אַ יינגלעך די פּערעיאַסלאַווער, אַז זיי לאָזן דורך אַ גלח פאַרבייגיין, גלייך ווי אַ גלייכן מענטשן און זאָגן אים קיין וואָרט אַפילו? ניין, די וואָראָנקעווער יינגלעך זיינען ניט אַזעלכע נאַראָנים. זיי וועלן ניט דורכלאָזן קיין גלח גלאַט אַזוי. אַלע יינגלעך, וויפל זיי זאָלן ניט זיין, וועלן זיי זיך אויסשטעלן דעם גלח פון הינטן און וועלן זינגען אויף אַ קול מיט אַ ניגון:
„גלח־צאַפּ, אַ רוח אין דיין קאָפּ! מיר אַ ברויט, דיר אַ טויט!

---

זלידנע — אַן אָנשיקעניש, אַ שלעכטס, אַן איינגעגעסענער.
רעקרוטן — יונגע בחורים וואָס מע גיט זיי אָפּ פאַר סאָלדאַטן, מע צווינגט זיי ווערן זעלנערס, ווען זיי ווערן 21 יאָר אַלט.
מחיה נפשות — זייער גוט, אַ דערקוויקעניש פאַרן האַרצן.
געשלייערט — דאָ: אָפּגענאַרט, אַריינגעטאָן, אָפּגעטאָן.

www.libtool.com.cn

מיר א וואָגן, דיך באַגראָבן! מיר אַ שליטן, דיך באַשיטן!" די פּערעיאַסלאַוועער ייִנגלעך זאָגן, אַז דאָ אין פּערעיאַסלאַוו טאָר מען פאַר אַ גלח אַזעלכעם ניט זינגען, ווארעם מע קאָן כאַפּן אַ מיאוסן פּסק. נאַט אייך נאָך אַ נייס! גאָר מורא האָבן פאַר אַ גלח! ס'איז ניט גוט אַז אַ גלח גייט איבער דעם וועג — דאָס יאָ. אָבער מורא האָבן? פּערעיאַסלאַוו איז טאַקע אַ גרויסע שטאָט און אַ שיינע — וואָס איז דאָ צו ריידן? — דאָרט, אין וואָראָנקאָ, איז אָבער געווען פריילעכער, אַז ס'איז געקומען בין־הזמנים.

אַזוי האָבן זיך געטראַכט די וואָראָנקעווער קינדער און האָבן געוואָלט פּונדעסטוועגן, אַז אָט די טעג פון בין־הזמנים דאָ אין פּע־רעיאַסלאַוו זאָלן זיך נאָך ציען און ציען.

# 21

www.libtool.com.cn

# מלמדים און לערערס

ר' אהרן כאַדאָראָווער. — אַ מלמד אַ בעל־מגזם. — אַ גאַנצע סעריע מלמדים. — מאָניש דער מלמד מיטן „ביינדל". — די תלמידים כאַפּן אַ קערטל אין חדר. — משה־דוד רודערמאַן. — אַ גמרא־מלמד. — זיין זון שמעון האַלט ביי שמדן זיך. — דער פּעטער פּיניע קאָכט זיך.

די טעג פון בין־הזמנים זיינען נאָך ניט אַוועקגעגאַנגען, די יום־טובים זיינען נאָך געווען פאָרויס, און נחום ראַבינאָוויטש האָט שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ מלמד פאַר די קינדער. מלמדים זיינען געווען עטלעכע. ערשטנס טאַקע דער דערמאָנטער גרמיזא וואָס לייענט אַזוי שיין אין דער תורה.

נאָך אים איז געגאַנגען ר' אהרן כאַדאָראָווער, זייער אַ וואוילער מלמד, נאָר אַ מאָדנער בעל־מגזם. ער האָט ליב צו דערציילן מעשיות פאַר זיינע תלמידים, משונה־ווילדע מעשיות פון פאַרצייטן. למשל, אַ מעשה פון זיין זיידן, וואָס איז געווען אַ גבר און האָט ניט מורא געהאַט פאַר קיינעם. איין מאָל איז דער זיידע זיינער געפאָרן ווינטער ביי נאַכט פאַרביי אַ וואַלד. זיינען אַרויסגעלאָפן פון וואַלד צוועלף הונגעריקע וועלף — און דאַוואַי לויפן נאָכן שליטן. אַז זיין זיידע כאַפּט זיך ניט אַראָפּ, נעמט די וועלף, שטעקט זיי אַריין די האַנט אין מויל אַריין און קערט זיי איבער אַלע צוועלף אויף דער לינקער זייט!

און נאָך אַ מעשה פון זיין זיידן, ווי אַזוי ער האָט איין מאָל אָפּגעראַטעוועט די גאַנצע שטאָט פון אַן אומגליק. גויים האָבן זיך צונויפגעקליבן איין מאָל אין אַ זונטיק אויף אַ יאַריד, האָבן זיך גוט

---

בעל־מגזם — אַ מענטש וואָס איז מגזם, וואָס פאַרגרעסערט.
דאַוואַי (לויפן) — נעמען לויפן, אָנגעהויבן לויפן, כסדר לויפן, האַלטן אין איין לויפן.

www.libtool.com.cn

אָנגעשיכורט און דאַוואַי שלאָגן יידן. איז זיך מיישב זיין זיידע (ער האָט געהאַלטן סאַמע אין מיטן דאַווגען), וואַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך דעם טלית ותפֿילין, קלייבט אויס דעם גרעסטן פֿון די גויים, און נעמט אים אָן מיט ביידע הענט פֿאַר די פּיס, און דאַוואַי שלאָגן מיט אים איבער די גויאישע קעפּ. האָבן די גויים אָנגעהויבן פֿאַלן אַזוי ווי פֿליגן. און אַז ער האָט אויסגעלייגט אַלע גויים ביז איינעם, האָט ער אָפּגעלאָזט דעם גוי, וואָס ער האָט אים געהאַלטן פֿאַר די פּיס, און געזאָגט צו אים: „אַצינד קענסטו גיין אַהיים און איך וועל גיין דאַווגען”. . .

אחוץ וואָס זיין זיידע איז געווען אַ גבר, איז ער נאָך געווען אַ צעטראָגענע בריאה, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ער, אַז ער פֿלעגט זיך פֿאַרטראַכטן (אַזוי דערציילט ר׳ אהרן כּאַדאָראָווער אויף זיין זיידן), איז געווען מיט סכּנת־נפֿשות. איין מאָל איז ער אַרומגע־גאַנגען איבערן שטוב אַ פֿאַרטראַכטער, אַרומגעגאַנגען, אַרומגעגאַנ־גען און אַרומגעגאַנגען. ער טוט אַ קוק — ער שטייט אויפֿן טיש! . . .

נאָך ר׳ אהרן כּאַדאָראָווער זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע סעריע מלמדים, האָט אָבער יעדערער פֿון זיי געהאַט זיין חסרון: האָט ער געקענט לערנען — איז ער נישט געווען קיין בעל־תּנך; איז ער געווען אַ בעל־תּנך — האָט ער נישט געקענט לערנען. פֿון אַלע מלמדים וואָלט מענדל דער גראָבער געווען דער בעסטער מלמד, ער זאָל ניט האָבן דעם חסרון, וואָס ער שלאָגט זיך. קינדער, אַז מע דערמאָנט זיי דעם נאָמען „מענדל דער גראָבער”, ציטערן זיי. מאָלט אייך, מאָניש דער מלמד שלאָגט זיך אויך, נאָר מיט אַ גאַנג. יענער, מענדל דער גראָבער, קאָן הרגענען אויף טויט. דערפֿאַר אָבער ווי אַזוי לערנט ער! איינעם פֿון די צוויי האָט נחום צוגע־זאָגט די קינדער אַז ער וועט אם ירצה השם דינגען.

זיינען זיי שוין באַוואָרנט הייסט עס מיט אַ מלמד. איצט בלייבט איבער שרייבן. וואו וועלן די קינדער לערנען שרייבן? וואָס אָנבאַלאַנגט יידיש, האָבן זיי ביים וואָראָנקעווער ר׳ זרחלען שוין אויסגעלערנט זיך שרייבן. וואָס טוט מען אָבער מיט רוסיש? האָט אַפֿילו אַ גוטער פֿריינד געגעבן אַן עצה, מע זאָל די קינ־

---

בריאה — באַשעפֿעניש.
שומר ומציל זיין — באַשירעמען און באַשיצן, ראַטעווען.
קענען לערנען — דאָ: קענען גמרא.
באַוואָרנט מיט... — באַזאָרגט מיט, פֿאַרזאָרגט.

www.libtool.com.cn

דער אַוועקפירן גלייך אין דער רוסישער קרייזשול, וועט קאָסטן וואָלוול און ס'וועט זיין גוט. האָט דערהערט די באַבע מינדע און האָט געשוואָרן, אַז כל זמן זי לעבט וועלן אירע אייניקלעך זיין י י ד ן — און עס האָט נישט געהאָלפן קיין שמע־ישראל. איז געוואָרן אַ רייד וועגן לערערס. האָט אָבער יעדערער פון זיי געהאַט זיין חסרון: איינער איז אַ גוטער לערער — איז ער אַ בעל־עגלהם אַן אײדעם; איינער האָט אַ שיינע האַנט — איז ער שוואַך אין „לשון"; אַ דריטער — איז שוואַך אין ביידע זאַכן. וואָס טוט מען?

איז געבליבן מאָניש דער מלמד. דאָס איז אַ ייד מיט אַלע מעלות: ער איז אַ בעל־תנך, קען דיקדוק, פאַרשטייט אַ בלאַט גמרא און שרייבט רוסיש אַז עס לאָזט זיך אוים די וועלט! אמת, ער ווייסט ניט ו ו אָ ס ער שרייבט, און אַז ער שרייבט איז דאָס נישט על פי גראַמאַטיקע — מאַכט נישט אוים. די קינדער זיינען נאָך צו יונג, זיי זאָלן קענען גראַמאַטיק. איי וואָס? מאָניש דער מלמד שלאָגט זיך? לאָזן די קינדער נאָר וועלן לערנען, וועט מען זיי ניט שלאָגן. שלאָגט דען אַ רבי אומזיסט? . . .

מאָניש האָט פיינט געהאַט, ווי אַנדערע מלמדים, שלאָגן אָדער שמייסן. ער האָט געהאַט אינעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט אַ ביינדל. מיטן דאָזיקן ביינדל, אַז ער האָט אייך דערלאַנגט אין זייט אַריין, אָדער הינטן אין דער פלייצע, אָדער אַריינגעקוועטשט אייך אין שלייף אַריין, האָט איר געקאָנט דערזען דעם עלטער־זיידן פון יענער וועלט. אָט אַזאַ ביינדל איז דאָס געווען! שלום האָט זיך געפלייסט ווי ווייט מעגלעך, ער זאָל דאָס דאָזיקע „ביינדל" אויסמיידן. און עס וואָלט אים אפשר געראָטן, ווייל ער איז געווען פון די וואָס האָבן דאָנערשטיק די גמרא געוואוסט אָדער געמאַכט זיך אַז זיי ווייסן. פון תנך איז דאָך אָפגערעדט. ביים שרייבן איז ער אויך געווען נישקשהדיק. דערפאַר אָבער אַז עס איז געקומען צו שקאָצעריי — דאָ האָט ער שוין געמוזט פאַרזוכן דעם טעם פונעם „ביינדל" וואָס ליגט אים נאָך עד־היום אין זכרון.

נאָר נישט דאָס איז געווען דער חסרון וואָס נחום ראַבינאָוויטש איז ניט געווען צופרידן מיטן מלמד מאָניש. ס'האָט זיך אַרויסבאַוויזן אַז מאָניש הייבט ניט אָן צו ווייסן וואָס דיקדוק איז. אַז

---

עס האָט ניט געהאָלפן קיין שמע־ישראל — עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן.
„לשון" — שפּראַך, דאָ: די רוסישע שפּראַך.
דיקדוק — גראַמאַטיק, העברעאישע גראַמאַטיק.

www.libtool.com.cn

ס׳איז געקומען צום צווייטן זמן האָט ער די קינדער פון מאָנישן אָפּגענומען און אַוועקגעגעבן צו אַן אַנדער מלמד. יענער האָט שוין געוואוסט דיקדוק אויף אויסווייניק, האָט ער אָבער געהאַט אַן אַנדער חסרון — ער האָט ליב געהאַט זיך קהלן. אַלע טאָג האָט ער געהאַט וואָס צו טאָן: איז ניט קיין חתונה איז אַ ברית, איז ניט קיין ברית איז אַ בר־מצווה. נאָר פאַר וועמען ס׳איז אַ חסרון און פאַר וועמען אַ מעלה.

פאַר די קינדער איז דער רבי געווען אַ מלאך פון גאָט און דער חדר אַ גן־עדן. מע האָט געקאָנט שפּילן אין וואָס פאַר אַ שפּיל איר ווילט, אַפילו אין קאָרטן, אין אמתע קאָרטן. האָט מען פאַרשפּילט אַלע אָנבייסנס מיט אַלע מיטאָגס, און וואו ס׳איז געווען ערגעץ אַ פאָר גראָשנס זיינען זיי אַריין אין די קאָרטן. דאָס גאַנצע געלט האָבן אָפּגעוואונען די עלטערע בחורים, און אַז זיי האָבן אָפּגעוואונען דאָס געלט ביי די קליינע, האָבן זיי זיך נאָך גערייצט און געמאַכט חוזק. אמתע קאָרטן־שפּילער טוען דאָס נישט. . .

פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט מיינען אַז זיי איז דאָס גרינג אָנגעקומען. זיי אַליין זיינען אויך אויסגעשטאַנען גענוג צרות. ערשטנס האָט מען געמוזט אונטערקויפן די רביצן, זי זאָל ניט דערציילן דעם רבין אַז מע שפּילט אין קאָרטן. און צווייטנס האָט דער רבי געהאַט אַ זון, פּייוול, נאָר גערופן האָט מען אים „ליפּ“, מחמת ער האָט געהאַט אַ גראָבע ליפּ. האָט מען באַדאַרפט אָט די ליפּ קיכלען און חנפענען און אונטערשמירן אַ מאָל מיט אַן אָנבייסן, אַ מאָל מיט אַ נאַשעריי, און מערסטן טייל מיט ניסלעך. די „ליפּ“ האָט ליב געהאַט קנאַקן ניסלעך. אָנקוקן ווי די „ליפּ“ קנאַקט ניסלעך האָט געשלאָגן צו דער גאַל. ובפרט נאָך פאַר פרעמד געלט. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַז די „ליפּ“ וועט דערציילן דעם רבין אַז די קינדער שפּילן אין קאָרטן, וועט זיין בעסער?

פון די אַלע מלמדים און לערערס און פון די אַלע לערנעכצן האָט נחום ראַבינאָוויטש געהאַט ווייניק נחת. אַלע שבת האָט ער די קינדער פאַרהערט און זיפצנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט ער גענומען זוכן אַ רעכטן גמרא־מלמד און ער האָט אים געפּאַקט.

דאָס איז געווען אַ רבי אַ ליטוואַק, מיטן נאָמען משה־דוד רודער־

---

קיכלען — קעכלען, געבן גוט צו עסן, אונטערטראָגן געשמאַקע זאַכן, פאַרציען, צערטלען.

אונטערשמירן — אונטערקויפן.

געשלאָגן צו דער גאַל — געעקלט.

לערנעכץ — דאָס וואָס מע לערנט, פאַראַכטלעך געמיינט.

www.libtool.com.cn

מאַן, אַ ייד אַ יאַדישלעווער, אַן איינגעהויקערטער, מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען, אַ גרויסער למדן, אַ שיינער בעל־תנך און אַ קענער פון דיקדוק — מיט אַלע מעלות. און דערצו נאָך אַ פרומער, אַן אמתער ירא־שמים. גייט ריכט זיך אַז אויף דעם יידן וועט אויך זיין אַ פגם, און נאָך וואָסער אַ פגם!

דער פגם איז געווען דער וואָס דעם דאָזיקן מלמדס זון לערנט אין דער רוסישער קרייזשול! אין דער גאַנצער שטאָט זיינען דע־מאָלט געווען מער ניט ווי צוויי בחורים וואָס האָבן געלערנט אין דער קרייזשול: משה־דוד רודערמאַנס זון, שמעון רודערמאַן, אַ בחור וואָס סע האָט זיך פרי אָנגעהויבן אויסשיטן ביי אים אַ שוואַרץ בערדל, און טאַמאַרקין דעם אַדוואָקאַטס זונדל, חיים טאַמאַרקין, אַ בחורל אַ קורצער און אַ גראָבער, מיט קליינע אייגלעך און מיט אַן אויסגעבויגענער נאָז, געטראָגן דאָס העמדל איבער די הויזן ווי אַ שייגעצל, געשפילט מיט די גויאישע שקצימלעך אין פילקע, קיין מאָל נישט געגאַנגען אין שול אריין אַ חוץ יום־כיפור און שטילער־הייט גערייכערט גראָבע פאַפּיראָסן. דאָס זיינען געווען די איינ־ציקע צוויי יידישע קינדער צווישן עטלעכע הונדערט שקצימלעך.

די שקצימלעך האָבן תחילת געקוקט אויף די צוויי יידלעך ווי אויף חידושים, ווי אויף קינדער פון אַן אַנדער וועלט. דערנאָך האָבן זיי אָוועקגעלייגט די יידלעך אויף דער ערד אין מיטן הויף פון דער קרייזשול און אָנגעשמירט זיי די ליפן מיט חזיר. דער־נאָך איז מען געוואָרן חבר, געשלאָסן ברודערשאַפט. גויאישע שקצימלעך זיינען נאָך דעמאָלט — אוי וויי! — געווען ריין פון מענטשנהאַס, נישט געוואוסט פון קיין יידן־העצעס, און דער גיפט פון אַנטיסעמיטיזם האָט זיי נאָך נישט אָנגערירט. קוים האָט מען דאָס יידל אָוועקגעלייגט, אָנגעשמירט די ליפן מיט חזיר און דורכ־געבראָכן די ביינער, איז כאָטש ער איז אַ „הערשקאָ", פונדעסט־וועגן איז ער אַ חברה־מאַן גלייך מיט אַלע.

דאָס אָפּגעבן נחום וועוויקס קינדער צו משה־דוד רודערמאַן איז ניט אָפּגעלאָפן גלאַט. דער פעטער פיניע, אַז ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין ברודער נחום האָט אָפּגעגעבן די קינדער צו אַזאַ מלמד וואָס האָט אַ זון אין דער רוסישער קרייזשול, האָט ער גע־

---

יאַדישליווער — מיט אַ קורצן אָטעם, אַן אַסטמאַטיקער.
פגם — אַ פעלער, אַ פלעק, אַ חסרון.
תחילת — אין אָנהייב.

www.libtool.com.cn

אַרבעט מעשים. ער האָט געטענהט, אַז פֿון דער רוסישער שול איז איין טריט צו שמד. פֿאַר וואָס?

— אָט אַזוי! אַז מיר'ן לעבן, וועלן מיר זען...

און כך הוות. עס איז אַפּנים באַשערט געווען אַז דער פּעטער פּיניע זאָל איצטיקס מאָל זיין אַ נביא. און אַזוי איז געווען די מעשה:

איין מאָל אין אַ שבת איז אַרוים אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז די צוויי יידישע יינגלעך וואָס לערנען אין דער רוסישער שול האַלטן ביי שמדן זיך! פֿאַרשטייט זיך אַז קיינער האָט ניט געוואָלט גלייבן: „ווייס איך — וואָס? ווער? וועמען? וואָס אַ שטאָט קאָן אויסטראַכטן!” נאָר אַז מע קלינגט איז אַ חגא. שטעלט זיך פֿאַר אַז ס'איז דעם זעלבן שבת פּלוצעם געוואָרן אַ געלויף ווי אויף אַ שרפֿה. די גאַנצע שטאָט איז געלאָפֿן צום קלויסטער. וואָס איז די מעשה? „די מעשה איז אַ שיינע מעשה נאָר אַ קורצע. איר ווילט זען שיינס? גייט, זייט מוחל, צום קלויסטער, וועט איר אָנקוקן ווי די צוויי חברה־לייט האָבן זיך אַרויפֿגעקליבן הויך אויפֿן שפּיץ און פּרעסן ברויט מיט חזיר באַשמירט, בפּרהסיא, אַלע זאָלן זען!” . . .

די בהלה איז געווען אַזוי גרוים, אַז ס'איז קיינעם ניט איינגעפֿאַלן צו פֿרעגן: ווי איז דאָס מעגלעך צו זען פֿון אונטן־אַרויף, אויף אַזאַ הויכן קלויסטער, מיט וואָס דאָס ברויט איז באַשמירט: מיט חזיר? מיט פּוטער? אָדער מיט האָניק? . . . די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען כּאַדאַראַם. די וועלט האָט זיך געווייגט: „מילא, אויף טאָמאַרקינס זונדל איז כאָטש קיין חידוש ניט — זיין פֿאָטער איז אַליין אַ טרייפֿניאַק. אָבער משה־דוד רודערמאַן? אַ ייד אַ ירא־שמים און אַ מלמד! דער בעסטער מלמד אין שטאָט! ווי קאָן מען עס דערלאָזן אַזאַ זאַך?”

לאָזט זיך אויס, אַז ס'זיינען דאָ יידן, וואָס האָבן געוואוסט פֿריער אַז ס'וועט אַזוי זיין. פֿון וואַנען האָבן זיי דאָס געוואוסט? זיי האָבן דאָס פֿאַרשטאַנען מיטן שכל, אַז מע טאָר ניט גיין מיט

---

כך הוות — אַזוי איז געווען, אַזוי איז טאַקע געשען.
חגא — קריסטלעכער יום־טוב.
בפּרהסיא — עפֿנטלעך, אַלע זאָלן זען.
בהלה — טומל, סומאַטאָכע, אַ צונויפֿלויף, אַ שרעק.
געגאַנגען כּאַדאַראַם — האָט זיך געמישט, האָט זיך געטומלט, זיך געקאָכט, געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ.
טרייפֿניאַק — עמעצער וואָס עסט טרפֿות, ניט קיין כשרע זאַכן.

www.libtool.com.cn

אַ קינד צו פיל מיט סטירדעס. „האָט איר אָוועקגעגעבן אייערע קינדער אין דער רוסישער שול, הייסט דאָס איר זייט מסכים, זיי זאָלן זיין גויים, דאַרפט איר ניט פאָדערן פון זיי, אַז זיי זאָלן טראָגן אַרבע־כנפֿות; און אַז עס האָט זיך געמאַכט, זיי האָבן דורכגע־לאָזן אַ מנחה, באַדאַרף מען אָפּווישן די ליפּן און נישט צעברעכן אויף זיי קיין שטעקן און ניט שלאָגן ווי מע שלאָגט אַ הונט״. . .

אַזוי האָבן געטענהט בכבודע באַלעבאַטים. און מע האָט צונויפגענומען מענטשן און מע האָט זיך אַן עצה געהאַלטן: וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען אַרויס צוויי יידישע קינדער פון שמד? . . . מען האָט איינגעלייגט די וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז מער פון אַלע האָט געאַרבעט דער פעטער פיניע. ער האָט פאַר־קאַטשעט די אַרבל, צעלאָזט די שיינע באָרד, אַרומגעלאָפן דעם גאַנצן טאָג אַ פאַרשוויצטער, נישט געגעסן, נישט געטרונקען — ביז, דאַנקען גאָט, ס'איז אָפּגעגאַלטן. מע האָט די צוויי חברה־לייט אַרויסגענומען פון קלויסטער.

דער שפּיץ איז געווען: טאַמאַרקין האָט זיך טאַקע געשמדט שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, און שמעון רודערמאַן האָט מען אָוועק־געשיקט קיין זשיטאָמיר, אַריינגעגעבן דעם פיינעם בחור אין דער ראַבינער־שול אויפן קהלשן חשבון, און ער האָט מיט גאָטס הילף ניט נאָר געענדיקט אויף ראַבינער, נאָר טאַקע געווען נאָך דעם ראַ־בינער, און דווקא ניט ווייט פון פערעיאַסלאַוו, אין לובען.

— נו? ווער איז געווען גערעכט? אַצינד וועסטו שוין דיינע קינדער, צו גאָט אַ האָפענונג, אָפּנעמען פונעם דאָזיקן מלמד?

אַזוי האָט דער פעטער פיניע געזאָגט צו זיין ברודער נחום, צופרידן פון אַלע זייטן: ערשטנס וואָס ס'איז אים געראָטן אַרויס־צונעמען צוויי יידישע קינדער פון שמד, צווייטנס וואָס זיין ברודערס קינדער וועלן שוין ניט לערנען ביי אַ מלמד וואָס קען דיקדוק און האָט אַ זון אין דער רוסישער שול, און דריטנס וואָס זיינע ווערטער זיינען מקוים געוואָרן, אַז אַ יידיש קינד לערנט אין אַ רוסישער שול, איז ער גרייט צו שמד.

האָט אָבער דער פעטער פיניע איצטיקס מאָל געהאַט אַ ביטערן טעות. זיין ברודער נחום האָט זיך פאַרעקשנט און בשום אופן ניט געוואָלט אָפּנעמען זיינע קינדער פון אַזאַ גוטן מלמד.

— וואָס האָב איך צו אים? ניט גענוג יענער האָט געהאַט

---

סטירדעס — עקשנות, בייזקייט, אויף צו־להכעיס.
מקוים געוואָרן — פאַרווירקלעכט געוואָרן, געוואָרן אַ פאַקט.

www.libtool.com.cn

אַזוי פיל עגמת־נפש מיט אַזאַ בזיון, זאָל מען לאָזן אַ יידן אַ מלמד אין מיטן זמן אָן ברויט?

דער פעטער פיניע האָט אויסגעהערט דעם ברודער מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן, נאָר דו פירסט די קינדער אויף אַ גוטן דרך"... דערנאָך איז ער אויפֿגעשטאַנען, געגעבן אַ קוש די מזוזה און איז אַוועק אַ ברוגזער.

ניין, מע האָט די קינדער פון דעם פאַרפלעקטן, נאָר געראָטע־נעם מלמד רודערמאַן נישט אָפּגענומען. אַדרבה, זיי זיינען פאַר־בליבן ביי אים אויפן אַנדערן זמן און אויפן דריטן זמן — און אַלע זיינען געווען צופרידן: דער רבי פון זיינע תלמידים, די תלמידים פון זייער רבין און דער טאַטע — פון די תלמידים מיטן רבין.

מער פון אַלעמען זיינען געווען צופרידן די תלמידים. גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ רבין וואָס שלאָגט זיך ניט, לגמרי ניט. סיידן אַ מאָל אַז אַ ייִנגל האָט שוין גאָר שטאַרק „דערקוטשעט" אָדער ניט געוואָלט דאַווענען, אָדער ער האָט געהאַט אַזאַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, כאָטש „פלעקער טעסען", — דעמאָלט איז שוין דער רבי רודערמאַן אַרויס פון די כלים, אַוועקגעלייגט דעם בחור אויפן בענקל, אַראָפּ־גענומען די פליסענע ווייכע יאַרמלקע פון קאָפּ, פון דער גרינג אָפּגעפּיצקעט — און גיי!

---

עגמת נפש — פאַרדראָס, האַרצווייטאָג.
בזיון — חרפה, שאַנד.
דרך — וועג.
מזוזה — אַ שטיק פאַרמעט מיט געוויסע פסוקים פון דער תורה, אין אַ שיידל, צוגעקלאַפּט צו דער זייט פון אַ טיר, צום ביישטידל פון דער טיר. מזוזה איז אַ סימן אַז דאָ וואוינט אַ ייִד.
דערקוטשעט — דערעסן.
פלעקער טעסען — אַרומהאַקן פלעקער, אַרומהאַקן שטיקער האָלץ.
פליסענע — of velveteen.
אָפּגעפּיצקעט — גרינג אָפּגעשמיסן.

# 22

www.libtool.com.cn

## די בר־מצווה

**דער בר־מצווה נעמט אויס. — דער רבי, דער פעטער פיניע און דער טאַטע. — אַ מאַמעס טרערן.**

ווען מע טראַכט זיך אַריין אינעם לערנען אין חדר, ביי יענע מינים מלמדים וואָס זיינען באַשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך; ווען מע האָט פאַר זיך די רביצן וואָס מע דאַרף איר העלפן, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער וואָס מע דאַרף זיי פאָלגן אַ גאַנג, און כלערליי מינים שקאָצעריי, פון באָדן זיך זומער אין טייך ביז שפּילן ווינטער אין קאָרטן און קנעפּלעך, היינט גלאַט דאָס אַרומלויפן און אַרומשפּאַצירן איבער דער שטאָט, — איז שווער צו פאַרשטיין, פון וואַנעט האָט זיך גענומען ביי די קינדער דאָס וואָס זיי האָבן גע־קענט?

מע דאַרף נישט פאַרגעסן דאָס אויך, אַז דעם רבין האָט מען גענאַרט, דעם טאַטן האָט מען גענאַרט און אַפילו דעם רב, צו וועלכן מע האָט געפירט די קינדער פאַרהערן האָט מען אויך אָפּגענאַרט. היינט וואו האָט זיך גענומען מאַטעריאַל אויף אָפּצונאַרן אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דער בר־מצווה צו נחום ראַבינאָוויטשעס זונדל? דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָ־גראַפיע געדענקט פאַר קלאָר, אַז ער האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון דעם וואָס מע האָט אים אויסגעשטעלט, ער זאָל זאָגן אויף זיין יום־טוב — און דאָך האָט געקלונגען די שטאָט מיט זיין בר־מצווה. טאַטעס האָבן מקנא געווען. מאַמעס האָבן זיך געוואונטשן אַזעלכע קינדער.

---

דער בר־מצווה — דער וואָס ווערט בר־מצווה. די בר־מצווה — די צערעמאָניע, דער יום־טוב.

נעמט אויס — געפעלט, געפינט חן אין די אויגן.

www.libtool.com.cn

ס'איז געווען אַן אמתער יום־טוב, אַ גרויסאַרטיקער יום־טוב. און אין אים האָבן זיך באַשעפּטיקט אַ סך הענט אונטער דער קאָמאַנדע פון דער באַבע מינדע, וואָס האָט אויסגעזען אין איר שבת־דיקן אָנטאָן, מיטן שטערנטיכל, ווי אַן אמתער קאָמאַנדיר. זי האָט געקאָמאַנדעוועט, ווען מע זאָל רופן און ווען נישט, ווער ס'זאָל זיצן אויבנאָן און ווער נישט, וואָסערע טעלער מע זאָל שטעלן, וואָסערע בראָנפנס און וואָסערע וויינען מע זאָל טרינקען. מיט אַלעמען האָט זי זיך איבערגעקריגט, אויף אַלעמען זיך אָנגעבייזערט, ניט געשאָנעוועט אפילו דעם בר־מצווה־העלד אליין, ער זאָל זיך האַלטן ווי אַ מענטש, ניט האָבן קיין טבע בייסן די נעגל כאָטש צווישן מענטשן, ניט לאַכן אַליין און ניט מאַכן לאַכנדיק די איבעריקע קינדער, קורץ — ניט זיין קיין ימח־שמוניק.

— גאָט האָט רחמנות געהאַט, האָסט דערלעבט די בר־מצווה, איז שוין צייט זאָלסט ווערן אַ שטיקל מענטש! — האָט זי איינגעטענהט מיט אים, באַשפּיגן די פינגער און אויסגעגלעט אים דאָס לעצטע רעשטל פון די פּאהלעך וואָס זי האָט קוים אָפּגעוואַיעוועט ביי איר זון: נחום ראַבינאָוויטש האָט שוין לאַנג חשק געהאַט זיי גאָר אין גאַנצן אָפּשערן, האָט די באַבע מינדע ניט דערלאָזט.

— אַז איך וועל שטאַרבן און מיינע אויגן וועלן עס ניט זען — האָט זי אים געזאָגט — ווערסטו דעמאָלט מאַכן דיינע קינדער פאַר גויים און איצט, כל־זמן איך לעב נאָך, וויל איך זען אויף זייער פּנים כאָטש אַ סימן פון יידישקייט.

אַחוץ דעם גרויסן עולם וואָס מען האָט צונויפגערופן גלייך פון שול אויף בר־מצווה, איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע משפּחה. פאַרשטייט זיך, אַז דער רבי משה־דוד רודערמאַן, אין דער שבתדיקער געוואַנטענער קאַפּאָטע, מיטן אָפּגעבליאַקעוועטן פלושענעם היטל, ווי אַ לאַטקע אויפן קאָפּ, איז אויך געווען בתוך הבאים. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן זייער קליין און פון דער ווייטן. פון דער מעשה אַן מיטן זון, וואָס האָט זיך געוואָלט שמדן, איז ער געוואָרן ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך כמעט גאָרניט צוגערירט ניט צום קידוש, ניט צום פאַרבייסן, געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקעלע, איינגעבויגן אין דרייען, און שטילערהייט געהוסט אין די ברייטע אַרבל פון דער שבתדיקער געוואַנטענער קאַפּאָטע.

---

שטערנטיכל — אַן אויספּוץ פון די אַמאָליקע ווייבער, אַ טיכל מיט שטיקערייען און טייערע שטיינער.
אָפּגעוואַיעוועט — אָפּגעקעמפט, אויסגעקעמפט.
בתוך הבאים — צווישן די געקומענע, צווישן די געסט.

www.libtool.com.cn

נאָר אַט איז געקומען די מינוט פון עקזאַמען. דאָס בר־מצווה־בחורל האָט זיך באַדאַרפט אַוועקשטעלן און אַרויסבאַווייזן דעם עולם וואָס ער קען, האָט מיט אַ מאָל דער רבי רודערמאַן אויפגעכאַפּט זיך. די גלייכע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן און זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן, איינגעזויגן אינעם תלמיד. און זיין גראָבער פינגער האָט מיט אַ קנייטש, ווי דאָס שטעקעלע פונעם דיריזשאָר, אונטערגעזאָגט דעם תלמיד די אויסגעשטעלטע ווערטער.

און דער תלמיד, דער בר־מצווה הייסט עס, איז תחילת שיִר ניט אומגעפאַלן פאַר שרעק, געפילט אַ מאָדנע טרוקנקייט אין מויל און אַ שווינדל אין די אויגן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ער גייט אויף אייז. אָט־אָט צעשפּאַלט זיך דאָס אייז, און טראַך — ער טוט אַ פאַל מיטן גאַנצן עולם. נאָר וואָס ווייטער, ווייטער, איז ער, אונטער דעם רבינס קוק און אונטער דעם רבינס קוועטש מיטן גראָבן פינגער, געוואָרן ביי זיך שטאַרקער און שטאַרקער, און ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען ווי אויף אַן אייזערנער בריק, און ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין אַלע אברים און עס איז אַוועק ביי אים ווי אַ מזמור.

האַלטנדיק אין מיטן דער אַרבעט און דרייענדיק מיטן פינגער נאָכן רבינס גראָבן פינגער, האָט דער בר־מצווה פונדעסטוועגן גוט געקוקט אויפן עולם, געזען דעם אויסדרוק פון אַלע פּנימער, ניט דורכגעלאָזט קיינעם. אַלעמען און אַלץ האָט דער בר־מצווה באַמערקט. און אַלע פּנימער האָבן אויסגעזען יום־טובדיק.

נאָר יום־טובדיקער פון אַלע איז געווען דעם פעטער פּיניעס פּנים. געזעסן גאַנץ אויבנאָן, לעבן בר־מצווהס פאָטער, אין זיין שבת־דיקער זיידענער קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטן זיידענעם גאַרטל, מיט אַ בלוי סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ, האָט דער פעטער פּיניע געקוקט אויפן בר־מצווה פון אונטן אַרויף, געשמייכלט זיך אין באָרד אַריין, ווי איינער רעדט: „מילא, קענען קען ער, דער ימח־שמוניק, דאָס זעט מען. . . נאָר צי דאַוונט ער אָבער אַלע טאָג? צי היט ער אָפּ נעגל־וואַסער? צי לייענט ער קריאת־שמע פאַרן שלאָף? צי טראָגט ער ניט אום שבת? — דאָס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק!" . . .

---

דיריזשאָר — conductor.

ווי אַ מזמור — גלאַטיק, גיך און גוט, ווי דאָס וואָס מען קען גוט אויף אויסווייניק.

נעגל־וואַסער — דאָס וואַסער אויף צו באַגיסן זיך די הענט ווען מע שטייט אויף און איידער מע מאַכט אַ ברכה.

www.libtool.com.cn

דערפֿאַר איז אָבער דער פֿאָטער פֿונעם בר־מצווה געווען — אים נישט אין פּנים אַריינצוקוקן. עס איז געווען צו זען, אַז קיין מער גליקלעכער מענטש ווי ער איז אויף דער וועלט נישטאָ. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַרויף, די ליפּן האָבן זיך אים געריהרט, נאָכ־געגאַנגען טריט ביי טריט דעם זון, געקוקט אויפֿן עולם, אויפֿן ברוּ־דער פּיניע, אויפֿן רבין רודערמאַן, אויפֿן בר־מצווה אַליין און אויף דער מאַמען פֿונעם בר־מצווה.

און די מאַמע, די קליינינטשקע חיה־אסתּר, איז געשטאַנען גאָר אומבאַמערקט, מיט דרך־ארץ, ביי דער זייט, צווישן די איבעריקע ווייבער, אין דער שבתדיקער זיידענער פּאַטשיילע, אַ פֿאַרגאַפּטע, שטילערהייט, זיפֿצנדיק, זיך אויסגעקנאַקט אַלע פֿינגער. און צוויי בלישטשעדיקע טרערן ווי צוויי בריליאַנטן, האָבן זיך געקייקלט און אָפּגעשיינט קעגן דער זון אויף איר גליקלעך, יונג, ווייס, נאָר שוין געקנייטשט פּנים.

וואָס זיינען דאָס געווען פֿאַר אַ טרערן? טרערן פֿון פֿרייד? פֿון תּענוג? פֿון גדלות? פֿון דער שלעכטער צייט? אָדער אפשר האָט אַ מאַמעס האַרץ איינגערוימט איר אַ סוד אויפֿן אויער, אַז אָט דאָס בר־מצווה־בחורל וואָס קלינגט איצט אַזוי שיין, וועט אין גיכן, גאָר אין גיכן, זאָגן קדיש נאָך איר נשמה? . . .

ווער ווייסט וואָס אַ מאַמע קאָן וויינען?

---

פֿאַרגאַפּטע — פֿאַרוואונדערטע, פֿאַרטראַכטע.

www.libtool.com.cn

# צווייטער טייל

www.libtool.com.cn

# 23

www.libtool.com.cn

# די ערשטע ליבע

זיין ברודער הערשל ווערט אַ חתן. — אַ תפילין־זעקל, אַ זייגער און אַ כלה. — ראָזע בערנער — די שולמית פון שיר־השירים. — חיים פרוכ־שטיין — אַ געפערלעכער קאָנקורענט. — סקריפּעדיקע שטיוו־לעטן און פראַנצייזיש. — פידל־שפּילן. — זיסע חלומות.

אַציינד ביסטו שוין מיט גאָטס הילף אַ בחור. אוים יינגל, אוים שייגעץ, אוים קונדס. צייט ווערן אַ מענטש און אַן ערלעכער ייִד, וואָרעם די צייט שטייט ניט: אַט־אַט, אָקערשט ווי מע זעט ניט, ווערסטו אַ חתן".

דאָס איז געווען דאָס ביסל מוסר, וואָס מע האָט אָריינגערעדט דעם בר־מצווה אויף מאָרגן נאָך דעם פּייערלעכן שבת, און דער רבי האָט אים געהאָלפן אָנטאָן די תפילין. דעם בר־מצווה האָט געקאָסט מי איינצוהאַלטן גלייכ־געוויכט; ער האָט נישט געקאָנט זיך אַ ריר טאָן פריי און אפילו אַ קוק טאָן אויף די ווייסע־חברהניקעס, וואָס האָבן מיט נייגע־ריקייט אַרומגערינגלט דעם בר־מצווה צו זען ווי ער דאַוונט צום ערשטן מאָל אין תפילין.

און מע דאַרף דעם אמת זאָגן, אַז ווען ניט זיי, אַט די ווייסע־חברהניקעס, וואָלט דער בר־מצווה איצטיקס מאָל געדאַוונט מיט האַרץ, מיט כוונה און מיט ליבשאַפט. עס איז אים געפעלן די צע־רעמאָניע פון תפילין לייגן. עס איז אים געפעלן וואָס מע זאָגט אים אַז ער איז שוין אַ בחור. עס איז אים געפעלן וואָס מען איז

---

שיר־השירים — „דאָס ליד פון די לידער" — די זאַמלונג פון ליבע- און חתונה-לידער וואָס געפינט זיך אין תנך.

שולמית פון שיר-השירים — אין שיר-השירים ווערט באַזונגען שולמית.

כוונה — מיין, איבערגעגעבנקייט; דאַוונען מיט כוונה הייסט דאַוונען און האָבן אין זינען וואָס מע זאָגט, דאַוונען פון גאַנצן האַרצן.

www.libtool.com.cn

אים מצרף צו אַ מנין. אַפילו דער שמשׂ מיטן אייגל קוקט אויף אים שוין גאָר אַנדערש, מיט פאַרבאָרגענעם דרך־ארץ. פון די חברים שמועסט מען ניט אַז זיי זיינען אים מקנא, וואָרעם ער גע־דענקט, אַז ער אַליין האָט אַמאָל מקנא געווען זיין עלטערן ברו־דער הערשל צו זיין בר־מצווה. און ניט אַזוי אויף דער בר־מצווה, ווי אויף דעם וואָס באַלד נאָך דער בר־מצווה איז זיין ברודער גע־וואָרן אַ חתן, און די כלה האָט אים געשענקט אַן אויסגענייט תפילין־זעקל און דער מחותן אַ זילבערנעם זייגער.

וויפל ס׳איז פאַראַן מינוטן אין אַ שעה, אַזוי פיל מאָל האָט דער חתן געקוקט אויפן זייגער. אַ מצווה האָט מען פאַרדינט אינעם חתן, אַז מע האָט אים געפרעגט ווי האַלט דער זייגער. און דער חתן האָט דעם זייגער געהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פונעם אויג. פאַרן שלאָפן גיין האָט ער פאַרן זייגער קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. שבת, פאַרן גיין אין שול אַריין, איז ער אויסגעווען מיטן זייגער אין אַלע שופלאָדן און אין אַלע קאַמאָדן. ער האָט אַלץ גע־ציטערט, מע זאָל חלילה ניט אַוועקגנבענען דעם זייגער.

ויהי היום, איין מאָל פאַרגלוסט זיך דעם חתן אויספּוצן דעם קאַסטיום. אַ שטעקל האָט דער חתן געהאַט אַ יאַמשאָווע, וואָס בייגט זיך, האָט ער דעם קאַסטיום אויפגעהאַנגען אין דרויסן אויפן גאַניק און מיט דעם יאַמשאָוון שטעקל גענומען אויסקלאַפּן דעם שטויב פונעם קאַסטיום, אַבער גוט, וויפל ס׳איז נאָר געווען כוח. און אַז אין קעשענע פונעם קאַסטיום ליגט דער זייגער — האָט ער אַקוראַט פאַרגעסן. פונעם זייגער איז געוואָרן אַ חורבן, אַ פּראַ־שעק פון שטיקלעך זילבער, פאַרצעליי און גלאָז און אַ סך קליינע רעדעלעך. און דער חתן האָט אויפגעהויבן זיין קול און האָט זיך צעוויינט. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום טרייסטן מיט קיין שום צוזאָגעכצן, אַז מע וועט אים קויפן אַן אַנדער זייגער — עס האָט אויסגעריסן אַ שטיק האַרץ!

דער בר־מצווה שלום האָט געקוקט אויף זיך אויך ווי אויף אַט אַזאַ מין חתן־בחור. זיין אידעאַל איז געווען אין יענער צייט דריי זאַכן: אַ תפילין־זעקל ווי ביי זיין ברודער הערשל, אַ זייגער און אַ כלה. די כלה האָט זיך אים פאָרגעשטעלט ניט אַנדערש ווי

---

מצרף צו אַ מנין — מע רעכט אים אַריין צווישן די צען יידן וואָס קענען צונויפשטעלן אַ מנין צום דאַווענען.

ויהי היום — און עס איז געשען אַ טאָג, און עס האָט פאַסירט. אָפט הייבט מען אָן מיט דעם ווען מע דערציילט וועגן אַן אומגליקלעכער פאַסירונג.

פּראַשעק —פולווערל, powder.

www.hbtool.com.cn

אינעם געשטאַלט פון אַ בת־מלכה. ער האָט זי געזען אָפט אין חלום. און איין מאָל, באַלד נאָך דער בר־מצווה, האָט ער זי געזען אויף דער וואָר און ער האָט זיך פאַרליבט אין איר.

געהייסן האָט זי ראָזע. און ער האָט זי קיין איין מאָל ניט געזען זי זאָל גיין אַליין. שטענדיק מיט אַ כאַליאַסטרע קאַוואַליערן, די פּיינסטע יידישע בחורים, די רייכסטע יונגעלייט פון שטאָט, און אַ מאָל אויך קריסטן, אָפיצערן. אַ רוסישער אָפיצער זאָל שפּאַצירן מיט אַ יידיש מיידל — דאָס אַליין איז געווען אַזאַ סענסאַציע וואָס די שטאָט האָט מיט דעם געקאָכט. און נישט איעדער מיידל וואָלט זיך דאָס דערלויבט, און נישט איעדער מיידל וואָלט דאָס די שטאָט מוחל געווען. נאָר ראָזע — זי מעג עס, איר קאָן מען דאָס מוחל זיין, וואָרעם זי איז ראָזע, וואָרעם זי איז די איינציקע אין שטאָט וואָס שפּילט פּיאַנע, די איינציקע אין שטאָט וואָס רעדט פראַנצייזיש, און רעדט הויך, און לאַכט הויך — אַ קלייניקייט ראָזע! און דערצו איז זי אַ טאַטנס אַ קינד. איר פאָטער איז איינער פון די רייכסטע און פּאָרנעמסטע יידן אין שטאָט, אַ ייד אַן אַריסטאָקראַט.

די ראָזע האָט דאָס געפּלעפּט דאָס האַרץ פונעם טשיקאַוון, פאַרחלומטן חדר־ייִנגל שלום־נחום וועוויקס, וואָס האָט זיך דורך איין קוק פון אירע שיינע שולמית־אויגן פאַרליבט אין דער דאָזיקער שולמית מיטן הייליקן פייער פון אַן אומשולדיקן בר־מצווה־ייִנגל.

אַ קוק געגעבן האָט זי אויף שלומען, קאָן איך אייך ערב זיין, מער ניט אַז איין מאָל און אַז אַ סך — איז צוויי מאָל. אויך דאָס פאַרבייגייענדיק אין גאַס שבת ביי טאָג מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע קאַוואַליערן, צווישן וועלכע עס איז געווען איינער אַ גליקלעכער מיטן נאָמען חיים פּרוכשטיין. חיים איז יאָסע פּרוכשטיינס אַ זונדל, אַ בן־יחיד, אַ קורצפּיסיקער, זייער אַ קורצפּיסיקער, נאָר מיט אַ לאַנגער נאָז און אויף דער נאָז — רויטע ווייִמפּערלעך, און ציין גרויסע, מוראדיק גרויסע. נאָר אָנגעטאָן איז ער ווי דער גרעסטער פראַנט. שטיוולעטן לאַקירטע און סקריפּעדיקע, אויף הויכע, זייער הויכע אָפּצאַסן, בכדי ער זאָל אויסזען העכער. אַ זשי-

---

געפּלעפּט — איז שטאַרק פאַרוואונדערט, פאַרדריקט, באַנאַרישט, ווי מיט עפּעס איבערן קאָפּ דערלאַנגט.

ערב זיין — גאַראַנטירן, פאַרזיכערן.

ווייִמפּערלעך — currants.

אָפּצאַסן — קנאַפּל, heels.

www.libtool.com.cn

לעט אַ ווייסע ווי געפאַלענער שניי. די האָר פאַרקעמט מיט אַ שרונט אַקוראַט אין מיטן און שטענדיק אָנגעשמירט מיט שמעקע־דיקע פּאַרפומען וואָס לאָזן זיך הערן אויף אַ מייל. אָט דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער פון אַלע ראָזעס קאַוואַליערן, און אים האָט די שטאָט געקרוינט פאַר איר חתן.

דערפאַר געקרוינט, ווייל ער איז יאָסעס פּרוכשטיינס זון, און יאָסע פּרוכשטיין איז אַ נגיד, און אַ נגיד מיט אַ נגיד זיינען גלייכע מחותנים. און אויסער דעם איז ער דער איינציקער בחור אין פּע־רעיאַסלאַוו וואָס רעדט פראַנצייזיש. ע ר רעדט פראַנצייזיש און ז י רעדט פראַנצייזיש — קאָן דען זיין נאָך מער גלייך ווי דער דאָזיקער שידוך? און נאָך אַ זאַך: ז י שפּילט פּיאַנע און ע ר שפּילט פידל. און אַז ביידע שפּילן מעג מען פאַרזעצן די קאַפּאָטע וואָס מען האָט און מע קאָן שטיין אַ גאַנצע נאַכט הינטערן פענצטער און האָרכן.

שלום איז געשטאַנען ניט איין מאָל ביי ראָזען הינטערן אָפע־נעם פענצטער זומער פאַר נאַכט אין דרויסן און צוגעהערט זיך צו די זיסע הימלשע טענער, וואָס די שיינע ראָזע האָט מיט אירע שיינע פינגער אַרויסגעצויגן פון דער גרויסער שוואַרצער גלאַנצעדיקער פּיאַנע מיט די ווייסע ביינדלעך, און צו די זיסע הימלשע געזאַנגען, וואָס דער קורצפּיסיקער חיים פּרוכשטיין האָט אַרויסגעריסן פון די דינע סטרונעס פון זיין קליין ברייכיק פידעלע — און אַך! וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די מינוטן!

ער האָט געשעפּט תענוג און געערגערט זיך, געבענטשט און געשאָלטן צו גלייכער צייט: געשעפּט תענוג פון דער מוזיק, גע־ערגערט זיך וואָס ניט ער שפּילט מיט ראָזען, געבענטשט די הענט וואָס ציען אַרויס אַזעלכע זיסע טענער, געשאָלטן דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן ביי נחום ראַבינאָוויטש, ניט ביי יאָסע פּרוכשטיין, און וואָס חיים פּרוכשטיין איז אַ נגידס אַ זון און ער שלום איז נעבעך אויף גרויסע צרות!

ניט נאָר קאָן ער ניט אויספירן ביי זיין טאַטע־מאַמע לאַקירטע שטיוולעטן מיט סקריפּקעס און אויף הויכע אָפּצאַסן — זיינע שטי־וועלעך וואָס ער טראָגט זיינען אָפּגעפּאָרן, די אָפּצאַסן אויסגעדרייט, די פּאָדעשוועס אָפּגעריבן. און אַז ער זאָל זאָגן, ער וויל לאַקירטע

---

זשילעט — וועסטל, waistcoat.
שרונט — part (in the hair).
מעג מען פאַרזעצן די קאַפּאָטע — אָפּגעבן דאָס לעצטע וואָס מען האָט.
פּאָדעשוועס — זוילן, soles.

שטיוולעטן, וועט מען אים פרעגן: אויף וואָס? און אַז ער זאָל זאָגן, אַז ער וויל זיינע שטיוועלעך זאָלן סקריפּען, וועט ער קריגן פּעטש... און שלום האָט פיינט געקריגן מער פון אַלעמען דעם קורצפּיסיקן חיים פּרוכשטיין מיט דער גרויסער נאָז, מיט די רויטע ווייספּערלעך, דערפאַר וואָס גאָט האָט אים, דעם קורצפּיסיקן חיים, געבענטשט מיט אַלע דריי גוטע זאַכן: מיט סקריפּעדיקע שטיוולעטן, מיט ריידן פראַנצייזיש און מיט שפּילן פידל.

www.libtool.com.cn

און דער אומגליקלעכער שלום האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן און געשוואָרן זיך ביי דער לבנה און ביי די שטערן דאָ אין דרויסן און ביי די זיסע הימלשע טענער וואָס גיסן זיך פון דאָרטן, פון אינעווייניק, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער זיך אויסלערנען שפּילן אויפן פידל און אַז ער וועט מיט זיין פידל שפּילן פאַרשטעקן אין גאַרטל צען אַזעלכע ווי חיים פּרוכשטיין. און ריידן פראַנצייזיש וועט ער זיך אויסלערנען אַזוי ווי חיים פּרוכשטיין...

און ער וועט מיט גאָטס הילף זיך אויסגלייכן מיט חיים פּרוכשטיין און ער וועט אים נאָך אפשר אַריבעריאָגן. און דעמאָלט ערשט וועט ער קומען צו איר גלייך אַהיים. און ער וועט געבן אַ פיר מיטן סמיטשיק איבער די דינסטע סטרונעס. און שולמית־ראָזע וועט דאָס דערהערן, וועט זי שטוינען. און זי וועט אים פרעגן: „פון וואַנען?" — וועט ער איר ענטפערן: „פון זיך אַליין".

און חיים פּרוכשטיין וועט שטיין פון דער ווייט און וועט גאַפן און וועט אים, שלומען, מקנא זיין. וועט ער צוגיין און וועט וועלן זאָגן ראָזען עפּעס אויף פראַנצייזיש, וועט שלום זיך אַריינמישן אין מיטן, אים איבעררהאַקן און וועט אים זאָגן אויך אויף פראַנצייזיש: „היט זיך, ר' חיים, מיט אייער לשון, וואָרעם איך פאַרשטיי איטלעך וואָרט!" וועט ער נאָך מער גאַפן. און שולמית־ראָזע וועט אַ פרעג טאָן ביי שלומען: „דו רעדסט פראַנצייזיש אויך? פון וואַנען?" — וועט איר שלום זאָגן: „פון זיך אַליין".

דעמאָלט וועט שולמית־ראָזע אויפשטיין און וועט נעמען שלומען פאַר אַ האַנט און וועט אים זאָגן: „קום!" וועלן זיי גיין אין צווייען, ער מיט ראָזען, אויפן שפּאַציר איבער די פּערעיאַסלאַווער טראָטואַרן און וועלן ריידן ביידע אויף פראַנצייזיש. און די גאַנצע כאַליאַסטרע קאַוואַליערן, און דער קורצפּיסיקער חיים פּרוכשטיין בתוכם, וועלן זיי נאָכגיין פון הינטן. און די גאַנצע שטאָט וועט

---

סמיטשיק — .bow of a fiddle
בתוכם — צווישן זיי.

טייטלען מיט די פינגער: „ווער איז דאָס גליקלעכע פּאָרל?" — ווערט מען זיי ענטפערן: „איר ווייסט ניט ווער דאָס איז? דאָס איז דאָך ראָזע מיט איר אויסדערוויילטן!" — „ווער זשע איז איר אויסדערוויילטער?" — „איר אויסדערוויילטער — דאָס איז דאָך דער וואָראָנקעווער בעל־תנך, שלום נחום וועוויקס, שלום ראַבינאָ־וויטש"...

און שלום הערט דאָס אַלצדינג, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער הערט ניט און ער גייט ווייטער און ווייטער, האַנט ביי האַנט, מיט דער שיינער ראָזען. און ער זעט אירע שיינע אויגן, ווי זיי קוקן אויף אים און לאַכן. און ער פילט איר קליין וואַרעם הענטל אין זיין האַנט, און ער הערט ווי דאָס האַרץ ביי אים קלאַפּט: טיק־טאַק, טיק־טאַק. און די שטיוועלעך אונטער אים האָבן ווי פון זיך אָנ־געהויבן צו ריידן: „סקריפּ־סקריפּ, סקריפּ־סקריפּ".

און דאָס איז שוין אַ וואונדער פאַר אים אַליין. מילאָ, פידל שפּילן און פראַנצייזיש ריידן — דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט. אַזוי לאַנג געהאָרעוועט ביז ער קען. אָבער די שטיוועלעך — פון וואַנען האָבן זיי געכאַפּט דעם סקריפּ? אויך פון זיך אַליין? אָדער אפשר ווייזט זיך אים אויס? און ער קוועטשט־קוועטשט מיט ביידע פיס, שטאַרק־שטאַרק און — —

ער כאַפּט אַ שטורך פון זיין עלטערן ברודער, מיט וועלכן ער שלאָפט אין איין בעט: „וואָס דריגעסטו מיט די פיס ווי אַ לאַ־שעקל?" און ער כאַפּט זיך אויף — ניט שוין זשע איז דאָס געווען נאָר אַ חלום?...

און ער הערט ניט אויף צו טראַכטן פונעם דאָזיקן חלום. און ער הערט ניט אויף צו חלומען אויף דער וואָר. און עס גיסן זיך צונויף ביי אים דער חלום מיט דער וואָר, די פאַנטאַזיע מיט דערווירקלעכקייט... און עס ציט זיך אַזוי — ער ווייסט ניט ווי פיל צייט, ביז עס קומט אַ גאַסט קיין פּערעיאַסלאַוו, אַ שרעקלעכער גאַסט. ווי אַן אורגאַן וואַלגערט ער אום אַלצדינג מיטן פּנים אַראָפּ און מאַכט אַן איבערקערעניש, אַ חורבן אין אַ סך הייזער און אויך ביי נחום ראַבינאָוויטשן אין שטוב. און עס ווערט פאַרשוואונדן די שיינע שולמית־ראָזע און זיין ליבע צו דער שיינער שולמית־ראָזע, ווי אַ חלום, ווי אַ פאַנטאַזיע, ווי אַ נעכטיקער טאָג...

דער גאַסט — דאָס איז געווען די כאָלערע.

---

דריגען — בריקען, שטופּן מיט די פיס.
לאַשעקל — יונג פערדל.

# 24

www.libtool.com.cn

## די כאָלערע

די עפּידעמיע. — די רייבערס. — די באַבע מינדע קאָמאַנדעוועט. — זי רייסט קברים, זוכט זכות אָבות, אַרבעט מיט די דאָקטוירים. — דער מאַמעס טויט. — דער פעטער פּיניע לאָזט ניט וויינען: ס'איז שבת.

אנגעהויבן האָט זיך עס תחילת זומער, באַלד נאָך פּסח, אַזוי ווי אויף קאַטאָוועסן. נאָר שפּעטער צו, אַרום נאָך שבועות, אַז ס'זיינען אויפגעקומען אויבסטן און גרינע אַגרעסן זיינען געוואָרן וואָלוול, האָט זיך עס צעשפּילט שוין אויף דער אמתן. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן אַלץ אָפטער און אָפטער די ווערטער: „אונטערגאַנג", „עפּידעמיע" און „כאָלערע". ביים וואָרט „כאָלערע", אַז ס'איז אַרויסגערעדט געוואָרן, איז דאָס אַנדערש ניט אַרויסגערעדט געוואָרן נאָר מיט אַ שפּיי אוים דערביי. און ס'איז געפאַלן אַ מורא, אַ פּחד אויף דער שטאָט.

פאַרשטייט זיך אַז דער פּחד איז געפאַלן נאָר אויף די גרויסע, אויף די עלטערע. פאַר קליינוואַרג איז דאָס אדרבה געווען אַ שטיקל יום-טוב. מען האָט אָנגעהויבן אַכטונג געבן אויף זייער עסן און אויף זייער טרינקען, טאַפּן זיי אַלע אין דער פרי און אויף דער נאַכט ביי די קעפּלעך, זיך געהייסן באַווייזן די צונג און סוף-כל-סוף — צעלאָזט די חדרים ביז גאָט וועט העלפן, דער אונטערגאַנג וועט אַוועק אַהין פון וואַנען ער איז געקומען. דער אונטערגאַנג האָט אָבער ניט אַזוי גיך געוואָלט אַוועק, און די כאָלערע האָט געבושעוועט אויף וואָס די וועלט שטייט.

---

קברים רייסן — מאַכן גוואַלדן, איינלייגן וועלטן, וויינען זייער שטאַרק אויף קברים פון צדיקים אָדער פון אבות.

זכות-אָבות — די גוטע מעשים, די מצוות פון די אָבות, פון די פריערדיקע דורות, וואָס העלפן די לעבעדיקע.

תחילת זומער — אָנהייב זומער.

אויף קאַטאָוועס(ן) — ניט ערנסט, אויף אַ וויץ.

בושעווען — ווילדעווען, שטורעמען.

www.wlbdool.com.cn

די שטאָט האָט אָבער אויך ניט געשוויגן, נאָר אַלצדינג און קודם כל זיך אַ נעם געטאָן צום „רייבן". גיך און געשווינד איז גע־שאַפֿן געוואָרן אַ חברה „רייבערס". זייער עובדא איז געווען — קוים איז עמעצן געוואָרן „נישט־גוט", איז מען געקומען צו אים, אָנגעכאַפּט און „געריבן". אַ סך מענטשן האָט מען טאַקע מיט אָט דעם רייבן אָפּגעראַטעוועט. צווישן חברה „רייבערס" האָבן זיך פֿאַרשריבן די פֿיינסטע באַלעבאַטים פֿון שטאָט. פֿאַרשטייט זיך אַז די ראַבינאָוויטשעס זיינען אויך געווען צווישן די „רייבערס". יעדער אויפֿדערנאַכט, געקומען פֿון זיין טייל שטאָט וואו ער האָט „געריבן", האָט נחום ראַבינאָוויטש געהאַט צו דערציילן נייס און נייס: ווי פֿיל מאָל און וועמען מען האָט היינטיקן טאָג „געריבן", וועמען מען האָט „אָפּגעריבן" און וועמען ניט.

אַלע זיינען געשטאַנען אַרום אים און געקוקט מיט דרך־ארץ און אויסגעהערט מיט נייגעריקייט און מיט שרעק די דאָזיקע נייס. די קליינינטשקע חיה־אסתּר האָט געבראָכן די פֿינגער און קוקנדיק אויף איר כּאַליאַסטרע קינדער האָט זי אַ זאָג געגעבן פֿאַרבייגיי־ענדיק: „ער זאָל כאָטש ניט פֿאַרשלעפּן חלילה די כאָלערע אין שטוב אַריין". דערויף האָט איר נחום אָפּגעענטפֿערט מיט אַ שמייכל, אַז „די כאָלערע איז ניט אַזאַ קרענק וואָס מע פֿאַרשלעפּט זי; וועמען ס'איז באַשערט, טרעפֿט זי אים אין דער היים"...

אַפֿנים אַז דער קליינינטשקער חיה־אסתּר איז עס באַשערט גע־ווען. איין מאָל, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, איז זי אויפֿגעשטאַנען און האָט דערציילט פֿאַר דער שוויגער, פֿאַר דער באָבע מינדע, וואָס פֿאַר אַ מאָדנער חלום ס'האָט זיך איר געחלומט. ס'האָט זיך איר געחלומט אַז ס'איז פֿרייטיק־צו־נאַכטס און זי בענטשט ליכט. פּלוצעם קומט צו גיין פֿרומע־שרה סריבניטשקע (די וואָס איז ערשט יענע וואָך געשטאָרבן פֿון דער עפּידעמיע) און נעמט און טוט אַ בלאָז — פֿו! — און פֿאַרלעשט איר די בענטשליכט...

אויסגעהערט דעם מאָדנעם חלום, האָט די באָבע מינדע זיך אויסגעלאַכט און געוויינטלעך אויסגעלייגט איר צו גוטן. נאָר געזען האָט מען, אַז אויף ביידע ווייבער איז געלעגן אַ שרעק אויפֿן פּנים. דערנאָך האָט זיך די מאַמע חיה־אסתּר צוגעלייגט, זיך געהייסן דער־לאַנגען אַ שפּיגל, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל אַריין און אַ זאָג גע־

---

באַשערט — באַשטימט פֿון גורל, באַשטימט פֿון פֿאָרויס.
אויסלייגן (צום גוטן) — דערקלערן אַ חלום אָבער עפּעס אַ סימן (צום גוטן).

www.libtool.com.cn

געבן צו דער באָבע מינדע: „שוויגער, ס'איז שלעכט! טוט אַ קוק אויף מיינע נעגל"...

אוודאי האָט זי די שוויגער אויסגעלאַכט און אויסגעבטלט אַלע בייזע ווייסטע חלומות אויף די שונאימס קעפּ. און שטילער-הייט האָט זי צעשיקט די עלטערע קינדער, זיי זאָלן אויפזוכן און אַראָפּברענגען דעם טאַטן וואָס איז געווען דעמאָלט פּאַרנומען מיט „רייבן". און נישט געוואַרט אויפן טאַטן, האָט די באָבע מינדע פּאַררוקט גרויסע טעפּ מיט וואַסער אין אויוון און אַליין דערווייל גענומען ראַטעווען די קראַנקע.

זי האָט געטאָן אַלצדינג וואָס אין אַ מענטשנס כוח איז צו טאָן און האָט ניט פאַרגעסן אויך צו שיקן נאָכן בעסטן דאָקטער אין שטאָט. ער איז אַ קריסט, אַ דיקער, מיט אַ רויט פּנים. אויף אים זאָגן יידן מבינים אַז ער איז אַזוי געזונט, אַז ער וועט אַ מאָל שטאַרבן גייענדיק. און כאָטש ער איז טאַקע דער בעסטער דאָקטער, פּונדעסטוועגן האָט די באָבע מינדע אַראָפּגעבראַכט אויך יענקל דעם רופא, ער איז אַ ייד און מע קאָן זיך מיט אים בעסער דורכשמועסן. מיט אים, מיט דעם יענקל דעם רופא, האָט זיך די באָבע מינדע פאַרשלאָסן ביי זיך אין אַלקערל, פריער אַרויסגעטריבן אַלע קינדער אין דרויסן אַרויס, און האָט זיך דאָרטן מיט אים לאַנג-לאַנג גע-שושקעט, ביז דער טאַטע איז געקומען.

און אַז דער טאַטע איז געקומען ניט טויט ניט לעבעדיק, איז די באָבע מינדע אָנגעפאַלן אויף אים, געגעבן אים אַ מיאוסן פּסק, און ס'איז געווען אַ קאָמעדיע צו זען ווי דער טאַטע פאַרענטפערט זיך פאַר איר... אָך! ווער עס האָט ניט געזען אין יענע טעג די באָבע מינדע, דער האָט קיין שיינס ניט געזען. אַ יידענע אַ קאָמאַנ-דיר! אַ יידענע אַ פעלדמאַרשאַל! עס האָט אויסגעזען, אַז ניט די מאַמע חיה-אסתר באָרעט זיך מיטן טויט, נאָר זי, די באָבע מינדע, באָרעט זיך פאַר איר, פירט אַ מלחמה מיטן מלאך-המות, וואָס לאָזט זיך שוין הערן מיט זיינע גרינגע שוואַרצע פליגלען.

ער לאָזט זיך הערן, נאָר זען זעט מען אים נאָך ניט. די קינדער ווייסן נאָך ניט וואָס דאָ טוט זיך, נאָר זיי פילן מיט זייער אינ-

---

אויסגעבטלט אַלע בייזע, ווייסטע חלומות אויף די שונאימס קעפּ — אוסגעלייגט דאָס שלעכטע פון חלומות אויף די שונאים; אָנגעזידלט אָדער געשאָלטן די שונאים.

רופא — ניט קיין אמתער דאָקטער, נאָר אַ פעלדשער, barber-surgeon.

אַלקערל — צימערל, געוויינלעך אָפּגעטיילט מיט אַ דין ווענטל אָדער מיט אַ פאָרהאַנג.

באָרעט זיך — ראַנגלט זיך.

סטינקט אַז דאָ קומט עפּעס פֿאַר אַ גרויסע זאַך וואָס איז נאָך אַ
www.libtool.com.cn
סוד פֿאַר זיי. אויף דער באָבע מינדעס פּנים לייענען זיי: „דער טויט וויל צונעמען ביי די קינדער זייער מאַמע, נאָר איך וועל עס מיטן אייבערשטנס הילף נישט דערלאָזן!" . . . און אַז זי זאָגט, זי וועט נישט דערלאָזן, קאָן מען איר גלייבן. דער באָבע מינדע מוז מען גלייבן!

איין מאָל, בעת דער דאָקטער איז געווען ביי דער קראַנקער, וועלכע האָט שוין געהאַלטן אַפּנים זייער שמאָל (דאָס האָט מען געקאָנט זען נאָכן דאָקטערס רויטן פּנים וואָס איז געוואָרן נאָך רויטער), האָט די באָבע מינדע צונויפֿגערופֿן אַלע קינדער, האָט זיי אויסגעשטעלט אין דער ריי אייניציקווייז, פֿונעם עלטסטן ביזן קלענסטן (אַ מיידעלע פֿון קוים אַ יאָר), און אַז דער דאָקטער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם חדר פֿון דער קראַנקער, איז זי אים געפֿאַלן פֿאַר די פֿיס, געקושט אין די הענט און צוגעפֿירט אים צו דער כאַליאַסטרע: „נאַ, זע, פֿריץ-לעבן, וויפֿל ווערעם, וויפֿל יתומים די קראַנקע לאָזט איבער, טאָמער, חלילה, די שעה זאָל ניט זיין! טאַקע אַ יושר, האָב רחמנות, פֿריץ-לעבן, אויף די דאָזיקע ווערעם, אויף די אומשולדיקע שעפּעלעך!" . . . מיר דאַכט אַז אַפֿילו אַ שטיין האָט דאָס געקאָנט רירן. עס האָט גערירט אַפֿילו דעם דאָקטער. ער האָט צענומען מיט די הענט: „וואָס קאָן ער טאָן? ער טוט אַלצדינג וואָס ער קאָן. אָט ווען מע באַדאַרף בעטן!" . . . און ער האָט אַ וויַיז געגעבן מיטן פֿינגער אַרויף, צו גאָט, הייסט עס. . .

נאָר אַ דאַנק פֿאַר דער עצה, פֿריץ-לעבן! צו גאָט ווייסט זי שוין אַליין דעם וועג. זי איז שוין געווען אין שול, זי האָט זיך שוין פֿאַרזאָרגט מיט תהלים-זאָגער אויף אַ גאַנצן מעת-לעת. זי איז שוין געווען אויפֿן הייליקן אָרט אויך, געריסן קברים, געוועקט זכות-אָבות. אַזאַ מאַמע, ווי איר נחומס וויַיב, באַדאַרף נישט לאָזן איר זון אַן אַלמן און די קינדער יתומים! אַזאַ צדיקית ווי חיה-אסתר טאָר ניט שטאַרבן! „ניין, גאָטעניו, דו ביסט אַ גוטער גאָט, דו וועסט דאָס נישט טאָן!" . . .

עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן קיין זאַך. גאָט איז טאַקע אַ גוטער גאָט, נאָר די קליינטשקע חיה-אסתר איז שוין מער נישט אויפֿגעשטאַנען. זי איז געשטאָרבן. שבת אין דער פֿרי איז דאָס געווען, דעמאָלט ווען יידן זיינען נאָך אין שול.

---

„הייליקער אָרט" — בית-עולם.

www.libtool.com.cn

געשטאָרבן? — — —

פאַר חברה קליינוואַרג איז דאָס נאָכן רבינם (משה דעם שוחטם) טויט געווען דער צווייטער טויט, וואָס זיי האָבן מער געפילט ווי פאַרשטאַנען. און עס האָט זיי ווי געטאָן שטאַרק, שטאַרק!

אמת, זייער מאַמע איז ניט געווען אַזאַ ווייכע, אַזאַ צוגעלאָזטע ווי אַנדערע מאַמעס. אמת, מע פלעגט כאַפּן פון איר אָפטע פּעטש, סטוסאַקעס און בוכנצעס — „קינדער זאָלן ניט זיין קיין נאַשערס און ניט וועלן נאָך. קינדער זאָלן ניט האָבן די טבע זיך פלאָנטערן פאַר די פיס! קינדער זאָלן ניט ליב האָבן שטשירען די ציין!“ דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז קינדער זאָלן ניט לאַכן. און קינדער האָבן דווקא יאָ געלאַכט. וואָרעם ווי קאָן מען ניט לאַכן אַז עס לאַכט זיך? אַזאַ געלעכטער האָט זיי געקאָסט טייער. זיי האָבן באַצאָלט מיט אָנגעריסענע אויערן און מיט אויפגעלאָפענע באַקן פון דער מאַמעס קליינע נאָר שטאַרקע הענטלעך וואָס לאָזן זיך פילן...

איצט אָבער האָט דאָס קליינוואַרג פאַרגעסן. פאַרגעסן די פּעטש מיט די סטוסאַקעס און דערמאָנט זיך בעסער, ווי די מאַמע פלעגט אַריינלייגן די האַנט אין קעשענע און זוכן פאַר יעדער קינד אַ גראָשן. ווי די מאַמע פלעגט זיי איינגעבן אַלע ראש-חודש ווערעמקרויט מיט האָניק. ווי די מאַמע פלעגט ניט אָפּטרעטן פון בעט, אַז אַ קינד האָט זיך אָנגעקגעלייגט. ווי דער מאַמעס קליין הענטל האָט געטאַפּט ביים קאָפּ, געהאַלטן ביים דופק, געגלעט די בעקלעך. ווי די מאַמע האָט גענייט אַלע ערב יום-טוב מלבושים פאַר די קינדער. ווי די מאַמע פלעגט אַלע ערב שבת צוואָגן די קעפּלעך. ווי די מאַמע האָט געלאַכט פּסח ביים סדר, אַז קינדער האָבן זיך אָנגעשיכורט פונעם אַרבע-כוסות-וויין. און נאָך און נאָך זאַכן האָבן קינדער דערמאָנט זיך, געלעגן יעדערער באַזונדער איינגעגראָבן מיט די פּנימער אין די קישנס און צעגאַנגען געוואָרן פאַר געוויין. . .

אָבער נאָך גרעסער און שטאַרקער איז געוואָרן דאָס געוויין, אַז זיי האָבן דערהערט דעם טאַטן וויינען. אַ טאַטע זאָל גאָר וויינען! און אַז זיי האָבן דערהערט ווי די באָבע מינדע יאָמערט און קלאָגט

---

סטוסאַק — אַ קלאַפּ מיט דער פויסט.
בוכנצע — אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין אַ זייט.
שטשירען די ציין — אַרויסשטעלן די ציין, הריזשען, לאַכן to grin.
ראש חודש — אָנהייב חודש, דער ערשטער טאָג פון חודש.
ווערעמקרויט — אַ ביטער געוויקס קעגן ווערעם.
דופק — פּולס.
אַרבע-כוסות-וויין — דער וויין פון די פיר כוסות וואָס מע טרינקט ביים סדר.

www.libtool.com.cn

און טענהט זיך אוים מיטן רבונו־של־עולם: פאַר וואָס האָט ער ניט צוגענומען בעסער זי, די באָבע מינדע, איידער אַזאַ יונג צווייגעלע, אַ מאַמע פון קיין עין־הרע אַזוי פיל ווערעם? ... (דאָס פאַרגלייכן אירם די קינדער צו ווערעם רופט אַרוים ביי די קינדער אין דער דאָזיקער טרויעריקער מינוט נישט ווילנדיק אַ שמייכל: וואָס עפּעס גראָד ווערעם?)

נאָר פּלוצעם עפנט זיך די טיר און ווי אַ וויכער רייסט זיך אַריין אין שטוב אַריין דער פעטער פיניע מיט זיינע צוויי זין גלייך פון אַלטן בית־מדרש — דאָרטן דאַוונט דער פעטער פיניע — מיט אַ ברייטן גוט־שבת. דערזען ווי דער עולם וויינט און קלאָגט און יאָמערט, אַז ער צעשרייט זיך ניט אויף אַ קול און צעבייזערט זיך אויפן טאַטן און אויף דער באָבע מינדע: „וואָס איז דאָס? אום שבת וויינט איר? רשעים! גזלנים! וואָס טוט איר עס? איר זייט משוגע? צי איר האָט פאַרגעסן אַז מיר האָבן היינט שבת, אַז שבת טאָר מען ניט וויינען?! נחום, וואָס טוסטו? מע טאָר ניט — ס'איז שבת! וואָס ס'זאָל ניט זיין — איז שבת בילכער!"...

און אַליין האָט זיך דער פעטער פיניע שוין אָפּגעקערעוועט אויף אַ זייט, כלומרשט אויסגעשנייצט די נאָז מחילה, נאָר אין איין וועגס געכאַפּט אַ קוק מיט אַן אויג אַהין, וואו די מאַמע ליגט אַן איבערגעדעקטע מיט שוואַרצן. האָט ער אויסגעווישט אין דער גיך די אויגן, מע זאָל ניט זען אַז ער וויינט, כאָטש אין קול גופא האָבן זיך געלאָזט הערן טרערן, און גערעדט האָט ער שוין אַ ביסל ווייכער:

— פאָלג מיך, נחום! גענוג! דו נעמסט אויף זיך צו פיל!...

נו, גענוג שוין! מע טאָר ניט — ס'איז שב...

דער פעטער פיניע האָט נישט געקאָנט אַרויסריידן דאָס וואָרט „שבת", וואָרעם די טרערן, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געשלונגען, האָבן זיך אים געשטעלט אין האַלדז. האָט ער נישט געקאָנט מער באַהערשן זיך, איז ער צוגעפאַלן צום טיש און האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד און אויסגערופן אויף אַ דין קול: „חיה־אסתר! חיה־אסתר!"

---

וויכער — שטורעמווינט.
בילכער — וויכטיקער, חשובער, פריער, גייטיקער.
אָפּגעקערעוועט — אָפּגעדרייט.
מחילה — אַנטשולדיקונג, אַנטשולדיקט.

# 25

www.libtool.com.cn

## ביים טייך דניעפּער

די שבֿעה־זיצערס. — די קינדער שיקט מען אָפּ קיין באָהוסלאַוו צום זיידן משה־יאָסע. — די נסיעה קיין באָהוסלאַוו. — שמעון־וואָלף בעל־עגלה אַ שוויגער. — אַן אומגעריכטע באַגעגעניש אויפֿן פּראָם.

קיין מאָל האָט דער העלד פֿון די באַשרייבונגען אַזוי נישט געבענקט נאָכן אוצר, וואָס זיין חבר שמואליק האָט אים אַמאָל דערציילט פֿון אים, ווי אין דער צייט ווען ער און דער טאַטע און אַלע זיינע ברידער און שוועסטער זיינען געזעסן אין די זאָקן אויף דער ערד שבֿעה נאָך דער מאַמען... עס שטעלט זיך אים פֿאָר, אַז ער האָט אים שוין, דעם אוצר — פּלוצעם האָט ער זיך אים אַנטפּלעקט מיט אַלע זיינע טייערע זאַכן, סגולות און שטיינער, און אַז דער טאַטע איז אי־בערראַשט: „פֿון וואַנען האָט זיך, שלום, פּלוצעם גענומען צו דיר אַזאַ גוטס?" — „איך קאָן דיר ניט זאָגן, טאַטע, פֿון וואַנען, וואָרעם קוים זאָג איך דיר פֿון וואַנען, הייבט זיך עס אויף און עס ווערט פֿאַרשוואונדן"... און שלום פֿילט זיך אויפֿן זיבעטן הימל, וואָס ס'איז אים געראָטן אַרויסציען דעם טאַטן פֿון דער נויט, און עס טוט אים נאָר באַנג, האַרצעדיק באַנג, וואָס די מאַמע נעבעך איז נישטאָ דערביי. „נישט באַשערט — זאָגט די באָבע מינדע — אַלע אירע יונגע יאָרן איז זי נעבעך אָפּגעקומען אויף דער וועלט צוליב די קינדער, און איצט אַז ס'איז געקומען צום לעבן, זיינען אויסגעגאַנגען די יאָרן!"...

נאָר אָט דערהערט זיך אַ זיפֿץ פֿון טאַטן: „גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?" — און דער קליינער בעל־החלומות קערט זיך אום פֿון יענער גליקלעכער וועלט פֿון פֿאַנטאַזיעס

---

שבֿעה זיצן — טרויערן זיבן טעג נאָך אַ טויטן, דערביי זיצט מען אויף נידע־ריקע בענקלעך.

פּראָם — pram, ferry.

סגולה — אַ מיטל, אַ מיטל קעגן אַ קראַנקייט, אַ וואונדער־מיטל.

www.libtool.com.cn

און חלומות, צוריק אַהער, אין דער דאָזיקער ווי־סטער וועלט פון זאָרג און טרערן, וואו מענטשן ריידן פון מעל און באַקן חלה, פון געלט אויף גיין אין מאַרק, פון אורחים וואָס ווילן ניט פאָרן, פון פּרנסה וואָס איז „געשלאָגן". און די אַלע רייד ווערן צוגעדעקט מיטן טאַטנס קרעכץ און מיטן טאַטנס זיפץ: „גוואַלד, וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?"

— „ציַיט מנחה דאַוונען", זאָגט דער פעטער פּיניע. און אַלע שבעה־זיצערס, דער טאַטע מיט די קינדער, שטייען אויף פון דער ערד, שטעלן זיך דאַוונען מנחה, און אַלע זעקם בנים, צווישן זיי איינער אַ באַלעבעסל שוין מיט אַ גאָל בערדל, טוען אַ קלאַפּ אָפּ דעם קדיש — אַ מחיה צו הערן! די משפּחה קוקט מיט גדלות אויף די „קדישים", פּרעמדע ווייבער זייַנען מקנא: „מיט אַזעלכע קדישים נישט אָנקומען גלייך אין גן־עדן אַריין — איז שוין עק וועלט!"...

ס'איז שוין דער לעצטער טאָג שבעה־זיצן.

דער טאַטע וויינט שוין ניט אַזוי שטאַרק ווי ער האָט געוויינט די ערשטע טעג. ער זיפצט נאָר און קרעכצט נאָר און פרעגט: „וואָס טוט מען מיט די קינדער? מיט די קינדער וואָס טוט מען?"

— „מיט די קינדער וואָס טוט מען? — ענטפערט אים דער פעטער פּיניע און גלעט זיך די באָרד — די עלטערע וועלן זיך לערנען ווי זיי האָבן זיך געלערנט און די קלענערע וועסטו אָפּשיקן צו זייער זיידן קיין באַהוסלאַוו".

דאָס מיינט ער דעם זיידן משה־יאָסע מיט דער באָבע גיטל פון דער מאַמעס צד, וועלכע די קינדער האָבן קיין מאָל ניט געזען, נאָר געהערט דערציילן אַז ערגעץ ווייט אין אַ שטאָט, וואָס הייסט באַהו־סלאַוו, האָבן זיי אַ זיידן מיט אַ באָבען, וואָס זייַנען זאָגט מען גאַנץ רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט. אַהין הייסט עס וועט מען זיי אוועק־שיקן.

זעט איר, דאָס איז דווקא אַ פּלאַן! ערשטנס, דאָס פאָרן — דאָס אַליין וואָס איז ווערט? צווייטנס, זען אַ נייע שטאָט! היינט באַקענען זיך מיט אַ זיידן און מיט אַ באָבען וואָס מען האָט זיי קיין מאָל ניט געזען — דאָס איז ביי אייך גאָרניט? עס בלייבט איבער נאָר איין זאַך: וועמען רעכנט דאָס דער פעטער פּיניע צווישן די „עלטערע" און וועמען צווישן די „קלענערע"? ס'איז גאָר קיין ספק ניט אַז אַ יינגל וואָס איז שוין בר־מצווה, ער מעג זיך האַלטן מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון אַ הונט, באַדאַרף גערעכנט ווערן צווישן

---

בעל־החלומות — טרוימער, פאַנטאַזיאָר.

www.libtool.com.cn

די „עלטערע" — און אים האָט געצויגן צו דער נסיעה, צו דער נייער גרויסער שטאָט, צום ייִדן משה־יאָסע מיט דער באָבע גיטל פון דער מאַמעס צד, וואָס מע זאָגט זיי זיינען רייך, אַזוי רייך!...

איין מאָל (סוף זומער, פאַר ימים־נוראים איז דאָס געווען) איז צוגעפאָרן צום גאַניק אַ בויד. און מען האָט אויפגעזעצט די קלענערע קינדער, פיר יינגלעך און צוויי מיידלעך — שלום דער בר־מצווה־בחורל איז געווען צווישן זיי — מיטגעגעבן צו צוויי העמדלעך, עסנוואַרג אויף אַ פּאָר טעג און אַ בריוו צום ייִדן משה־יאָסע מיט דער באָבע גיטל און אָנגעזאָגט זיי אַ מאָל צוואַנציק, זיי זאָלן זיין געהיט ביים אַריבערפאָרן מיטן פּראָם איבערן דניעפּער.

פאָרן איבערן דניעפּער און נאָך מיט אַ פּראָם דערצו! קיי־נער פון זיי האָט קיין פּראָם קיין מאָל ניט געזען און ווייסט גאָר־ניט מיט וואָס מען עסט עס. נאָר מען איז זיך משער אַז עס דאַרף זיין ניט שלעכט. און מע פאַרגעסט אַז די מאַמע איז געשטאָרבן און מע פאַרגעסט אַלצדינג און מען קלערט נאָר וועגן דער נסיעה, וועגן דניעפּער, וועגן פּראָם. נאָר מע דערמאָנט זיי אַז די מאַמע איז געשטאָרבן. ס'איז די באָבע מינדע, וואָס זאָגט זיי אָן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, זיי זאָלן ניט פאַרגעסן און חלילה ניט דורכלאָזן זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען, און זי גלעט זיי מיט קאַלטע גליטשיקע פינגער, און זי קושט זיי אין די בעקלעך, און זי געזעגנט זיך מיט זיי אויף שטענדיק, אויף אייביק, וואָרעם גאָט ווייסט, אויב זי וועט נאָך זוכה זיין מיט זיי זיך צו זען נאָך אַ מאָל...

און אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט: אַז די קינדער זיינען געקומען נאָך דעם צוריק אַהיים פון באָהוסלאַוו, איז שוין די באָבע מינדע געווען דאָרט וואו די מאַמע זייערע — אַ קבר לעבן אַ קבר, און דער טאַטע האָט געזאָגט קדיש נאָך זיין מאַמע אין איינעם מיט די קינדער נאָך זייער מאַמע. דאָס איז געווען אַ יאָר פון קדישים, דאָס יאָר פון כאָליערע — אָן אַ שיעור קדיש־זאָגערס! אַ גאַנצע שול האָט געזאָגט קדיש! — — — —

דער חילוק פון אַ מענטשן ביז אַ מענטשן! אויף ווי פיל מאיר־וועלוול דער בעל־עגלה, וואָס האָט געפירט די קינדער פון וואָראָנקאָ קיין פּערעיאַסלאַוו, איז געווען אַ מענטש אַ לעבעדיקער, אַ רירעוו־

---

זיך משער זיין — זיך פאָרשטעלן.
זוכה זיין — ווערט זיין, האָבן דאָס רעכט.
חילוק — אונטערשייד.

www.libtool.com.cn

דיקער און אַ באַריידעוודיקער, אַזוי פּיל איז שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה, וואָס האָט געפירט די קינדער פון פּערעיאַסלאַוו קיין באָהוסלאַוו, געווען אַ פּאַרזאָרגטער, אַ פּאַרשלאָפענער און אַ שווייגער — זאָל גאָט היטן! כאָטש שיסט אין אים מיט האַרמאַטן, וועט ער אייך קיין וואָרט ניט אַרויסלאָזן פונעם מויל אחוץ: „קריכט אין וואָגן", אָדער „אַרוים'ט פונעם וואָגן". די קינדער זיינען אויסגעגאַנגען צו וויסן: ווען וועט שוין זיין דער דניעפּער? ווען וועט מען אים איבערפּאָרן מיטן פּאַראָם? און וואָס הייסט עס „פּאַראָם"? נאָר גייט טוט עפּעס — אַז אַ ייד רעדט ניט! זיצט אויף דער קעלניע, שמייסט די פּערדלעך, סמאָצקעט זיי צו מיט די גראָבע ליפּן, און פון צייט צו צייט הערט מען נאָר די איינציקע ווערטער: „גנאָ, כאָלערע, אַ כאָלערע אויף אייך!" אָדער — „גנאָ, פּגירות, אַ פּגירה אויף אייך!" און אַז נישט, שעפּטשעט ער עפּעס מיט די ליפּן צו זיך אַליין און זינגט עפּעס שטיל אויף אַ דין קולכל. דאָס זאָגט ער תהלים אויף אויסוווייניק.

און אַזוי ווי מענטשן זיינען פּאַראַן אַלערליי, פּאַרשיידענע כאַראַקטערס, אַזוי זיינען להבדיל פּערד אויך פּאַראַן אַלערליי סאָרטן. די פּערד פון שמעון־וואָלף דעם בעל־עגלה זיינען שטאַרק געראָטן אין זייער באַלעבאָס: זיי זיינען שלעפּעריק און האָבן אַ טבע — זיי ניסן. אַ גאַנצן וועג ניסן זיי. ניסן און פּאַרשקען און שמייסן מיט די עקן און שלעפּן זיך, און שלעפּן זיך. עס דאַכט זיך אוים, אַז מע שלעפּט זיך שוין אַזוי — מען האָט שוין כמעט פּאַרגעסן פון ווען אָן. און גאָט ווייסט אויב מע וועט זיך אַ מאָל דערשלעפּן ערגעץ צו אַ יישוב. הימל און ערד און זאַמד. זאַמד אָן אַ שיעור!

נאָר שאַט! וואָס גלאַנצט דאָס עפּעס דאָרטן פון דער וויטן? וואָס בלישטשעט עס אַזוי ווי גלאָז און שיינט אָפּ אויף דער זון מיט אַ זילבערנעם קאָליר, און שפּילט און שעמערירט אין די אויגן? אָט דאָס זאָל זיין דער דניעפּער?!

חברה זיצן קוים איין אין וואָגן. און דער וואָגן, ווי אויף צו־להכעיס, גייט פּאַוואָליע, וואָרעם איידער מע קומט צו צום דניעפּער, באַדאַרף מען דורכמאַכן נאָך אַ זאַמד און נאָך אַ זאַמד, געל און געדיכט און טיף, טיף ביז די קני. פּאַוואָליע, טריט ביי טריט, שלעפּן זיך די פּערדלעך, קוים וואָס זיי רייסן אַרוים די פּיס פון זאַמד. טיף

---

קעלניע — .driver's seat, coach-box
יישוב — אַן אָרט וואו עס וואוינען מענטשן.
שעמערירן — גלאַנצן, בלישטשען, שפּיגלען זיך אין פּאַרשיידענע פּאַרבן.

www.libtool.com.cn

שניידן די רעדער. און דער וואָגן קרעכצט. און נענטער און נענטער באַווייזט ער זיך, דער דניעפּער, מיט זיין גאַנצער ברייטקייט און שיינקייט. יאָ, דאָס איז ער, דער דניעפּער! ער גלאַנצט, שיינט אָפּ אויף דער זון און שמייכלט צו די יונגע אורחים, וואָס זיינען געקומען צו אים דאָס ערשטע מאָל מקבל פּנים זיין דעם אַלטן זקן: „שלום־עליכם, וואָס מאַכסטו, זיידע?" . . .

— „אַרויס'ט פון וואָגן!" — טוט שמעון־וואָלף אַ קאָמאַנדעווע אויס, קריכט אַליין אויך אַרויס פון וואָגן, פאַרשטעקט די בייטש אין גאַרטל, טראָגט צו ביידע הענט צום מויל, פאַררייסט דעם קאָפּ און לאָזט אַרויס אַ מאָדנע פאַרדומפּן קול, ווי פון אַ צעבראָכענעם פּאָס:

— פּאַראָ—אָ—אָ—אָם! פּאַראָ—אָ—אָ—אָ—אָם!

איז דער פּאַראָם אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס געפינט זיך ערגעץ דאָרט אויף יענער זייט, און מע באַדאַרף אים אַרויסרופן? חברה קליינוואַרג, אַרויסגעקראָכן פון וואָגן און אויסגעגלייכט זיך די פאַרזעסענע, פאַרגליווערטע אברים, שטעלן זיך אַוועק העלפן דעם בעל־עגלה אַרויסרופן דעם פּאַראָם, גלייך מיט אים צוגעטראָגן די הענט צום מויל, פאַררייסן די קעפּ אַרויף און אויסגעשריען מיט אַ קוויטש:

— פּאַראָ—אָ—אָ—אָם! פּאַראָ—אָ—אָ—אָם!

און עס פעלט אָן אויף זיי אַ געלעכטער, זיי ווייסן ניט וואָס. עס לאַכט זיך זיי, ווייל ס'איז זיי גוט, ווייל זיי זיינען יונג און געזונט, און זיי געפינען זיך ביים דניעפּער, און זיי פאָרן באַלד אויפן דניעפּער מיטן פּאַראָם — ווער איז צו זיי גלייך? . . .

נאָר אָט הייבט אָן צו געזעגענען זיך די זון מיטן טאָג. מיט אירע לעצטע נאָר שאַרפע גינגאָלדענע שטראַלן שפּיגלט זי זיך אָפּ אינעם זילבערנעם וואַסער פונעם דניעפּער — און מע הערט אויף צו לאַכן. עס לאַכט זיך ניט מער. צו שטיל איז אָט דאָ, ביים ברעג פונעם דניעפּער. אַ הייליקע שטילקייט. און עפּעס קילבלעך איז געוואָרן. און דאָס וואַסער שמעקט מיט אַ מאָדנעם ריח, און עס זשומעט, עס מורמלט, עס לויפט . . .

און דערצו האָט שמעון־וואָלף אַוועקגעשטעלט זיך מיטן פּנים צו מזרח, צוגעמאַכט די אויגן, צעשאָקלט זיך און גענומען דאַווענען מנחה. עס פאַרגלוסט זיך זיי אויך דאַווענען מנחה. דאָס איז געווען ביי זיי, מע קאָן זאָגן, די ערשטע פריוויליקע, נישט־געצוואונגענע

---

פאַרדומפּן — טעמפּ, ניט הילכיק, פאַרשטיקט.
קילבלעך — אַ ביסל קיל.

www.libbook.com.cn

מנחה, אָט אַ דאָ אַנטקעגן הוילן הימל, נאָענט צו גאָט. עס האָט זיך זיי קיין מאָל אַזוי ניט געוואָלט דאַוונען ווי אַצינד, אין דעם פֿאַרנאַכט, אונטער דעם הימל, אויפֿן ברעג פֿון אָט דעם דניעפּער. און עס דאַוונט זיך אַזוי גוט, אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, ווי נאָך קיין מאָל ניט פֿריער!

זיי זיינען נאָך ניט אויסגעשטאַנען שמונה-עשרה, אַז זיי האָבן דערזען פֿון דער ווייטן, אויפֿן גלאַנץ פֿונעם דניעפּער, פֿריער אַ שוואַרצן קנויל, וואָס באַקומט אויפֿן שיין פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון אַלע מאָל אַנדערע פֿאַרבן. דער דאָזיקער קנויל וואַקסט, ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, טוקט זיך, פֿאַרגייט און באַווייזט זיך ווידער אַ מאָל. דערנאָך האָבן זיי דערהערט אַ מאָדנעם גערויש און אַ גערודער, אַ קייקלען זיך פֿון רעדלעך און אַ קרעכץ פֿון אַ שטריק.

אויסגעשטאַנען שמונה-עשרה און צוגעלאָפֿן צום ברעג, דערזעען זיי אַ גראָבן שטריק וואָס ציט זיך איבער דער ברייט פֿון דניעפּער, צוגעקרעמפּעוועט צו אַ קלאָץ פֿון דער זייט וואַסער. און דער קנויל איז געוואַקסן און איז אויסגעוואַקסן אין אַ מין הילצערנע מגושמ-דיקע בריאה, אַ מין באַשעפעניש אינעם געשטאַלט פֿון אַ שטוב וואָס רירט זיך און שווימט אויפֿן וואַסער. אויבן, אויפֿן רוקן פֿונעם באַשעפעניש, געפֿינט זיך עפּעס אַ מין רעדל, וואָס דרייט זיך, און מיטן כוח פֿון אָט דעם רעדל רירט זיך אָט דאָס מגושמדיקע באַשע-פעניש איבערן וואַסער, פּאַמעלעך, נאָר זיכער, און אַלץ נעענטער און נעענטער צום ברעג, ביז מע קאָן שוין זען דאָס באַשעפעניש פֿון דער נאָענט און באַטראַכטן עס פֿון אַלע זייטן, אַז דאָס איז ניט קיין באַשעפעניש, ניט קיין לעבעדיקע זאַך, נאָר אַזאַ מין שיף. און אויף דער שיף שטייען פֿורן, פֿערד און מענטשן — און אָט דאָס איז געווען אייגנטלעך דער „פּאַראָם", וואָס חברה האָבן אַזוי לאַנג אויף אים אויסגעקוקט!

דער פּאַראָם גייט זייער פּאַוואָלינקע, קוים-קוים וואָס ער רירט זיך. די זון גייט שוין אַ סך גיכער פֿון אים. אָט איז זי נאָר וואָס געווען אין עק הימל, און אָט נידערט זי ווי באַרג-אַראָפּ, זעצט זיך

---

שמונה-עשרה — דער טייל פֿון דאַוונען ביי וועלכן מע מוז שטיין און האַלטן די פֿיס גלייך איינער ביים אַנדערן.
טוקן זיך — טונקען זיך.
צוקרעמפּעווען — פֿעסט צובינדן.
מגושמדיקע בריאה — גראָבע, אומגעלומפּערטע, גרויסע באַשעפעניש.

www.libtool.com.cn

און זינקט און ווערט פּאַרשוואונדן אויף יענער זייט טייך, לאָזט איבער נאָך זיך אַ ברייטן, רויטן פלעק. דאָס ווינטעלע ווערט קילער און קילער. די קינדער האָבן זיך דערווייל אַוועקגעזעצט אין זאַמד. דער עלטערער האָט דאָס קליינטשיקע וואָס איז אַ יאָר אַלט אויף די הענט גענומען. דאָס עופעלע איז געשלאָפן.

דער פּאַראָם האָט זיך אָפּגעשטעלט. די מענטשן מיט די פורן מיט די פערד זיינען פּאַמעלעך, איינציקווייז און שטיל, אָן ווערטער, אַראָפּ פון פּאַראָם, און שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה איז אַרויף אויפן פּאַראָם. פריער האָט ער אַרויפגעפירט דעם וואָגן מיט די פערדלעך, דערנאָך האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט צו זיינע יונגע פּאַרשווינדלעך, זיי זאָלן אַרויף אויפן פּאַראָם. נאָך אַ מינוט — און דער פּאַראָם, מיטן ווילן פון איין מענטשן, וואָס האָט זיך אָנגעלענט מיטן גאַנצן כוח איבערן גראָבן שטריק, איז אַוועק זיין וועג גאַנץ שטיל, אַזוי שטיל, אַז כמעט מען הערט גאָרניט ווי ער גייט. עס דאַכט זיך אויס אַז ניט דער פּאַראָם גייט אַהין, נאָר פּאַרקערט, דער טייך גייט צוריק, טרעט אָפּ. און ערשט דאָ זעט מען, ווי גרויס דער דניעפּער איז, ווי ברייט און ווי שיין! מע פאָרט און מע פאָרט — און מען איז נאָך ווייט פונעם צווייטן ברעג.

די לבנה איז אַרויס, פריער אַ רויטע, דערנאָך איז זי געוואָרן ווייס, אַ העל־ווייסע, אַ זילבערנע לבנה. איינציקווייז ווי שבת־ליכט־לעך האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן אינעם טיפן הימל. און דער דניעפּער האָט באַקומען אַן אַנדער פּאַרב מיט אַן אַנדער געשטאַלט, גלייך ווי ער וואָלט זיך איינגעהילט אין אַ טונקעלן מלבוש. און אַ נייע, פרישע, שטילע קילקייט האָט ער אַרוסגעגעבן פון זיך, אַ גלאַטע, גרינגע קילקייט. עס האָבן זיך געטראַכט טויזנטער, טויזנטער מחשבות...

שלום איז אַ בעלן געווען אָנצוקוקן דעם גויעץ פון דער נאָענט, ווי אַזוי ער אַרבעט ביים שטריק און טרייבט דעם פּאַראָם. און ער גייט צו נאָענט צום גויעץ. נאָך גאָר אַ יונגער גויעץ, אין גרויסע שטיוואַלעס. שלום קוקט זיך איין, ווי ער אַרבעט דאָס אויף אַלע כלים, מאַכט מיט דער פּלייצע אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אַזש די ביינער טרעשטשען!

און עס טוט ווײַ דאָס האַרץ אויפן דאָזיקן יונגן שייגעץ...

---

שטיוואַלעס — גרויסע שטיוול, אַ בייטעם פון פּאַראַכטונג דערביי.
אַרבעט אויף אַלע כלים — אַרבעט מיט אַלע כוחות.
טרעשטשען — קנאַקן, אַרויסגעבן אַ קלאַנג ווי ביים צעבראָכן ווערן.

און ער קוקט זיך איין אין אים אין פּנים אַ ביסל נעענטער — און . . . ער שפּרינגט אָפּ צוריק! עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אים קענטלעך. קענטלעכע אויגן!... און שלום פּוילט זיך ניט, גייט צו נאָך אַ מאָל, שוין גאָר נאָענט — ס'איז נאָך גאָר אַ יונגער שייגעץ, מיט אַ מוראדיק פאַרשוואַרצט, פאַרגרעבט פּנים, מיט מורא־דיק פאַרשוואַרצטע, פאַרגרעבטע הענט... נאָר למאי איז ער אים קענטלעך? וואו האָט ער אים געזען? ניט שוין זשע איז דאָס בערל דער אלמנהס מיט די מגושמדיקע גרויסע ציין? ניין, עס קאָן ניט זיין! עס דאַכט זיך אים נאָר אויס!... נאָר, רבונו־של־עולם! ס'איז דאָך פּאָרט ער!...

דאָס גויעצל, דערזען אַז מע קוקט זיך אין אים איין, האָט נאָך מער אָנגערוקט דאָס היטל, נאָר מן הצד געכאַפּט אַ קוק אויף דעם וואָס באַטראַכט אים אַזוי געשמאַק. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און — זיי האָבן זיך דער־קענט...

צוגיין צו אים, אויספרעגן זיך ביי אים — דערלאָזט אים עפּעס ניט, שלומען. ער דערמאָנט זיך, אַז מען האָט נאָך דעמאָלט געהאַט געזאָגט, אַז בערל האָט זיך געשמדט. עס פילט זיך אַ פרעמד־קייט, אַ דערווייטערטקייט, אַ קעלט און צו גלייכער צייט אַ רחמנות. אַ רחמנות אויף אַ יידן וואָס איז געוואָרן אַ גוי. צוליב וואָס?!

און דער „גויעץ" — גאָרנישט! ער זאָל אַפילו אַ ריר טאָן זיך. אַפּנים, ער קאָן ניט קוקן זיין חבר אין די אויגן אַריין. ער קוקט אַראָפּ, אין וואַסער אַריין, גלייך ווי מע זעט עפּעס דאָרטן... ער האָט נאָך מער אָנגערוקט דאָס היטל, באַשפּיגןביידע הענט און אַ נעם געגעבן זיך צו דער אַרבעט נאָך מיט מער פרישקייט, אָנגעלענט זיך מיט אַלע כוחות אויפן מוראדיק גראָבן שטריק.

דער שטריק האָט געקרעכצט. די רעדלעך האָבן זיך געקייקלט. דער פּאַראָם האָט זיך געגליטשט אַלץ ווייטער און ווייטער — מען איז געקומען צו פאָרן.

— „קריכט אין וואָגן!" — האָט דער שווייגעדיקער בעל־עגלה אויסגעקאָמאַנדעוועט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַרויסגעקייקלט מיטן וואָגן פונעם פּאַראָם, געגעבן אַ שמייס די פערדלעך און איז אַוועק, איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם דניעפּער מיטן פּאַראָם, מיטן גויעץ, וואָס איז נעבעך געווען אַמאָל אַ יידיש קינד, און היינט וואָס? נעבעך! נעבעך!...

---

מן הצד — פון אַ זייט.

# 26

www.libtool.com.cn

## אַ שײנער ברוך־הבאָ

אָנגעקומען קײן באָהוסלאַװ גלײך אױפֿן יאַריד. — זײ װײסן ניט װאָסער משה־יאָסע איז זײער זײדע. — די געלײמטע באָבע גיטל. — דער זײדע משה־יאָסע מיט דער בולבעװאַטער נאָז און געדיכטע ברעמען. — דער פֿעטער איצע און די מומע סאָסע.

עס איז שױן געװען גרױסער טאָג, אַז די יתומים זײנען אַרײַנגעפֿאָרן מידע, הונגעריקע און שלעפֿעריקע אין דער שטאָט באָהוסלאַװ. צו אַלעם ערשטן זײנען זײ דורכגעפֿאָרן פֿאַרבײַ אַ מוראדיק גרױסן בית־עולם, און פֿונעם בית־עולם איז מען אַרײַן גלײך אין אַ מאַרק װאו אַלץ איז אױסגעמישט אין אײנעם:

גױים, און פֿערד, און בהמות, און חזירים, און ציגײנער, און װעגן, און רעדער, און ײדן פֿון כל המינים: ײדן מיט פֿעלכלעך, ײדן מיט היטלען, ײדן מיט בולקעס, מיט אײער־בײגל, מיט קיכלעך, מיט עפּלקװאַס און מיט װאָס איר װילט. הײנט װײבער! װײבער מיט קאָשיקעס, װײבער מיט עפּלעך, און װײבער מיט עופֿות, און װײבער מיט געפּרעגלטע פֿיש, און גלאַט װײבער. און דאָס אַלץ רעדט און קװיטשעט און גראַגערט. און די פֿערד מיט די בהמות, מיט די חזירים העלפֿן אונטער. און די בעטלערס זינגען און שפּילן אויף דער לירע — מע קאָן טויב װערן. און אַ שטױב שטײט אַזעלכער אַז מע זעט קױם אײנס דאָס אַנדערע. און ריחות אַזעלכע אַז מע קאָן דערשטיקט װערן... חברה זײנען געקומען אין אַ גוטער צײַט — אין אַ מאַרקטאָג.

---

ברוך־הבא — די באַגריסונג פֿאַר אַ גאַסט, דער אױפֿנעם.
בולבעװאַטע — אַזױ װי אַ בולבע, װי אַ קאַרטאָפּל.
כל המינים — אַלע מינים, אַלע סאָרטן.
קאָשיק — קערבל, basket.
געפּרעגלט — fried.

www.libtool.com.cn

שמעון־וואָלף דער בעל־עגלה האָט געוואוסט, אַז מען האָט אים באַשטעלט, ער זאָל אָפּפֿירן זיינע יונגע פֿאַרשווינדלעך קיין באָהו־סלאַוו, צו זייערן אַ זיידן מיט אַ באַבע. מע האָט אים אַפֿילו געהאַט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם זיידן מיט דער באַבע, נאָר ער האָט שוין פֿאַרגעסן. ווייסט זיי דער שוואַרצער יאָר! שמעון־וואָלף האָט זיך געשוואָרן, אַז דעם גאַנצן וועג האָט ער זיי געדענקט, ווי איר זעט אים אַ יידן, און ווי נאָר ער איז אַריינגעפֿאָרן אין דעם דאָזיקן יאַריד, אַזוי זיינען זייערע נעמען אַרויסגעפֿלויגן ביי אים פֿון קאָפּ — אַ כאָלערע!... (אויף וועמען — זאָגט ער ניט).

דערווייל קומט צו אַ ייד, און נאָך אַ ייד, און נאָך אַ ייד, און נאָך צוויי יידן, און נאָך דריי יידן און ווייבער פֿון כל־המינים, ווייבער מיט קאָשיקעס און ווייבער אָן קאָשיקעס. און עס ווערט אַ האַרמידער מיט אַ ריידעריי. אַלע ריידן זיי אין איינעם און מע דערציילט איינס דאָס אַנדערע חידושים: אַז עפּעס קינדער האָט אַ בעל־עגלה געבראַכט צו פֿירן פֿון פּערעיאַסלאַוו צו זייערן אַ זיידן... וואָסער זיידן?... הערסטו אַז מע זאָל וויסן צו וואָסער זיידן, וואָלט דאָך גוט געווען!...

— שאַט! ווייסט איר וואָס? לאָז מען אַ פֿרעג טאָן די קינדער, ווי אַזוי הייסט דער זיידע זייערער; זיי קענען וויסן. — פֿון וואַנען זאָלן זיי וויסן? — פֿאַר וואָס זאָלן זיי ניט וויסן?... ביז עס קומט אַרויס איינער אַ ייד וואָס פֿאַרקויפֿט בייגל, מיט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשעק אויפֿן קאַשקעט. מיט ביידע עלנבויגנס שטופּט ער פֿונאַנדער דעם עולם:

— לאָזט מיך! איך וועל זיי פֿרעגן. קינדער! ווי אַזוי רופֿט מען אייער זיידן?

די קינדער זיינען פֿונעם האַרמידער מיטן געשריי שוין גאָר צעטומלט. נאָר פֿונדעסטוועגן דערמאָנען זיי זיך אַז ער הייסט משה־יאָסע. יאָ, משה־יאָסע הייסט ער.

— געוויס משה־יאָסע? — געוויס!... וואָסער משה־יאָסע? פֿאַראַן עטלעכע משה־יאָסעס: פֿאַראַן משה־יאָסע דער סטאָליער, משה־יאָסע דער בלעכער, משה־יאָסע לאה־דוואָסיעס און משה־יאָסע דעם האַמאַרניקס. נאָר פֿרעגט זיי עפּעס גרינגערס!

— שאַ, ווייסט איר וואָס? ווי אַזוי רופֿט מען אייער טאַטן? — דאָס זאָגט שוין אַן אַנדער ייד, ניט יענער פֿון די בייגל, נאָר אַ ייד

קערן וויסן — דאַרפֿן וויסן.
דאַשעק — visor.
קאַשקעט — היטל, cap.

www.libtool.com.cn

מיט אַ טלית־קטן, ווייזט אויס — אַ בית־מדרש־ייד. די קינדער זאָגן, אַז זייער טאַטן רופט מען נחום. דערהערט אַזאַ זאַך, שטופּט דער ייד מיטן טלית־קטן אַוועק אַלע אַנדערע יידן און נעמט די קינדער גאָר אויף אַן אמתן פאַרהער:

— אייער טאַטן, זאָגט איר, רופט מען נחום? הייסט ער ניט ראַבינאָוויטש?

— ראַבינאָוויטש.

און אייער מאַמע האָט געהייסן חיה־אסתר?

— חיה־אסתר.

— איז זי געשטאָרבן?

— געשטאָרבן.

— פון דער כאָלערע?

— פון דער כאָלערע.

— אָט אַזוי זשע רעדט!

דער ייד מיטן טלית־קטן דרייט זיך אויס צום גאַנצן עולם. דאָס פּנים שיינט אים.

— אויב אַזוי, פּרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגן אַקוראַט! זייער זיידע איז משה־יאָסע דעם האָמאַרניקס, זייער באָבע איז גיטל משה־יאָסע דעם האָמאַרניקס. זייער זיידע, משה־יאָסע, הייסט עס, ווייסט שוין, אַז זיין טאָכטער חיה־אסתר איז געשטאָרבן פון דער כאָלערע, ניט דאָ געדאַכט. און זייער באָבע, גיטל משה־יאָסעם, ווייסט נאָך ניט. מע וויל איר ניט אָנזאָגן די בשורה: אַן אַלטע יידענע, אַ קאַליקע נעבעך.

דער ייד מיטן טלית־קטן דרייט זיך אויס צו די קינדער מיטן זעלבן שיינענדיקן פּנים:

— קריכט אַראָפּ, קינדער, פון וואָגן, וועט מען אייך ווייזן וואו אייער זיידע זיצט. צופאָרן אַהין קאָן מען ניט — אַ צו שמאָל געסל.

און דער ייד מיטן טלית־קטן און מיטן שיינענדיקן פּנים לאָזט זיך מיט די יונגע יתומים פונעם יאַריד אַרויס צו פוס, צו זייער זיידן משה־יאָסע און צו זייער באָבע גיטל...

די פּערעיאַסלאַווער יתומים האָבן געהאַט דאָס רעכט זיך פאַר־צושטעלן דעם זיידן משה־יאָסעס שטוב — אַ מין פּאַלאַץ. אַ קליי־ניקייט, מע זאָגט אַזוי רייך, אַזוי רייך! צום סוף האָט זיי דער

---

בית־מדרש־ייד — אַ ייד וואָס זיצט אין בית־מדרש, אַ לערנער.

www.libtool.com.cn

בית־מדרש־ייִד מיטן שיינענדיקן פּנים צוגעפּילט צו אַ גאַנץ גע־וויינלעכן שטיבל, טאַקע מיט אַ גלעזערנעם גאַניק, און האָט זיי אַ זאָג געגעבן: „אָט אַ דאָ זיצט אייער זיידע, משה־יאָסע האַמאַרניקס". אַליין איז דער ייִד נעלם געוואָרן. ער האָט נישט געוואָלט זיין דערביי.

די קינדער האָבן דורכגעשפּאַצירט דעם גלעזערנעם גאַניק, געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך אַקוראַט אַקעגן דער טיר, אויף אַ הילצערנעם בעט, זיצן אַ מענטשן ניט קיין מענטשן, אַ באַשע־פעניש ניט קיין באַשעפעניש, אינעם געשטאַלט פון אַ נקבה, אָן פּנים, מיט עפּעס מאָדנע אויסגעדרייטע הענט. די ערשטע מינוט האָבן זיי געוואָלט גיין צוריק. נאָר דאָס באַשעפעניש האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין זיי מיט אירע גלאַנצעדיקע רויטע אויגן און האָט מיט אַ זייער אָנגענעמען קול אַ פרעג געטאָן ביי זיי: „ווער זייט איר, קינדער?" עפּעס אייגנס, נאָענטס, האָט זיך געלאָזט הערן אין דעם קול. און די קינדער האָבן איר אַ זאָג געגעבן: „אַ גוט מאָרגן. מיר זיינען פון פּערעיאַסלאַוו".

דערהערט דאָס וואָרט „פּערעיאַסלאַוו" און דערזען אַ גאַנץ רומל מיט קינדער, צווישן זיי אַ מיידעלע נאָך קיין יאָר ניט אַלט, האָט די אַלטע באַלד אַרומגעכאַפּט די גאַנצע טראַגעדיע, און זי האָט פאַרבראָכן מיט אירע אויסגעדרייטע הענט און אויסגעשריען אויף אַ קול:

— אוי, אַ ווייטאָג איז מיר! אוי, אַ דונער איז מיר! מיין חיה־אסתר איז געשטאָרבן! — און גענומען זיך שלאָגן מיט די הענט אין קאָפּ — משה־יאָסע! משה־יאָסע! וואו ביסטו? אהער גיי! משה־יאָסע!

אויף איר געשריי איז געקומען צו לויפן פון אַ זייטיק אַלקערל אָן אַלטער, אַ נידעריקער, אין טלית און תפילין, מיט אַ משונה מגושמדיקן פּנים, מיט אַ ברייטער, בולבעוואַטער נאָז, מיט מוראדיק גרויסע געדיכטע ברעמען, אָנגעטאָן אין שמאַטעס און אין שקראַ־בעס. — „אָט דאָס איז דער זיידע משה־יאָסע? אָט דער איז דאָס אַזוי רייך? אַזוי רייך?" . . .

דאָס ערשטע וואָס דער זיידע משה־יאָסע האָט געטאָן — ער

---

נעלם געוואָרן — פאַרשוואונדן.
נקבה — פרוי.
רומל — פּאַק, פאַרשיידענע אַרטיקלען, געמיש פון פאַרשיידענע סחורות.
שקראַבעס — שטעקשיך, אַלטע שיך.

www.libtool.com.cn

האָט גענומען שרייען אויף די קינדער, בייזערן זיך און מאַכן אויף זיי מיט די הענט. און מחמת ער האָט געהאַלטן אין מיטן דאַוונען און נישט געטאָרט מפסיק זיין, האָט ער גערעדט צו זיי אויף לשון-קודש: אוי-אָ-נו, רוצחים, גזלנים!״ . . . און צו דער אַלטער האָט ער געזאָגט אויף לשון-קודש, אַז ער ווייסט אַז די טאָכטער איז געשטאָרבן, און דער גאָט וואָס האָט געגעבן — דער אייגענער גאָט האָט גענומען . . .

האָט דאָס אָבער די אַלטע ווינציק וואָס באַרואיקט, און זי האָט נית אויפגעהערט צו וויינען און צו קלאָגן און צו שלאָגן זיך מיט די הענט אין קאָפּ און צו שרייען: „חיה-אסתר! מיין חיה-אסתר איז געשטאָרבן!״ —

ביז עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן נאָך מענטשן, עפּעס איינער אַ ייד מיט אַזעלכע לאַנגע פּאות, וואָס די קינדער האָבן אַזעלכע אין פּערעיאַסלאַוו נישט באַגעגענט. דאָס איז געווען זייער מאַמעס איינציקער ברודער, דער פעטער איצע. נאָכן פעטער איצע איז אַריינגעלאָפן אַ יידענע מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ האַנטעך פון קיך. דאָס איז געווען זיין ווייב, די מומע סאָסע. און מיט איר איז אַריינגעקומען אַ מיידעלע מיט רויטע בעקלעך און מיט קליינע ליפּעלעך, זייער בת-יחידקע, אַ שייניקנע, נאָר אַ שעמעוודיקע, מיטן נאָמען חוה-ליבע. און אַחוץ זיי זיינען זיך צונויפגעלאָפן נאָך יידן און ווייבער, נאָענטע שכנים. און אַלע מיט אַ מאָל האָבן גענומען ריידן, טרייסטן די באַבע גיטל מיט ווערטער: אַז ווי באַלד די טאָכטער איז שוין טויט, היינט וואָס וועט העלפן דאָס געוויין? און דאָס וואָס די ערד דעקט צו איז דאָך פאַרפאַלן.

און די יונגע געסט האָט מען אַחוץ גענומען זאָגן מוסר, אַז מע קומט נית אַריין אָט אַזוי, אַז מע זאָגט נית אָן יענעם גלייך אַזאַ בשורה, כאָטש גאָט ווייסט דעם אמת, אַז די קינדער האָבן אייגנטלעך גאָרנית אָנגעהויבן צו „זאָגן״.

דערווייל האָט דער זיידע משה-יאָסע אויסגעטאָן דעם טלית און תפילין און האָט פון זיין זייט גענומען פאַרהאַלטן די אייניקלעך, למאַי זיי זיינען נישט אַריינגעקומען פריער צו אים, זיי וואָלטן באַדאַרפט מיט אים פּאַוואָלינקע איבעררעדן, וואָלט ער, דער זיידע הייסט עס, פּאַוואָלינקע איבערגערעדט מיט דער באַבע, זי צוגע-

---

מפסיק זיין — איבעררייסן דאָס לערנען אָדער דאָס דאַוונען.
למאַי — פאַר וואָס.

www.libtool.com.cn

גרייט ביסלעכווייז, ניט אַזוי, הענדום־פּענדום! אַזוי טוען פּרא־אדמס, ניט קיין מענטשן...

דאָס האָט שוין אַפּנים די באַבע גיטל נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, און ווי ווייט דער בראָך איז ניט געווען פאַר איר גרויס, איז זי אָנגעפאַלן אויפן זיידן:

— אַלטער נאַר! וואָס האָסטו צו די קינדער נעבעך? וואָס זיינען זיי שולדיק? פון וואַנען זאָלן זיי דיר וויסן, אַז דו ליגסט דאָרטן ערגעץ אויף די פּעלצן און דאַוונסט? אַ שיינער ברוך־הבא! קומט אַהער, קינדערלעך, צו מיר. ווי אַזוי רופט מען אייך?

און איינציקווייז האָט זי צוגערופן צו זיך די קינדער, און איינציקווייז האָט זי זיי אויסגעפרעגט ביי די נעמען, געגלעט און געקושט און באַנעצט מיט אירע געזאַלצענע טרערן, באַוויינט שוין ניט נאָר איר טאָכטער, נאָר די קליינע יתומימלעך נעבעך...

זי האָט זיך געשוואָרן, אַז זי האָט כמעט געוואוסט, אַזוי זיכער ווי ס׳איז היינט טאָג אויף דער גאַנצער וועלט, אַז איר חיה־אסתר איז געשטאָרבן, וואָרעם ס׳איז שוין עטלעכע נעכט, אַז זי קומט צו איר צו חלום און פרעגט זיך אַלץ נאָך אויף אירע קינדער, זי זאָל איר זאָגן, ווי געפעלן איר אירע קינדער?...

— לאָז מען זיי געבן עפּעס עסן. משה־יאָסע, וואָס שטייסטו ווי אַ נעכטיקער? זעסט דאָך, אַלטער נאַר, אַז די קינדער זיינען נעבעך פאַרשמאַכט, אויסגעהונגערט און ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. ווינד איז מיר — אַבי ער זאָגט זיי מוסר! אַ שיינער זיידע! אַ שיינער ברוך־הבא!...

---

פּרא־אדם — ווילדער מענטש, ווילדער.
ווי אַ נעכטיקער — אַ צעטראָגענער, אַ פאַרחלומטער.

# 27

www.libtool.com.cn

## צווישן פּעלצן

דעם זיידנס חדר מיוחד. — זיין מוסר זאָגן, זיינע ספרים און זיין צדקה. — אַ מעשה פון פּאַרצייטן. — ווי אַזוי יידן האָבן אַמאָל געלעבט צווישן פּריצים — אַ טראַגעדיע פון אַן אָרעמען רענדאַר.

אז די אייניקלעך האָבן אָפּגעדאַוונט און אָפּגעגעסן, האָט דער זיידע משה־יאָסע זיי פאַרהערט. פאַר־געקומען איז דער עקזאַמען טאַקע ביי אים, אין זיין חדר מיוחד, וואוהין קיין מענטש האָט נישט געטאָרט אַריינקומען. נישט געטאָרט און נישט געקאָנט, וואָרעם ס'איז ניט געווען וואו.

דאָס איז געווען אַ חדרל אַ ביסל גרעסער פון אַ שטייג וואו מען האַלט עופות. אין דער דאָזיקער שטייג האָט זיך געפונען — ערשטנס, דער זיידע, דערנאָך — זיינע ספרים, און חוץ דעם זיינען דאָרטן געווען משכנות. זילבערנע לעפל, טעצלעך, לעמפּ־לעך, קופּערנע פּאַנען, סאַמאָווארן, יידישע קאַפּאָטעס, גויאישע קאַרעלן, פּעלצן, דערהויפּט פּעלצן, אָן אַ שיעור פּעלצן!

דאָס איז געווען אַ מין לאָמבאַרד, געפירט פון דער באַבע גיטל שוין פון יאָרן לאַנג. זיצנדיק אַ געליימטע אין בעט, האָט זי געפירט דאָס געשעפט, געהאַלטן דאָס ביסל מזומן ביי זיך אונטער די קישנס, נישט צוגעלאָזט צו דער קאַסע קיינעם. נאָר אויף די משכנות האָט געוועלטיקט דער זיידע. צונעמען אַ משכון און אַרויס־געבן אַ משכון — דאָס איז געווען זיין אַרבעט.

דער זיידע משה־יאָסע איז עפּעס נישט אַבי־ווער! אַ ייד וואָס אָדער ער לערנט, אָדער ער דאַוונט. היינט פאַסט ער אַלע תעניתים און אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, און קיין שטיקל פלייש קומט

---

חדר מיוחד — באַזונדערער חדר, באַזונדער צימער.
רענדאַר — אַרענדאַר, פּאַרמער, פּאַקטער, פּאַכטער.
קאַרעלן — beads.

www.libtool.com.cn

גלאַט ניט אַריין אין מויל אַריין צו אים אַ גאַנצע וואָך, חוץ שבת און יום-טוב. אין שול קומט ער פריער פון אַלעמען און גייט אַרויס שפּעטער פון אַלעמען. מאַכט קידוש דעמאָלט, ווען אַלע יידן שלאָפן שוין. וואָרטשעט זי טאַקע, די באָבע גיטל, און בייזערט זיך. מילא, פאַר זיך אַרט איר שוין ניט — זי איז שוין געוויינט געוואָרן צו הונגערן. אָבער אויף די קינדער נעבעך, אויף די יתומים, איז אַ רחמנות!

פון אַלע קינדער די יתומים האָט דער זיידע משה-יאָסע ליב געקראָגן נאָר איינעם — שלומען. טאַקע אַ שקאָץ, אַ יינגל אַ ברען, דערפאַר אָבער אַ גוט קעפּל. פון אים וואָלט געקאָנט זיין אַ לייט, ער זאָל נאָר אַ ביסל מער וועלן זיצן מיטן זיידן אין זיין חדר מיוחד און ניט האָבן קיין טבע לויפן מיט באָהוסלאַווער יינגלעך צום טייך וואו מע כאַפּט פיש, אָדער אין וואַלד אַריין טרייסלען באַרלעך, אָדער נאָך אַזעלכע קונדסערייען.

עס זיינען געווען מינוטן, וואָס דער זיידע משה-יאָסע איז אים געווען צום הארצן, ליב און טייער. איין מאָל האָט ער אים געטראָפן, זיצנדיק מיטן טלית-זאַק אונטער דער האַנט ביי דער באָבע אין בעט. ער האָט איר עפּעס שטאַרק געחנפעט, גערעדט שטילערהייט, געדונגען זיך און געבעטן ביי איר נאָך געלט, און זי האָט נישט גע־וואָלט געבן מער. דאָס האָט ער זיך געדונגען ניט פאַר זיך — פאַר צדקה, פאַר זיינע אָרעמע חסידים, און זי האָט געטענהט איינם: מע דאַרף ניט, זי האָט אירע אייגענע יתומים — אויף זיי איז מער רחמנות...

נאָך איין מאָל האָט ער געטראָפן דעם זיידן זיצן ביי זיך אין חדר מיוחד, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, די אויגן צוגעמאַכט. און אַז דער זיידע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבן ביי אים די אויגן געשיינט און געלויכטן. זיין מגושמדיק פּנים האָט אויסגעזען שוין נישט אַזוי מגושמדיק, און ער האָט גערעדט מיט אַ שמייכל אויף די מוראַדיק גרויסע געדיכטע וואָנצעס:

— קום, אַהער, מיין קינד, זיץ אַ ביסל, ווילן מיר שמועסן פון משיחן — וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען...

און דער זיידע משה-יאָסע האָט גענומען דערציילן פאַר זיין איי־ניקל, וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען, מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזוי פיל היץ און מיט אַזעלכע פלאַמעדיקע פאַרבן, אַז דעם אייניקל

---

וואָרטשען — בורטשען, זאָגן עפּעס אומצופרידענערהייט און ניט הויך.
התלהבות — ברען, היץ, באַגייסטערונג.

www.libtool.com.cn

האָט זיך ניט געוואָלט אָפּטרעטן פונעם ייִדן. ניט ווילנדיק איז אים געקומען אויפן זינען זיין ערשטער און זיין בעסטער חבר שמואליק. דער חילוק צווישן די צוויי איז געווען דער, וואָס שמואליק האָט גע־רעדט פון אוצרות, מכשפים, פרינצן און פּרינצעסינס — אַלץ פון אַזעל־כע זאַכן וואָס זיינען שייך צו ד ע ר וועלט; און דער ייִדע משה־יאָסע האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין גאַנצן אַהין אויף י ע נ ע ר וועלט, דאָרטן, צווישן סאַמע צדיקים און מלאכים, גאָר־גאָר נאָענט שוין טאָקע צו א י ם אַליין, צום הקדוש־ברוך־הוא. . . דאָרטן זיינען געווען דער שור־הבר מיטן לויתן, און דער טייערסטער בוימל, און דער טייערסטער וויין, און צדיקים זיצן און לערנען און האָבן הנאה פון יענער ליכטיקייט וואָס גאָט האָט איבערגעלאָזט אויף לעתיד־לבא. . .

און דער ייִדע משה־יאָסע הייבט אָן זינגען אויף אַ קול, צוקנאַקן מיט די פינגער, און די אויגן פאַרגלאָנצט ער ארויף, און דאָס פּנים לויכט אים, און אַליין איז ער דאָרטן ערגעץ ווייט־ווייט, אויף י ע נ ע ר וועלט, אויף י ע נ ע ר וועלט! . . .

מע באַדאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דער ייִדע משה־יאָסע איז אַלע מאָל געווען נאָר אויף יענער וועלט, און אַז ער האָט ניט געהאַט פאַר זיינע אייניקלעך צו דערציילן גאָר נישט פון ד ע ר וועלט. אָ! ער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן פון אַמאָליקע ייִדן, אַמאָ־ליקע חסידים און אַמאָליקע פּריצים להבדיל, ווי זיי האָבן זיך באַ־גאַנגען מיט די ייִדן.

איין מעשה אַזעלכע וואָס ער האָט דערציילט פאַר זיינע איי־ניקלעך, אַ מעשה ווי אַ ייִד איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, גע־דענקט זיך גאַנץ באַזונדער:

די מעשה האָט זיך געטראָפן שוין לאַנג, נאָך פאַר זיין ייִדן עליו השלום, דעם אַלטן האַמאַרניק. פאַר וואָס האָט מען אים גע־רופן „האַמאַרניק”? ווייל האַמאַרני האָט געהייסן דאָס דאָרף וואו ער איז געזעסן, געהאַלטן אַ מיל אין דער אַרענדע. אין דעם זעלבן דאָרף איז געזעסן נאָך אַ ייִד, מיטן נאָמען נח, געהאַלטן די קרעטשמע.

געווען איז דער נח אַ פּשוטער ייִד, נאָר אַ גרויסער ירא־שמים, טאָג ווי נאַכט געדאַוונט און געזאָגט תהלים. די גאַנצע טוערין איז

---

הקדוש־ברוך־הוא — „דער הייליקער — געבענטשט איז ער”, גאָט.
לעתיד לבא — פאַר דער צוקונפט, ווען משיח וועט קומען.
עליו השלום — „שלום איבער אים”;ביים דערמאָנען אַ טויטן.

געווען זי. זיין עובדא איז געווען נאָך צאָלן ראַטע איז הויף און דינגען די קרעטשמע פון איין יאָר אויפן אַנדערן. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט אים עמעצער אויסדינגען די קרעטשמע, ווארעם בעלנים זיינען געווען אַ סך, כאָטש פּרנסה האָט ער געהאַט פון דער קרעטשמע קוים-קוים דורכצוקומען, געווען אַ בעל־מטופּל מיט קינדער.

קומט ער צו גיין איין מאָל צום פּריץ דינגען די אַרענדע און טרעפט אַ גוזמא געסט, אַ גאַנצע סעודה. נאָך דער סעודה קלייבט מען זיך אויף געיעג. עס שטייען שוין צוגעגרייט פערד און הינט פון כל המינים, און די יעגערם מיט די גרויסע פעדערן און מיט די פייפלעך, — אַלצדינג הייסט עס פּאַרטיק אַרום און אַרום.

„נישט געטראָפן די גוטע צייט, — טראַכט זיך נח — דער פּריץ וועט נישט וועלן ריידן איצט פון דער אַרענדע". צום סוף האָט ער אַ טעות געהאַט. אויפגעשטאַנען מיט די געסט פון טיש און געוואָלט זיך שוין אַרויפזעצן אויף די פערד, האָט דער פּריץ דערזען דעם יידן שטיין איינגעבויגן ביי אַ זייט, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן.

מאַכט ער צו אים מיט אַ פריילעך פּנים: — „וואָס מאַכט אַ ייד אַ רענדאַר?"

זאָגט אים נח: „אדוני פּריץ, איך בין געקומען וועגן דער קרעטשמע".

צעלאַכט ער זיך, דער פּריץ, ער איז געווען שטאַרק אונטערן גלעזל, און רופט זיך אָן צו אים: „אויף וויפל יאָר ווילסטו דען די קרעטשמע?"

זאָגט ער צו אים: „וועלן וואָלט איך געוואָלט אויף עטלעכע יאָר. נאָר אַזוי ווי דער מנהג איז ביי דיר"...

לאָזט אים דער פּריץ ניט אויסריידן און מאַכט צו אים: „איצטיקס מאָל גיב איך דיר אָפּ די קרעטשמע אויף דעם אייגענעם מקח, וואָס אויף אַלע מאָל, אויף אַ צייט פון צען יאָר. נאָר מיט איין תנאי: זאָלסט מיר זיין אַ פויגל".

קוקט אים אָן דער ייד: „וואָס הייסט, איך זאָל דיר זיין אַ פויגל?"

ענטפערט אים דער פּריץ: „גאַנץ פּשוט. דו דאַרפסט אַרויף

---

ראַטע — איינצאָלונג אין אַ טערמין, instalment.
בעל־מטופּל — באַלאָדן מיט קינדער, עמעצער וואָס האָט אַ סך קינדער.
אַ גוזמא געסט — זייער אַ סך געסט.
מקח — פּרייז.
תנאי — term, condition.

www.libtool.com.cn

אויפן דאַך פון אָט דער שטאַל. זעסטו? דאַרטן דאַרפסטו זיך פאַרשטעלן פאַר אַ פויגל, און איך וועל זיך צילן אין דיר און פּרואוון טרעפן גלייך אין קאָפּ אַריין. האָסטו עס צעקייט?"

ווערט אַ געלעכטער צווישן די פּריצים, און דער ייד כלומרשט לאַכט אויך. ער טראַכט זיך: דער פּריץ טרייבט קאַטאָוועס, געווינטמען אַן איבעריק ביסל ווייַן.

„נו?" — פרעגט אים דער פּריץ — „איז דאָס געמאַכט?"

טראַכט זיך נח: וואָס ענטפערט מען אים דערויף? און טוט אים אַ פרעג אויף טשיקאַוועס: „וויפל צייט גיסטו אויף צו באַטראַכטן זיך?"

זאָגט אים דער פּריץ גאַנץ ערנסט: „איין מינוט, מער ניט. די ברירה איז ביי דיר: אָדער דו קריכסט אַרויף אויפן דאַך און פאַרשטעלסט זיך פאַר אַ פויגל, אָדער מאָרגעדיקן טאָג ווערסטו אַרויסגעוואָרפן פון דער קרעטשמע".

וואָס טוט מען? מיט אַ פּריץ שפּילט מען זיך ניט. ובפרט אַז יענער הייסט שוין טראָגן לייטערס — אַפנים ס'איז גאָרניט קיין קאַטאָוועס? רופט ער זיך אָן נאָך אַ מאָל צום פּריץ: „און וואָס וועט זיין, טאָמער חלילה טרעפסטו טאַקע?"

ווערט נאָך אַ גרעסערער געלעכטער צווישן די פּריצים, און נח בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. ער ווייסט ניט, צי דער פּריץ מאַכט חוזק, צי ער מיינט דאָס מיט אַן אמת? זעען זעט עס אויס ווי אַן אמת, וואָרעם מע הייסט אים די רגע קריכן אויפן דאַך אָדער גיין אַהיים אָפּריימען די קרעטשמע. וויל ער שוין גיין אַהיים. דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַ בעל-מטופל מיט קינדער. הייבט ער אָן זיך בעטן ביים פּריץ, ער זאָל אים געבן כאָטש עטלעכע מינוט אויף אָפּצוזאָגן ווידוי.

זאָגט דער פּריץ: „איך גיב דיר נאָך איין מינוט אויף זאָגן ווידוי".

איין מינוט? וואָס קאָן אַ ייד זאָגן אין איין מינוט אַ חוץ „שמע ישראל"? ובפרט אַז מע שטופּט אים שוין אַרויף אויפן לייטער.

---

שטאַל — stable.
תנאי — באַדינג, term, condition.
ברירה — אויסקלייב, פרייער ווילן.
ווידוי — די תפילה וואָס ווערט געזאָגט פאַרן שטאַרבן.
שמע-ישראל — די ערשטע צוויי ווערטער פון דעם אויסרוף מיט וועלכן יידן גייען אויף קידוש-השם: שמע ישראל יהוה אליהנו יהוה אחד — „הער, ישראל, יהוה איז אונדזער גאָט, יהוה איז איינער".

www.libtool.com.cn

זאָגט ער „שמע ישראל" און נעמט קריכן אויפֿן לייטער. און טרערן גיסן זיך אים. וואָס זאָל ער טאָן? אַ גזירה מן השמים. אַ בעל־מטופּל מיט קינדער. מסתמא איז אים באַשערט אומצוקומען אויף קידוש־השם. און אפשר וועט נאָך גאָט רחמנות האָבן און טאָן אַ נס? דער אייבערשטער אַז ער וויל — קאָן ער!

אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן שפּיץ דאַך, הערט ער נישט אויף צו לייענען קריאת־שמע שטילערהייט און צו וויינען, גיסן מיט טרערן, און נאָך אַלץ ניט פֿאַרלאָרן אין גאַנצן דעם בטחון אין גאָט, טאָמער וועט דער אייבערשטער פֿאָרט רחמנות האָבן. אַז דער אייבערשטער וויל — קאָן ער!

דער פּריץ דערווייל האָט קיין צייט ניט. הייסט ער אים ער זאָל שטיין גלייך — שטייט ער גלייך. דערנאָך הייסט ער אים ער זאָל זיך אָנבייגן — בייגט ער זיך אָן. ער זאָל צענעמען די הענט — צענעמט ער די הענט. ער זאָל אויסזען ווי אַ פֿויגל — זעט ער אויס ווי אַ פֿויגל . . . און דער פּריץ — צי ער האָט טאַקע געמיינט אויף אַן אמת, אָדער ער האָט נאָר געטריבן קאַטאָוועס, און דער אייבער־שטער האָט געמאַכט אַזוי, ס'זאָל אויסקומען אויף אַן אמת — ער האָט אויסגעשאָסן און געטראָפֿן נחן גלייך אין שטערן אַריין.

און נח איז אומגעפֿאַלן ווי אַ געשאָסענער פֿויגל און האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַראָפּ פֿונעם דאַך. און נאָך דעם אייגענעם טאָג האָט מען אים געבראַכט צו קבר־ישראל.

דער פּריץ האָט אָבער געהאַלטן וואָרט. צען יאָר כסדר האָט ער נישט געריהרט די אלמנה פֿון דער קרעטשמע, וויפֿל מע זאָל אים ניט מוסיף זיין אויף דער אַרענדע — אַמאָליקע פּריצים!

---

גזירה מן השמים — אַ גזירה פֿון הימל.
קידוש־השם — „הייליקונג פֿון גאָטס נאָמען", דאָס אָפּגעבן דאָס לעבן פֿאַרן גלויבן.
אומקומען אויף קידוש־השם — שטאַרבן אין נאָמען פֿון גלויבן.
געבראַכט צו קבר ישראל — באַגראָבן אויף אַ יידישן בית־עולם, באַגראָבן נאָך די יידישע דינים.
מוסיף זיין — צולייגן.

www.libtool.com.cn

# 28

# ימים נוראים און סוכות

די באָהוסלאַווער אַלטע קלויז. — די באַבע גיטל שלאָגט מיט די אייניקלעך כפרות. — דער זיידע בענטשט זיי ערב יום־כיפור און זיינע אויגן זיינען נאַס. — אַ בשותפותדיקע סוכה. — דער זיידע דאַוונט און די קינדער ווילן עסן. — שמחת־תורה.

די באָהוסלאַווער אַלטע קלויז האָט געהאַט אין זיך אַזאַ כוח, אַז די פּערעיאַסלאַווער יתומים, ווי מע האָט זיי דאָרט גערופן, האָבן זיך צוגעבונדן צו איר, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָרט געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן. אַלצדינג האָט ביי זיי אויסגעזען מוראדיק גרויס און שיין און הייליק.

אויב די באָהוסלאַווער אַלטע קלויז האָט אויסגעזען ביי די פּערעיאַסלאַווער יתומים אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר ווי אַ שטיק בית־המקדש, איז זי צו ימים־נוראים, צו ראש־השנה און יום־כיפור, געוואָרן פאַר זיי טאַקע אַ גאַנצער בית־המקדש. זיי האָבן נאָך קיין מאָל אַזוי פיל יידן ניט געזען און האָבן נאָך קיין מאָל אַזאַ דאַוונען ניט געהערט. דאָס איז געווען אַ מישמאַש פון אַלערליי מינים חסידים וואָס האָבן ביים דאַוונען איינגעלייגט די וועלט: געפּאַטשט מיט די הענט, געקנאַקט מיט די פינגער און געזונגען מאָדנע ניגונים, געברומט און געבאָמקעט.

נאָר שענער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס דער זיידע משה־יאָסע האָט מיט זיין דאַוונען איבערגעשטיגן אַלע דאַוונער פון דער אַלטער קלויז. ער האָט זיך פאַרגונען בלייבן אין קלויז שבת און יום־טוב לאַנג־לאַנג נאָך אַלעמען. דער פעטער איצע, וואָס האָט געוואוינט אין דער אַנדער האַלבער שטוב, האָט שוין געהאַלטן אין עסן; פון אויוון האָט זיך געלאָזט הערן אַ ריח פון געפילטע פיש און יום־טובדיקע מאכלים; עס האָט געקלעמט דאָס האַרץ און

---

באָמקען — מאַכן באָם-באָם, צווינגען.

www.libtool.com.cn

אַזש דערלאַנגט ביזן לעפּעלע, — און דער זיידע האָט נאָך אַלץ געדאַוונט, געזונגען און געבאָמקעט. די באַבע גיטל האָט עטלעכע מאָל בשתיקה אונטערגערוקט די אייניקלעך, חיה־אסתרס קינדער, צו שטיקלעך לעקעך, ס'זאָל זיי ניט איבערחלשן דאָס האַרץ און אַ זאָג געגעבן צו זיי מיט אַ געלעכטער: „איר וועט שוין געדענקען, ווי איר האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צווישן משוגעים"...

דער פעטער איצע דערווייל האָט שוין אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער אַנדער האַלבער שטוב: „נישטאָ דער טאַטע? כאַ־כאַ!" לאַ־די ער האָט אָפּגעגעסן, לאַכט ער נאָך! ... קוים מיט צרות, גאָט האָט רחמנות געהאַט — דער זיידע איז שוין דאָ! אַרײַנגעפלויגן איז ער מיט אַ ברייטן גוט יום־טוב, און גלייך צום קידוש מאַכן, אָבער מיט אַזעלכע קולות, אַז די גאַנצע גאַס האָט געמוזט הערן. און נאָך דעם האָט ער מיט איין האַנט געגעסן און מיט דער אַנדערער געמישט עפּעס אַן אַלטן ספר; מיט איין אויג אַרײַנגעקוקט אַהין און מיטן אַנדערן אויג געכאַפּט אַ קוק אויף די אייניקלעך און געזיפצט, שטאַרק געזיפצט.

דאָס זיפצן איז טאַקע געווען אויף די אייניקלעך די יתומים, וואָס האָבן אין זינען די אכילה, גיבן נאָך דעם יצר־הרע... נאָכן עסן האָט ער זיי דאָס פאַרגעהאַלטן, געזאָגט אַ היפּש ביסל מוסר, ס'זאָל זיי אויספאַלן באָקאָם דער פרישער קוילעטש מיט די געפילטע פיש, מיטן זיסן צימעס, מיט אַלע איבעריקע יום־טובדיקע מאכלים, וואָס די באַבע גיטל האָט, ליגנדיק אין בעט אַ געליימטע, נאָר מיט איר שכל געקאָנט צוגרייטן אַזוי גוט.

דאָס איז געווען ראש־השנה. ערב יום־כיפור איז געווען נאָך שענער. דער ערב יום־כיפור האָט זיך אויסגעפּיינט אין באַהוסלאַוו ביים זיידן משה־יאָסע מיט צוויי זעלטענע צערעמאָניעס, וואָס האָבן געמאַכט אויף די יתומים אַ באַזונדערן איינדרוק.

די ערשטע צערעמאָניע איז געווען דאָס שלאָגן כפרות. די באַבע גיטל האָט גענומען די דאָזיקע מצווה אויף זיך. זיצנדיק אַ געליימטע אין בעט, האָט זי צוגערופן די גאַנצע כאַליאַסטרע צו זיך, געגעבן יעדערן זיין כפּרה, די ייִנגלעך צו הענער און די מיידלעך

---

אַזש דערלאַנגט ביזן לעפּעלע — נעחלשט דאָס האַרץ.
בשתיקה — אין דער שטיל, אין געהיים.
לאַ־די — נאָך ווייניק וואָס.
אויספאַלן באָקאָם — ניט באַקומען, אויסקרענקען.

צו הינער, געעפּנט איר גרויסן סידור און אַנגעוויזן מיט אירע
אויסגעדרייטע פינגער אויפן „בני אָדם". די עלטערע האָבן דעם
„בני אָדם" געזאָגט אַליין, און מיט די קלענערע, מיט די מיידלעך,
האָט די באָבע געזאָגט „בני אָדם" וואָרט ביי וואָרט און הויך אויף אַ
קול, און געוויינט בעת מעשה אַזוי, ווי מע קאָן וויינען סיידן נאָר
אויף אַ טויטן.

און ווער שמועסט אַז ס'איז געקומען צו דער יינגסטער פון די
יתומהלעך, צום מיידעלע וואָס איז אַלט קוים אַ יאָר, האָט די
באָבע שיר געחלשט פאַר געוויין! אויף איר קוקנדיק, האָבן זיך די
קינדער אויך צעוויינט, און אויף זיי קוקנדיק — אויך די עלטערע,
און ס'איז געוואָרן אַ יללה מיט סכנת-נפשות. אין יענעם ביטערן
שבת, בעת די מאַמע זייערע איז געלעגן מיט שווארצן איבערגע-
דעקט אויף דער ערד, האָבן די יתומים קיין צענט חלק אפילו ניט
געוויינט, ווי אַצינד, ביי דער באָבעס „בני-אָדם".

די צווייטע צערעמאָניע איז געווען אויף מאָרגן, ערב יום-
כיפור, נאָכן קומען פון דער אַלטער קלויז. מאָדנע יום-טובדיק אָנ-
געטאָן און יום-טובדיק געשטימט איז געווען דער זיידע משה-יאָסע.
די מוראדיק ברייטע וואָנצעס מיט די מוראדיק געדיכטע גרויסע
ברעמען האָבן איצטיקס מאָל אויסגעזען ניט אַזוי בייז, ווי אַלע מאָל,
און דאָס גאַנצע פנים האָט אויסגעזען ביי אים איצטיקס מאָל ווייך,
מוחלדיק-ווייך און גאָר פריינדלעך.

— קומט אַהער, קינדער, וועל איך אייך בענטשן! — האָט ער
יום-טובדיק ברייט אַריינגערופן די יתומים צו זיך אין זיין ענגן
פינצטערן חדרל מיט די פעלצן, אַרויפגעלייגט אויף יעדערן פון זיי
ביידע הענט מיט די ברייטע אַרבל פון זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע, צו-
געמאַכט די אויגן, פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף און געזאָגט, און גע-
זאָגט, און געזאָגט עפּעס שטילערהייט, און שטאַרק געזיפצט און
געקרעכצט. און אַז ער האָט אָפּגעזאָגט, האָבן די יתומים אים אַ
קוק געגעבן אין פנים, האָבן זיי דערזען — זיינע אויגן לויכטן, נאָר
זיי זיינען רויט, די ברעמען נאַס, און די וואָנצעס נאַס, און די באָרד
נאַס, נאַס פון טרערן. . .

דאָס ערשטע פלעקל פון דעם זיידן משה-יאָסעס סוכה איז אַריינ-
געשלאָגן געוואָרן, פאַרשטייט זיך, מוצאי יום-כיפור, תיכף נאָכן

---

„בני אדם" — די תפילה וואָס מע זאָגט ביים שלאָגן כפרות.
יללה מיט סכנת-נפשות — אַ געפערלעך געוויין.
מוחלדיק — אין דער שטימונג פון מוחל זיין, פאַרגעבנדיק.
מוצאי-יום-כיפור — דער אָוונט נאָך יום-כיפור.

www.fibtool.com.cn

אָפּפּאַסטן זיך. געבויט האָט די סוכה דער פעטער איצע און די יתומים האָבן איס אונטערגעהאָלפן. נאָר געקאָמאַנדעוועט האָט דער זיידע: „דאָס אַהער!", „דאָס אַהין!", „דאָס וועט אַריין!", „דאָס וועט ניט גיין!" נאָך מער קונץ וואָס דער זיידע מיטן פעטער ריידן ניט צווישן זיך קיין וואָרט. ברוגז. די באָבע האָט דערפון יסורים: אַ בן־יחיד, דער איינציקער קדיש איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, און רעדט ניט מיטן טאַטן — וואו האָט מען גע־הערט אַזאַ רציחה?

אין דער בשותפותדיקער סוכה זיינען געשטאַנען גרייט צוויי טישן, פאַרן זיידן באַזונדער און פאַרן פעטער באַזונדער. אויף יעדער טיש איז געווען צוגעגרייט באַזונדער ווייַן אויף קידוש, באַזונדער חלה, באַזונדערע לייכטער מיט ליכט. די מומע סאָסע האָט זיך געבענטשט ליכט ביי איר טיש, און די באָבע גיטל האָט מען אַרויס־געטראָגן מיטן בעטל, זי זאָל בענטשן ליכט ביי איר טיש.

דערנאָך איז געקומען צו גיין דער פעטער איצע פון קלויז און געמוזט וואַרטן ביז דער זיידע וועט אַ מאָל דערמאָנען זיך קומען און מאַכן דעם ערשטן קידוש. מע קאָן דאָך ניט זיין אַזוי גראָב קעגן אַ טאַטן — כיבוד־אָב! אַלע ווייסע איז דער פעטער איצע אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און אַריינגעקוקט אין סוכה אַריין. . . אויפן פעטער איצע האָבן די קינדער דערלעבט אַ נקמה: אַ האַרטער ייד, אָן אַ נשמה — לאָז ער אויך וויסן וואָס הייסט זיין הונגעריק!...

נאָר אָט איז געקומען דער זיידע, אָפּגעגעבן דעם ברייטן גוט־יום־טוב, אַרויסגעקריגן אַ סידור און אָנגעקגעזעצט זיך זאָגן אושפיזין, און האָט געזאָגט און געזאָגט, און געזאָגט און געזאָגט. . . און פון קיך האָבן, ווי אויף צו־להכעיס, זיך געלאָזט הערן די פיש מיט זייער געפעפערטן געפילעכץ, און די פרישע געברוינטע חלות האָבן זיך געררייצט: „אונדז אַז איר'ט איינטונקען אין הייסער פיש־יויך, וועט איר פילן דעם אמתן טעם גן־עדן". . . און דער זיידע טוט זיך זיינס: ער זאָגט. די ליכט אין סוכה לעשן זיך — און ער זאָגט. די קינדער חלשן עסן, גייען אויס שלאָפן — און ער זאָגט! מיט אַ מאָל האָט דער זיידע זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, צוגעלאָפן צום טיש און געגעבן אַ לייג אַוועק דעם יום־טובדיקן קידוש, איז גע־וואָרן אַ ליכט אין די אויגן. נאָך אים — דער פעטער איצע ביי זיין טיש. נאָכן פעטער איצען — חיה־אסתרס יתומים, איינציקווייז,

---

כיבוד־אָב — דאָס אַכטן דעם פאָטער, די מצוה פון אַכטן דעם פאָטער.
אושפיזין — דאָס וואָס מע זאָגט, ווען מע קומט אַריין צום ערשטן מאָל אין סוכה.

www.libtool.com.cn

און די באָבע גיטל בעת מעשה האָט געלאָזט אַ טרער — הקיצור, ניט אַזוי גיך האָט מען דערלעבט איינצוטונקען די המוציא אין האָניק און צו דערזען זיך מיטן שטיקל פיש און צו דערפילן דעם פעפער אויפן שפּיץ צונג. . .

דאָס איז געווען די ערשטע טעג סוכות. די אַנדערע טעג סוכות איז געווען נאָך ערגער. אַזוי אַז שמחת־תורה אויף דער נאַכט האָט שוין דער פעטער איצע נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער האָט אַריינגערופן די פּערעיאַסלאַווער יתומים צו זיך און האָט זיי געזאָגט:

— קינדער, איר ווילט זען אַ שיינע זאַך? טאַ גייט זיך דורך אין קלויז אַריין, וועט איר עפּעס אָנקוקן.

לאַנג בעטן האָט מען זיי ניט באַדאַרפט. מע האָט זיך גענומען פאַר די הענט און מען איז אַוועק. אין גאַס איז געווען חושך־פינצטער. אַלע יידן זיינען געזעסן אין די הייזער און געגעסן. אַלע שולן זיינען שוין געווען געשלאָסן און שטאָק־פינצטער. נאָר אין דער אַלטער קלויז האָט זיך נאָך געלייכט. שטיל האָבן חברה אויפגעעפנט אַ שטיקל טיר, אַריינגעקוקט און דערזען אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן נישט געגלייבט זייערע אויגן. אין דער גאַנצער קלויז איז געווען מער ניט ווי איין מענטש — דער זיידע משה־יאָסע, אין אַ טלית, מיט אַ סידור אין איין האַנט און מיט אַ ספר־תורה אין דער אַנדערער האַנט. צוגעטוליעט די ספר־תורה צום האַרצן, איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום באַלעמער מיט פּאַוואָליעדיקע טריט, געזאָגט אויף אַ קול ווי אַ חזן די הקפות.

אויף די קינדער איז אָנגעפאַלן אַ פּחד מיט אַ געלעכטער אין איינעם, און זיי האָבן זיך גענומען ביי די הענט און זיך געלאָזט לויפן אין איין אָטעם צוריק אַהיים.

— נו? וואָס'ט איר געזען? איאָ, אַ שיינס? — מיט די ווערטער האָט זיי באַגעגנט דער פעטער איצע און בעת מעשה האָט ער געלאַכט, נאָר די אויגן האָבן געטרערט. . . און די קינדער האָבן געוואָרפן אַן אומחן ניט אויפן זיידן — ניין, נאָר אויפן פעטער איצע.

דערפאַר אָבער האָט זיך אויף מאָרגן, שמחת־תורה, די דעקאָראַציע אין גאַנצן איבערגעביטן. דעם זיידן משה־יאָסע איז געווען ניט צו דערקענען. די קינדער געדענקען נאָך פון דער אַלטער היים,

---

הקיצור — אין קורצן, בקיצור.
הקפות — דאָס אַרומגיין מיט אַ ספר־תורה אין שול אום שמחת־תורה.

www.libtool.com.cn

פון וואָראָנקאָ, וואָס פאַר אַ שמחה ס'איז געווען, אַז ס'איז געקומען שמחת־תורה. אויך אינעם האַלב־גויאישן פערעיאַסלאַוו איז שמחת־תורה געווען שמחת־תורהדיק. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָבן יענע אַלע שמחת־תורהס געהאַט אַקעגן שמחת־תורה, וואָס די פערעיאַסלאַווער יתומים האָבן בייגעוואוינט דאָ, אין דער יידישער שטאָט באָהוסלאַוו!

די הייזער, די גאַסן, די שטיינער פון די גאַסן — אַלץ, אַלץ האָט געזונגען, געפּליעסקעט, געטאַנצט און געפרייט זיך. נישט נאָר עלטערע יידן — ייִנגלעך זיינען געווען שיכור, געוואַלגערט זיך פון די פּיס. מע דאַרף נישט מער ווי דער פעטער איצע, אַ ייִד אַ שטילער, אַ ווילדער בעל־מרה־שחורה, — איז ער אויך געווען בגילופין, פאַרלייגט די פאות אויף יענער זייט אויערן, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געגאַנגען אַ דייטש!

נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן אין יענעם טאָג דער זיידע משה־יאָסע. אויסגעטרונקען האָט ער בסך־הכל איין גלעזל בראָנפן מיט אַ האַלב גלעזל וויין. נאָר שיכור איז ער געווען ווי אַכציק שיכורים מיט אַ מאָל קאָנען אַזוי ניט זיין שיכור, און אַרויסבאַוויזן אַזעלכע גבורות, אַז די גאַנצע שטאָט האָט מיט אים געקלונגען:

— וואָס זאָגט איר צו משה־יאָסע דעם האַמאַרניקס?

— גייט, ווערט איר זען, וואָס משה־יאָסע דעם האַמאַרניקס טוט!

און משה־יאָסע דעם האַמאַרניקס האָט נישט געטאָן גאָרנישט. ער איז נאָר אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן און געטאַנצט. און נאָך ווי געטאַנצט! געטאַנצט און געשפּרונגען, געפּליעסקעט און געזונגען. און געדרייט זיך ווי מע דרייט זיך מיט אַ כלה, געמאַכט פאַרשיידענע טריט: אַהין און צוריק, רעכטס ואן ליקס, און ווידער פאַרשיידענע טריט: אַהין און צוריק, רעכטס און לינקס, און ווידער אַהין און צוריק, ווידער רעכטס און לינקס, און אַזוי כסדר. דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף, די אויגן געהאַלטן צו, אויפן פּנים אויסגעגאָסן אַ גליקלעך שמייכל, צוגעקנאַקט מיט די פינגער, געהאָפּקעט און געזונגען אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער:

---

בעל־מרה־שחורה — אַ מענטש מיט אַ פינצטערן געמיט, אַ מעלאַנכאָליקער.
בגילופין — שיכורלעך, האַלב שיכור, אויפגעמונטערט.
געגאַנגען אַ דייטש — געטאַנצט אַ געוויסן טאַנץ מיט פאַרקאַטשעטע פּאָלעס.
גבורה — העלדישקייט, שטאַרקייט.

www.libtool.com.cn

משה שמח בשמחת תורה —
לאַמטעדרידאָם, היי־דאַ!
שישו ושימחו בשמחת־תורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם־דאָם־דאָם!
היי־דאַ, דריי־דאַ־דאַ!
תורת משה, האַ!

וואָס ווייטער איז דער עולם געוואָרן אַלץ גרעסער און ענגער. וויפל יינגלעך ס'זיינען געווען אין שטאָט, זיינען זיי אַרום אויף דער גאַס מקבל פנים זיין משה־יאָסע דעם האַמאַרניקס, זען ווי ער טאַנצט און דרייט זיך, זינגט און פּליעסקעט. יינגלעך שקצים האָבן אים געמאַכט אַ הוראַ, געהאָלפן אים זינגען זיין שמחת־תורהדיקן ניגון. און די פּנימער פון זיינע פּערעיאַסלאַווער אייניקלעך האָבן געפלאַמט פאַר בושה.

און ער, דער זיידע משה־יאָסע, זאָל דאָס אויף עמעצן אַפילו אַ קוק טאָן! ער טוט זיך זיינס: ער גייט אַ פּריילעכס, ער שמייכלט און קנאַקט מיט די פינגער, טאַנצט און האָפּקעט און זינגט שטאַרקער און שטאַרקער:

משה שמח בשמחת תורה —
לאַמטעדרידאָם, היי־דאַ!
שישו ושימחו בשמחת־תורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם־דאָם־דאָם!
היי־דאַ, דריי־דאַ־דאַ!
תורה משה, האַ!

---

בושה — חרפּה, שאַנד.

www.libtool.com.cn

# 29

# אויס יום־טוב — צוריק אַהיים

אינטריגעס צווישן דער משפּחה. — די קינדער ווערן אויס מיוחסים אין באָהוסלאַוו. — עס ציט זיי צוריק אַהיים. — אַ שטיפמאַמע.

שווער אויפן האַרצן, אומעטיק אויף דער נשמה און שטאַרק־שטאַרק וואָכעדיק איז געוואָרן די קינדער אויף מאָרגן נאָך יום־טוב. . . די יידן, וואָס ערשט נעכטן זיינען זיי געווען שיכור־לוט, געטאַנצט און געפּליעסקעט און געמאַכט זיך נאַריש ווי קינדער, זיינען מיט אַ מאָל געוואָרן אַלע ניכטער, סטאַטעטשנע און כמעט זיך געשעמט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. אַ מאָדנער אומעט האָט אַרומגענומען די שטאָט, אַ זעלטענע מרה־שחורה האָט זיך אָנגערוקט אויף באָהוסלאַוו.

און אומעטיקער און טרויעריקער פון אַלע זיינען געוואָרן די קינדער, די פּערעיאַסלאַווער יתומים. וואָרעם כל־זמן די קינדער זיינען נאָך געווען געסט, האָבן זיי זיך געפילט ניט שלעכט, נאָר וואָס ווייטער האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ מער געוואָר ווערן, אַז זיי זיינען דאָ איבעריק.

דער זיידע משה־יאָסע איז זיך געזעסן ביחידות אין טלית און תּפילין אויף די פּעלצן, אָדער געדאַוונט, אָדער געלערנט, אָדער געבאָמקעט, צוגעקנאַקט מיט די פינגער, אָבער געזיפצט און שטילערהייט גערעדט מיט גאָט, אָדער דערציילט פאַר די קינדער זיינע שיינע מעשיות פון אַמאָל, אָדער געזאָגט מוסר פאַר וואָס די קינדער זיינען ניט פרום. דעם מוסר האָבן די קינדער שוין געהערט ווי פיל מאָל אין חדר, פון דער באָבע מינדע און פון גלאַט יידן, וואָס האָבן ליב זאָגן מוסר און סטראַשען מיטן גיהנום. און דאָס אַלצדינג האָט

שיכור־לוט — שיכור אַזוי ווי לוט; לוט איז אברהמס פּלעמעניק. אין חומש ווערט דערציילט אַ מעשה אַז לוט איז געווען זייער שיכור.

www.libtool.com.cn

זיך זיי שוין צוגעגעסן. זיי איז געווען אַ סך מער אינטערעסאַנט צו זען די פּאָליטיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָ ביי זייער זיידן משה־יאָסע מיט דער באָבע גיטל אין שטוב.

טאָג ווי נאַכט זיינען דאָרטן געווען אינטריגעס מיט סודות, מיט שושקערייען, מיט רכילותן. דער פּעטער איצע מיט דער מומע סאָסע האָבן געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך אויף דער באָבע גיטל, אַז ס'איז שווער ביי איר אַ גראָשן ארויסצובאַקומען פון אונטער די קישנס, און אויפן זיידן, אַז ער איז שוין צו פרום, אַזוי פרום אַז ער איז שוין עובר־בטל. . .

און די באָבע גיטל האָט זיך באַקלאָגט אויף איר שנור און אויף איר בן־יחיד, אַז זיי גיבן איר ניט אָפּ קיין כבוד ווי אַ מאַמען, און אַז זיי קוקן שוין אַרוים, זי זאָל צומאַכן מיט אַן אויג, אויף דער ירושה, אויף דער ירושה קוקן זיי אַרוים! זיי אויף צו־להכעיס וועט זי נאָך לעבן און לעבן, כאָטש דער טויט איז איר טויזנט מאָל מער ניחא, וואָרעם וואָס טויג איר דאָס לעבן, משטיינס געזאָגט, אַ קאַליקע; באַגראָבן אַזאַ טאָכטער, אַזאַ חיה־אסתר, אַ מאַמע פון אַזוי פיל קינדער, ווינד איז איר און וויי! . . . מיט די אויסגעדרייטע עלנ־בויגנס קוועטשט זי אַרויס אַ טרער פון אירע קאַליע אויגן, רופט צו די קינדער, שאַרט מיט די אויסגעדרייטע הענט אונטער די קישנס, נעמט אַרויס און שענקט זיי איטלעכן באַזונדער אַ פּאָר גראָשנס.

דערזעט דאָס די קליינע חוה־ליבע מיט די רויטע בעקלעך און מיט די קליינע ליפּעלעך און טראָגט עס אָפּ באַלד צו דער מומע סאָסע. און די מומע סאָסע גיט עס באַלד איבער דעם פּעטער איצען. און ביידע שושקען זיי זיך, אַז פאַר אירע א י י ג ע נ ע קינדער זשאַלעוועט מען אַ קאָפּיקע און די פּ ר ע מ ד ע קינדער צעטיילט מען מאַיאָנטקעס גאַנצע! . . . און די קינדער הערן דאָס, און עס גייט זיי ניט איין. עס שלאָגט זיי צו דער גאַל.

וואָס ווייטער אַלץ ערגער. די קינדער פילן אַז זיי זיינען דאָ איבעריק. זיי זעען ווי מע קוקט אויף זיי בעת זיי עסן, זיי הערן הינטער די פּלייצעס, אַז מע רעדט פון זייערע „אַפּעטיטלעך". עס שטעלט זיך זיי שוין דער ביסן אין האַלדז. זיי קוקן שוין אַרוים אויף

---

ביחידות — איינער אַליין.
רכילות — gossip.
עובר בטל — ניט אין גאַנצן ביים פולן זינען, ניט אין גאַנצן קלאָר איבער אַלטקייט.
ניחא — ליב, אָנגעלייגט.

א בריוול פון טאַטן ווי אויף משיחן — ווען וועלן זיי שוין פאָרן אַהיים?

www.libtool.com.cn

דער גוטער גאָט האָט זיי געהאָלפן, דאָס גוטע בריוול איז שוין דאָ: דורך אַ פערעיאַסלאַווער בעל־עגלה, אָנגעקומען מיט אַ צו־שריפט, אַז מיטן דאָזיקן בעל־עגלה טאַקע זאָלן די קינדער זיך אויפ־זעצן און פאָרן אַהיים. כאָטש דער בעל־עגלה איז געשיקט געוואָרן, ער זאָל ברענגען צו פירן נחום ראַבינאָוויטשעס קינדער, פונדעסט־וועגן האָט ער ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון — טאָמער וועט אים גאָט צושיקן אויף צוריקוועגס כאָטש אַ פאָר פאַרשווינדלער, וועט דאָס זיין ווי געפונען. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין מאַרק מיט דער בייטש אַ טאָג און צוויי און דריי. די פערדלעך האָבן גע־כראָמקעט דעם האָבער — און פאַרשווינדלער ניט אַ לעק! די קינ־דער האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס וואַרטן. און אָט זאָגט מען זיין אָן די גוטע בשורה — זיי פאָרן! אַ סימן: דער בעל־עגלה האָט שוין אַרויסגעקאַטשעט דעם וואָגן און שמירט שוין די רעדער. . .

די קינדער כאַפּן זיך אַריין אין שטוב אַריין. זיי קלייבן זיך אין וועג אַריין, געזעגענען זיך אָפּ מיט די באָהוסלאַווער חברים, מיט דער אַלטער קלויז און מיטן זיידן און מיט דער באַבען. דער זיידע משה־יאָסע בעת מעשה זאָגט זיי מוסר, פאַרשטייט זיך, און הייסט זיי זיין ערלעכע יידן. און די באַבע גיטלווישט די אויגן מיט אירע אויס־געדרייטע הענט. נאָר פונעם פעטער איצע מיט דער מומע סאָסע הערן זיי אַ קאַלטן „פאָר־געזונט". די צוויי וואָלטן דווקא געוועזן צופרידן, וואָס די „פרעמדע קינדער" פאָרן אַוועק, איז זיי פאַרשטערט געוועזן די שמחה, וואָס ניט אַלע פאָרן זיי אַוועק. עס פאָרן נאָר די יינגלעך. די צוויי מיידלעך זיינען געבליבן אין באָהוסלאַוו.

וואָס איז די מעשה? אַ פראָסטע מעשה. די באַבע גיטל האָט געזאָגט: זי וועט זיי ניט לאָזן. זי וויל ניט, איר חיה־אסתרס קינ־דער זאָלן אַריינפאַלן צו אַ שטיפמאַמע.

— נו, און אַז די יינגלעך פאַלן אַריין צו אַ שטיפמאַמע איז גוט? כע־כע!

— וואָס גלייכסטו יינגלעך צו מיידלעך? וואָס האָרכט אַ יינגל אַ שטיפמאַמע? אַ יינגל גייט אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג אין חדר

---

משטיינס געזאָגט — אויך מיר... וואָס איז דאָ שוין פאַראַן וואָס צו זאָגן; אַז אָך און אַז ווייַ; צום אומגליק.

קאַליע אויגן — קראַנקע אויגן, קאַליע געוואָרענע אויגן.

מאַיאָנטקעס — פאַרמעגנס, estates.

ביישטיין דעם נסיון — זיך ניט לאָזן פאַרפירן.

www.libtool.com.cn

אַריין. און אַ מיידל וואָס? אַ מיידל בלייבט אין דער היים ניאַנ־טשען דער שטיפמאַמעס קינדער...

דער פעטער איצע איז מיט דעם נאָך אַלץ ניט באַפרידיקט. ער גלעט זיך די פאות, קוקט אויף די קישנס און שמייכלט און רעדט טיף דיפּלאָמאַטיש, קוים וואָס מע שטויסט זיך:

— און ווי וואָלט געווען למשל, ווען אַלע קינדער זאָלן זיין מיידלעך? כע־כע!

— וואָלט איך אַלע מיידלעך — ענטפערט אים די באָבע — געלאָזט ביי זיך.

דער פעטער איצע רעדט ווייטער, נאָר אָן אַ שמייכעלע, און אַלץ פאַרשטעלט:

— וואו וואָלסטו גענומען געלט אויף אויסצוהאַלטן אַזוי פיל מיידלעך? (שוין אָן אַ כע־כע!).

— גאָט וואָלט מיר געהאָלפן — ענטפערט די באָבע רואיק — אָט האָט דאָך מיר גאָט געהאָלפן אויסצוהאָדעווען אַזאַ קדיש ווי דו, וואָס קוקט אַרויס אויף מיין ירושה, האָט מורא ס'וועט אים ניט קלעקן...

— איצע! — רופט אים די מומע סאָסע פון איר חדרל — איצע! קום אַהער, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן!...

די קינדער קווענקלען אָן פון דער באָבע גיטל, וואָס זי האָט אַזוי קונציק אָפּגעשניטן דעם פעטער איצען, און זיינען זיך מחיה, וואָס זיי פאָרן שוין צוריק אַהיים.

אַ ביסל איז זיי נאָר אַריין אין נאָז דאָס וואָרט „שטיפמאַמע", וואָס זיי האָבן דאָ דערהערט צום ערשטן מאָל. זיי ווילן הייסט עס האָבן אַ שטיפמאַמע? וואָס איז דאָס אַזעלכעס „שטיפמאַמע"? און מיט וואָס איז אַ שטיפמאַמע אַזוי ביטער, וואָס די באָבע גיטל האָט שוין באַצייטנס אויף זיי רחמנות? ס'איז כדאַי כ'לעבן אָנצו־קוקן די שטיפמאַמע. ס'איז כדאַי שוין צו פאָרן אַהיים... אַהיים! אַהיים! אַהיים!...

[די קינדער זיינען שוין אין דער היים. די באָבע מינדע איז שוין דאָרטן וואו די מאַמע זייערע — אַ קבר לעבן אַ קבר. און דאָ הערן זיי — „שטיפמאַמע", „שטיפמאַמע"]. וואָס האָבן זיך מענטשן אָנגעכאַפּט — „שטיפמאַמע"? ווערדליק די קינדער האָבן זיך אָנגעהערט „שטיפמאַמע" און „שטיפמאַמע", האָבן זיי געמענגט

ניאַנטשען — to nurse.
ווערדליק — נאָך דעם וואָס.

www.libtool.com.cn

מיינען, אַז אַ שטיפּמאַמע איז טאַקע באמת מיט הערנער. אַז אויף יעדער טריט און יעדער שריט האָט מען זיי געסטראַשעט מיט דער „שטיפּמאַמע": „וואַרט אויס, שקצים, אָט וועט דער טאַטע אַרויס־פאָרן אויף דער וועלט און וועט אייך ברענגען אַ שטיפּמאַמע, וועט איר ווייסן וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבן!"... וואָס דאַרפט איר מער — טאָמער ווערעמט די זון ניט אַזוי פויגלדיק, זאָגט מען: „די זון ווערעמט ווי אַ שטיפּמאַמע"... עס מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם. אַ וועלט איז דען משוגע?

מיט אַ מאָל איז דער טאַטע נעלם געוואָרן. ס'איז אַוועק אַ וואָך, און אַ וואָך, און נאָך אַ וואָך. וואו איז אַהינגעקומען דער טאַטע? מע זאָגט ניט! עלטערע ריידן צווישן זיך, נאָר שטילער־הייט, די קינדער זאָלן ניט הערן און מער אויפּן וואונק. נאָר איין מאָל האָט אין חדר דער רבי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט. ער האָט אַ פרעג געגעבן ביי די קינדער: „נישטאָ נאָך דער טאַטע פון באַרדיטשעוו?" און די רביצן האָט צוגעזעצט: „וואָס זשע? אַזוי גרינג קומט עס אָן אַן אַלמן אַראָפּצוברענגען אַ שטיפּמאַמע פאַר די יתומים?"...

דאָס האָט זיי אַ ביסל אַ פּאַרקע געגעבן און אַרויסגערופן מאָד־נע געדאַנקען. אָבער ניט אויף לאַנג, וואָרעם אָט איז מען געקומען צו זיי אין חדר אַריין און מע האָט זיי אָנגעזאָגט אַ בשורה: „דער טאַטע איז געקומען און געבראַכט צו פירן פון באַרדיטשעוו אַ שטיפּ־מאַמע". „מזל־טוב! — האָט זיך אַריינגעמישט די רביצן — איר זאָלט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות!"... און דער רבי האָט אָפּגעלאָזט די קינדער אַהיים פאַר דער צייט.

געקומען אַהיים, האָבן די קינדער געטראָפן די גאַנצע משפחה: דעם פעטער פיניע מיט זיינע זין, די מומע חנה מיט אירע טעכטער, אַלע אַרום טיש. מע האָט געטרונקען טיי, כלומרשט געגעסן לעקעך און איינגעמאַכטס און געררייכערט פּאַפּיראָסן, און גערעדט פּוסטע רייד, וואָס אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט, וואָרעם קיינער האָט נישט געהערט וואָס דער אַנדערער זאָגט. יעדערער איז געווען אַריינגעטאָן אין זיינע אייגענע געדאַנקען, און אַלע אין איינעם האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אויף דער שטיפּמאַמע. און אין איין באַטראַכטן און אָפּשאַצן די מציאה, וואָס דער טאַטע האָט איינגעהאַנדלט אין באַרדיטשעוו.

---

אַ פּאַרקע געבן — אַ שטויס געבן, אַ שטאָך געבן.

www.libtool.com.cn

און דאַכט זיך, מען איז געווען צופרידן מיטן אָנקוק. אַ יידענע אַ בכבודע, ניט קיין נאַרישע, און דער עיקר — אַ ליבלעכע, אַ צו־געלאָזטע, אַ גוטע, אַ מענטש אָן אַ גאַל! היינט וואָס האָבן זיי דאָ געפּילדערט, געמאַכט אָנשטעלן — „שטיפמאַמע"? . . .

ערשט העט־שפּעטער, אין אַ וואָך אַרום אָדער אין צוויי, האָט זיך די שטיפמאַמע אַרויסגעוויזן מיט איר היציקן טעמפּעראַמענט און קודם כל אַרוים מיט איר שפּראַך, מיט איר אמת באַרדיטשעווער שטיפמאַמע־לשון, אַ שפּראַך אַ גלאַטע, אַ רייכע, אַ בלומענדיקע: אויף איטלעך וואָרט אַ קללה, און צום גראַם, און דווקא אין גוטן מוט. . .

דער העלד פון דער דאָזיקער ביאָגראַפיע איז זיך מודה, אַז אַ היפּש ביסל קללות אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק האָט ער גענאַשט פון דער שטיפמאַמע און פון איר מענה־לשון.

---

מענה־לשון — געשליפענע צונג, ניין מאָס רייד, גרויס מויל, זידלערייען.

# 30

www.libtool.com.cn

# אויפֿן בענקעלע ביים טויער

דער „איינפאָר״. — דאָס פאַררופן אורחים. — ווידער חלומות וועגן אוצר. — דער קאָלעקטאָר. — די גראָטעסנע איידעמס.

ווייסט איר וואָס הייסט אַן „איינפאָר״? אַ גרויסער הויף מיט גרויסע שטאַלן פאַר פערד און וואָגנס און מיט גרויסע חדרים מיט בעטלעך פאַר די אורחים.

מערסטנס זיינען אין די חדרים געשטאַנען צו עטלעכע בעטלעך, און דער אורח וואָס איז פאַרפאָרן האָט נאָר אָפּגעדונגען אַ בעטל, ניט קיין גאַנצן חדר. סיידן אַ נגיד, אַן אָנגעפּוצטער, אַ מיוחס. אַזעלכע זיינען אָבער געווען זעלטן, און די האָבן געהייסן „פּעטע״ אורחים. דאָס רוב אורחים זיינען געווען „„בעטלעך״. די האָבן נישט באַדאַרפט באַזונדער קיין סאַמאָוואַרן מיט קיין באַדינערס. איין סאַמאָוואַר אַ גרויסער איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין זאַל, און יעדערער פון די „בעטל-אורחים״ האָט זיך געהאַט זיין טשייניק מיט זיין ביסל טיי — גיסט אייך, יידישע קינדער, און טרינקט אייך וויפל אייער האַרץ גלוסט! . . .

אַ מחיה געווען אַנצוקוקן אין דער פרי אָדער אויף דער נאַכט ביי ראַבינאָוויטשן אין איינפאָר. אַ גאַנץ בינטל יידן אַרום טיש, מע טרינקט און מע רעדט אַלע אין איינעם און מע גראַגערט און מע רייכערט — דעם רויך כאָטש שניידט מיט אַ מעסער! און ריידן רעדט מען פון וואָס איר ווילט: פונעם יאַריד, פון דאָקטוירים, פון חזנים. און דער באַלעבאָס אליין, ר׳ נחום ראַבינאָוויטש, מיט אַ קעצן כאַלאַטל, מיט אַ קיילעכיק יאַרמלקע אויפן קאָפּ און מיט אַ גראָבן פּאַפּיראָס, זיצט צווישן די אורחים אויבנאָן, ווי אַ מלך, און

גראַגערן — קלאַפּן מיט גראַגערס, ריידן כסדר און הויך.

www.libtool.com.cn

הערט זיי אויס אַלעמען אין איין צייט, אָבער נאָר מיט איין אויער, ווייל מיטן אַנדערן אויער הערט ער זיך צו, אפשר ניט ווילנדיק, צו דער שטיפמאַמעס מענה-לשון, וואָס גיסט זיך ווי בוימל און ציט זיך אַזוי ווי האָניק.

דאָס רעכנט זי זיך מיט אירע שטיפקינדער אויפן ניכטערן האַרצן, טיילט זיי אויס ברכות יעדערן באַזונדער מיט דער פולער האַנט. דערלאַנגט דעם אַ זעץ אין זייט אַריין, דעם אַ סטוסאַק אין האַלדז־און־נאַקן. זי וויל אַז איינער זאָל גיין פאַרוויגן דאָס קינד, אַז דער אַנדערער זאָל גיין אין מאַרק אַריין איר העלפן טראָגן דעם קויש, און אַז דער דריטער זאָל גיין גלאַט אין דער ערד אַריין. . .

און די קינדער פאָלגן, טוען וואָס מע הייסט זיי, וואָרעם די צייט איז שלעכט, פרנסה איז געשלאָגן, אין חדר גייט מען נאָר אַ האַלבן טאָג, דעם אַנדערן האַלבן טאָג העלפט מען אויס דעם טאַטן ווי ווייט מע קאָן. ווער אין שטוב אַרום די אורחים און ווער אין דרויסן, אויפן בענקעלע ביים טויער, צו פאַררופן די דורכפאָרנדיקע בעלי־עגלות: „אַהער פאַרפאָרט, אַהער!" . . .

אוודאי איז אין דרויסן, אויפן בענקעלע ביים טויער, שוין בעסער ווי אויסצושטיין דעם הוהאַ מיטן גיהנום, מיטן גלות־שטיפמאַמע אינעווייניק אין שטוב. דאָס זיצן ביים טויער אויפן בענקעלע איז גאָר קיין אַרבעט ניט. דאָס איז אַ שפּילכל, אַ פאַרגעניגן. ווער שמועסט זומער, אַז די בעלי־עגלות פליען מיט אַ הוק און מיט אַ פייף און מיט אַ קנאַק. און אַלע יינגלעך פון די איינפאָרהייזער טוען זיך אַ לאָז אַקעגן דעם בעל־עגלה מיט אַ פריילעך געפילדער: „אַהער! פעטער! אַהער פאַרפאָרט!" . . . און דער בעל־עגלה ענטפערט זיי אָפּ מיט דער בייטש, פליט דורך פאַרביי און ווערט פאַרשוואונדן אינעם געדיכטן שטויב, לאָזט איבער די יינגלעך מיט אַ נאָז.

דאָס איז אָבער נאָר זומערצייט, ווען שיפן גייען אויפן דניעפּער. ווינטער, אַז דער דניעפּער שטעלט זיך אוועק, לעבט דער איינפאָר פון אַן אַנדער סאָרט אורחים. ווינטער פאָרן אַריין גרויסע בוידן מיט אורחים, ניט אויף צו עסן שבתים און צו פאַרנעמען בעטלעך. זיי זיינען ניט קליין צו ליגן אַלע אין איינעם אויף דער ערד, און זיי גיבן צו לייזן נאָר פאַר היי און האָבער. פון אַזעלכע פאַרשוינען האָט מען ווינציק נחת און פרנסה נאָך ווינציקער.

---

אויפן ניכטערן האַרצן — נאָך פאַרן עסן עפּעס, גלייך אין דער פרי.
דער טייך שטעלט זיך — דער טייך ווערט פאַרפראָרן.

www.libtool.com.cn

היינט דאָס זיצן אַליין אויפן בענקעלע ביים טויער אויפן פראָסט איז אויך עפּעס ניט אַזוי זיס. ווינטער אויף דער קעלט איז שלום געזעסן אויפן בענקעלע ביים טויער, געפראָרן ווי אַ הונט, איינגעהילט אין אַ צעריסן פעלצל מיט אַזעלכע שטיוועלעך, וואָס האָבן זיך געבעטן צום שוסטער. און ער האָט געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס און אַרויסגעקוקט, טאָמער וועט זיך באַווייזן אַ בעל־עגלה אָדער אַ בויד מיט אורחים, וועט ער אויפשטיין, זיך לאָזן אַקעגן: „אהער פאָרט! פאַרפאָרט אהער!" . . .

זיינען אָבער בעלי־עגלות ווי אויף צו־להכעיס דורכגעפלויגן פאַרביי און זיינען גאַר פאַרפאָרן אין אַ צווייטן, אַ רייכערן איינפאָר, טאַקע אַקעגן. דאָרטן זיינען, זאָגט מען, פאַראַן חדרים גרויסע, מיט ווייכע בענקלעך, מיט שפּיגלען, מיט נאָך און נאָך זאַכן וואָס די ראַבינאָוויטשעס פאַרמעגן דאָס ניט. דערפאַר איז דאָרט תמיד פול געפּאַקט מיט פעטע אורחים. און ביי זיי, ביי די ראַבינאָוויטשעס אין איינפאָר, איז פוסט, כאָטש הינט צו טרייבן. און דאָס פאַרדריסט שלומען זייער שטאַרק. אַ סך פעטע אורחים ווערט ביי אים אָן אידעאַל, אַ צווייטער „אוצר", פון וועלכן ער חלומט אַצינד, ווי ער האָט געחלומט אַ מאָל, אין שמואליקס צייטן. . .

עס פאָרט דורך אַ בעל־עגלה מיט בכבודע פאַרשוינען, פעטע אורחים אין בערענע פעלצן, און איידער שלום באַווייזט אַרויסצורייד̈ן דאָס וואָרט: „אהער!", האָט דער בעל־עגלה שוין אַליין אָפּגעשטעלט די פערדלעך: „טפררררו!" — און עס קריכן אַרויס פון דאָרטן די בכבודע פאַרשוינען אין זייערע בערענע פעלצן. און מע טראָגט אַראָפּ נאָך זיי געלע לעדערנע טשעמאָדאַנעס, אַנגעפּאַקט מיט כל־טוב, יעדער טשעמאָדאַן וועגט אַ פוד! און זיי מאַרשירן אַריין אין שטוב אַריין, און זיי הייסן זיך געבן איטלעכן באַזונדער אַ נומער, און בעטן מע זאָל זיי דערלאַנגען סאַמאָוואַרן, און הייסן קאָכן וואַרעמעס און וועטשערע. און עס קומט אַריין צו זיי דער טאַטע אין דער יאַרמלקע, מיט אַ שמייכלענדיק פּנים, און שטעקט זיי אָפּ אַ ברייטן שלום־עליכם און פרעגט זיי צי רעכענען זיי דאָ שבת האַלטן? צעלאַכן זיי זיך און זאָגן: „וואָס עפּעס איין שבת? פאַר וואָס ניט דריי שבתים?" און לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זיינען גאַר סוחרים, וואָס זיינען געקומען קויפן ווייץ, און ביי קויפן ווייץ וועט דער טאַטע קאָנען כאַפּן אַ שיין פאַרדינסטל קאָמיסיע, און טאַקע פאַר

טשעמאָדאַן — valise.
פוד — פערציק פונט.

וואָס ניט אָפּלעקן אַ ביינדל ? . . . אין דעם קומט אָן די שטיפמאַמע, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די שבתדיקע זיידענע פאַטשיילע; דאָס פּנים פאַרקערט איר פאַר פרייד, און זי קוקט מיט איין אויג אויף די פעטע אורחים און טוט אַ פרעג שטילערהייט: „ווער האָט זיי דאָס געבראַכט צו פירן ?" — „איך האָב זיי פאַררופן, איך !" — ענטפערט איר שלום מיט גדלות און איז גליקלעך, וואָס אויך ביי זיי וועט אַ מאָל זיין אַ גוטער טאָג, כאָטש איין גוטער טאָג. און אַ שבת אַ גוטער — אַך ! וואָס פאַר אַ פריילעכער שבת ביי זיי וועט זיין ! און פאַר וואָס עפּעס נאָר איין שבת ? פאַר וואָס ניט אַלע דריי שבתים ? . . .

דאָס אַלצדינג וואָלט געווען זייער גוט, ווען ס'זאָל ניט זיין קיין פאַנטאַזיע, קיין חלום. די דאָזיקע פעטע אורחים אין די בערענע פעלצן מיט די געלע טשעמאָדאַנעס זיינען טאַקע צוגעפאָרן און טאַקע אָפּגעשטעלט זיך, נאָר ניט ביי זייער איינפאָר — אַקוראַט אַקעגן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. . . „אַך ! וואָסערע שלעכטע, שלעכטע אורחים ! וואָס וואָלט זיי געאַרט, זיי זאָלן בעסער געווען פאַרפאָרן צו אונדז ?" — טראַכט זיך דער שטענדיקער בעל־חלומות און קומט אַריין אין שטוב אַ דורכגעפרוירענער דורך און דורך, און טרעפט דעם טאַטן אינעם קעצענעם כאַלאַט, איינגעבויגן אין דרייען איבער אַ ספר, און די שטיפמאַמע גליט ווי אויף פּאָקן: „נישט געקומען קיינער ?" וואָס וועט זי טאָן מיטן ברויט וואָס זי האָט אָנגעבאַקן, און מיט די פיש וואָס זי האָט אָנגעקאָכט ? כאָטש נעם וואַרף זיי אַרויס פאַר די הינט ! „צי איר מיינט אפשר, אַז ס'וועט זיין פון אייערטוועגן ? — ווענדט זי זיך צו די שטיפקינדער — איר זייט גאָר נעבעך קראַנק צו עסן אַלטגעבאַקן ברויט ! ס'וועט זיך אייך אַוודאי שטעלן פּאָפּעריק אין האַלדז, אָדער אייער מאָגן וועט עם חלילה ניט פאַרדייען !" . . . און עס גייט אַוועק אַ באַקאַנטער מענה־לשון.

צו באַוואונדערן, וואָס פאַר אַ שטאַרקער מענטש אָט דער שוואַכער ייד, דער שטילער און פאַרטראַכטער נחום ראַבינאָוויטש, האָט באַדאַרפט זיין, אַז ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם גלות פון דער שטיפמאַמע, אויסהערן איר מענה־לשון מיט אירע ברכות, צוזען ווי זי פייניקט זיינע קינדער, און נישט אַרויסטרעטן מיט אַ וואָרט אַפילו ! וואָס דער מענטש האָט איבערגעטראָגן אינעווייניק ביי זיך

גליט ווי אויף פּאָקן — ברענט פון היץ, רויט פון אויפרעגונג.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אין הארצן — קאָן מען ניט וויסן. ארויסבאַוויזן האָט ער עס אָבער קיין מאָל ניט און אַרויסגעזאָגט האָט ער עס קיינעם ניט. און דער־פאַר אַפּנים האָט זי געלייגט אויף אים כבוד, געערט, רעספּעקטירט, נישט באַגאַנגען זיך קעגן אים אַזוי גראָב, ווי צו זיינע קינדער, למשל, און געשעצט אים אַזוי הויך, ווי ס'איז נאָר מעגלעך געווען פאַר אַזאַ יידענע, וואָס האָט אליין אויך קיין האָניק ניט געלעקט, נעבעך גוט אויסגעריסן געוואָרן, געהאָרעוועט ווי אַן אָקס אויף אַזאַ גרויסער שטוב מיט אַ כאַליאַסטרע קינדער, אייגענע און פרעמדע.

און אפשר האָט זיך איר רעספּעקט גענומען דערפון, וואָס זי האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ כבוד מע האַלט איר מאַן אין שטאָט, כאָטש אַלע ווייסן אַז ער איז ווייט פון אַ נגיד, פאַרדינט קוים דאָס שטיקל ברויט. קיין נאַרישע יידענע איז זי ניט געווען, נאָר אַ פאַר־ביטערטע נשמה, נישט קיין איינגעהאַלטענע בשעת כעס און בטבע אַן אָפּנטלעכער מענטש: וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג. דערפאַר וואָס דער טאַטע האָט איר קיין מאָל ניט געשטערט אין איר מענה-לשון, האָט זי אים ניט געשטערט אין זיינע זאַכן: אַריינקוקן אין אַ בוך, שפּילן אַ שאָך אָדער אַזוי פאַרברענגען מיט אַ מענטשן. און די מענטשן, מיט וועלכע דער טאַטע האָט פאַרבראַכט, זיינען געווען לויטער משכּילים, אויפגעקלערטע יונגעלייט און גלאַט „קאָפּ־מענטשן", מע קאָן זאָגן, די סמעטענע פון דער דעמאָלטיקער שטאָט־אינטעליגענץ.

דער ערשטער באַדאַרף באַשריבן ווערן „דער קאָלעקטאָר". ער האָט געהייסן „דער קאָלעקטאָר" ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט לאָ־טעריי־צעטלען. געטראָגן האָט ער שוואַרצע ברילן (געהאַט קאַליע אויגן), זומער און ווינטער איז ער געגאַנגען אין טיפע קאַלאָשן. קיין שטיוול ניט, נאָר קאַלאָשן, ווייסע זאָקן און קאַלאָשן. מע האָט אונ־טערגעשמועסט, אַז ער איז אַ שטיקל אפּיקורס, כאָטש ער האָט גע־טראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע און געדיכטע פּאות. נחום ראַבינאָוויטש האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער „ווייסט אַ של״ל". גאַנצע טעג האָבן זיי געקאָנט אָוועקזיצן אין צווייען און ריידן אָן אַ שיעור. „דער קאָלעקטאָר" איז געווען אַ גרויסער אביון, נאָר אַ מוראַדיקער בעל־בטחון. געוועזן זיכער אַז זיינע קונדן וועלן מוזן אַ מאָל אוים־נעמען דאָס גרויסע געווינס, און דורך דעם וועט ער שוין אויך גע־

---

פּאַפּעריק — across.
לויטער משכּילים — נאָר, בלויז משכּילים; בלויז אויפגעקלערטע.
אַ של״ל — גאָר אַ סך.

www.libtool.com.cn

האלפן װערן. און געװינען, האט ער געזאגט, װעט ניט קײן אנ־דערער, נאר נחום ראבינאװיטש, װארעם קײנער באדארף ניט אזױ נײטיק דאס גרױסע געװינס. . .

אײן מאל, װען שלום זיצט אױפן בענקעלע בײם טױער, דער־זעט ער פון װײטן דעם קאלעקטאר, װי ער שפרײזט מיט די טיפע קאלאשן גלײך צו זײ. לױפט ער אנטקעגן דעם טאטן די בשורה: „ער גײט!" — „װער?" — „דער קאלעקטאר" — „און אז דער קאלעקטאר איז װאס?" — „װאס הײסט? הײנט איז דאך דער לעצטער טאג פון דער ציאונג!" . . .

דער קאלעקטאר קומט ארײן א פארסאפעטער. מוז ער פריער איבערכאפן דעם אטעם און זאגט א גוט־מארגן. ער זעצט זיך אװעק, פארשארט דאס היטל, װישט זיך מיט דער פאלע דעם פאר־שװיצטן שטערן און דערציילט א נײס, אז ס'איז הײס מיט סכנת־נפשות! . . . א פאוזע. דערנאך בינדט ער אויף די פאטשיילע, א פארסמאלצעװעטע, א רױטע, מיט גרינע פליאמעס און שמעקט מיט הערינג. דארטן ליגן בײ אים אלע לאטערײ־צעטלען. ער נעמט ארױס מיט ציטערדיקע באװאקסענע הענט א גרױסן בױגן פא־פיר מיט א סך ציפערן פון אױבן ביז אראפ, זוכט און זוכט מיט די שװארצע ברילן. שאט! ער האט געפונען! ער שטעלט אן די שװארצע ברילן אױפן טאטן:

— אײער נומער, ר' נחום, איז דאכט זיך, אױב איך האב קײן טעות ניט, 16,394?

— איך פארשטײ ניט װאס איר פרעגט בײ מיר — ענטפערט אים דער טאטע מיט א שמײכל. — מיר דאכט אז איר האט א גוטן זכרון: איר װײסט אלעמעס נומערן אױף אױסװײניק.

— אױף אױסװײניק, זאגט איר? סע קאן זײן. הכלל, זעכצן טױזנט, זאגט איר, דרײ הונדערט מיט פיר און אכציק.

ער קוקט דורך די ברילן און טאפט מיט די פינגער אינעם ציפערדיקן פאפיר. שלום פילט אז אט־אט שפרינגט אים ארױס דאס הארץ. נו? לאמיר שױן הערן! . . . נאר דער קאלעקטאר האט צײט. ער רעדט זיך פאװאליע:

— אײער נומער, ר' נחום, האט געװאונען . . . יא, ער האט געװאונען . . .

שלום זעט, װי אױפן טאטנס פנים פליט דורך א געל כמארעלע

---

פארסמאלצעװעטע — פארפעטסטע.
פליאמע — פלעק.

www.libtool.com.cn

און ווערט פֿאַרשוואונדן. און אַליין גלוסט זיך אים אויסשרייען מיט אַ קוויטש: קוקוריקו! — נאָר ער האַלט זיך איין און שלינגט איטלעך וואָרט וואָס גייט אַרויס פֿונעם קאַלעקטאָרס מויל:

— געוואונען... אָבער אַ קליין געווינסל, גאָר אַ קליין געווינסל. עס וועט אויסקומען אַזוי גרויס...

דער קלייִנער חלשט שיר...

...אַזוי גרויס ווי אַכט רובל מיט זעכציק. קומט פֿון אייך, אַפּנים, אויב איך בין מיר ניט טועה, צוועלף מיט פֿופֿציק, און פֿון פֿריער, אויב איר געדענקט, דריי מיט אַכציק. האָבן מיר הייסט עס אַ קיימאַ־לן פֿון זעכצן מיט דרייסיק? נמצא, אַז איר בלייבט מיר שולדיק אויף להבא אַזוי גרויס אַפּנים ווי זיבן מיט זעכציק. האַ? איז דאָס אַזוי צי ניין? אַצינד ווילט איר דאָך מסתמא אַ ניי צעטל? וועל איך אייך געבן. נעמט, ר׳ נחום, קלייבט זיך אויס אַ נומער. היינטיקס מאָל, אים ירצה השם, וועט איר שוין געווים געווינען. שוין? האָט איר שוין אויסגעקליבן? וואָס פֿאַר אַ נומער? 8.613? לאָז גאָט געבן מיט גליק, אין אַ גוטער שעה זאָל זיין!... וואָס קוקסטו זיך אַזוי איין? (זאָגט ער צו שלומען) דו קונדאָס איינער! (אַ קוועטש דעם „אָס")...

דער קאַלעקטאָר האָט געבראַכט צו טראָגן דעם „שייגאָץ" (אַ קוועטש דעם „אָץ") ביכלעך [פֿון שרייבערס־משכילים]. און ווען דער טאַטע האָט אַ מאָל צוגענומען צו זיך פֿון דעם חברה־מאַן זיין ניט־געענדיקטן ראָמאַן „בת־ציון" און באַוויזן צו אַלעם ערשטן דעם קאַלעקטאָר, האָט דער קאַלעקטאָר זיך גאָרניט געקאָנט אָנקוקן אינעם כתב און אינעם לשון און אין דער מליצה! און ער האָט געשעגקט דעם „קונדאָס" אַזאַ קניפּ אין באַק, אַז ס׳איז געבליבן שטיין אַ בלויער סימן.

— איר ווייסט גאָרניט, ר׳ נחום, וואָס פֿאַר אַ פּרי דאָס איז! שטראָף מיך גאָט, אויב איר ווייסט! פֿון אים וועט עפּעס אויסוואַקסן! אָט וועט איר זען וואָס פֿון אים וועט אויסוואַקסן!...

נאָכן קאַלעקטאָר זיינען אָפּטע אַריינגעגייערס צו נחום ראַבינאָ־

---

זיך טועה זיין — אַ טעות האָבן.

קיימאַ־לן — סך־הכל, אין גאַנצן, אַ סומע, אַזוי פֿיל ווי.

נמצא — קומט אויס.

„בת־ציון" — „די טאָכטער פֿון ציון".

מליצה — בלומענשפּראַך, אַ געצאַצקעטער, געדריידלטער לשון; דער אופֿן שרייבן העברעאיש אין מיטן נייִנצנטן יאָרהונדערט.

www.libtool.com.cn

וויטשן געווען די „גערעכטע אײדעמס", די אמתע ווידישע יונגע־לייט, די צאַצקעס, די אינטעליגענץ פון שטאָט.

דער ערשטער, לייזער־יאָסל, איז געווען אַן עילוי, אַ יונגער־מאַנטשיק וואָס האָט געקענט, אַזוי האָט מען געשמועסט, טויזנט בלאַט גמרא בעל־פּה, 1.000 ניט קיין 999! פון תנך שמועסט מען ניט, היינט אַ בעל־לשון־קודש, און אַ ברען, אַ ליך, אַ פאַרשלעפּטע קרענק... בסוד האָט מען אפילו אונטערגעשמועסט, אַז ער איז אַ ביסל „געכאַפּט": פאַרקנייטשט דאָס דאַוונען, האַלט ניט פון תעניתים, טראָגט דאָס נאָזטיכל אום שבת. דאָס איז אָבער אַלצדינג געווען בטל אַקעגן די טויזנט בלאַט גמרא אויסווייניק.

דער צווייטער אײדעם, מאַגידאָוו, איז אויך געווען אַן עילוי, אויך טויזנט בלאַט גמרא אויסווייניק — 1.000 ניט קיין 999! און אויך אַ בעל־תנך און אויך אַ בעל־דיקדוק און אַ בעל־לשון־קודש, נאָר שוין נישט קיין ליך און נישט קיין פאַרשלעפּטע קרענק ווי לייזער־יאָסל. אדרבה, שוין אַ ביסל צו פיל אַ חקרן, אַ צו טיפער, פאַרדרייטער מוח. אַלצדינג וואָס איר זאָלט ניט זאָגן איז פונקט קאַפּויער. אַ שטיק עקשן — אַ „ליטוואַק"!

פאַרשטייט זיך אַז נחום ראַבינאָוויטש האָט ניט דורכגעלאָזט אַזאַ טייערע געלעגנהייט, אַז די דאָזיקע גערעכטע אײדעמס זאָלן פאַרהערן זיין קליינעם בעל־תנך און זען ווי דער ימח־שמוניק שלום שרייבט לשון־קודש. ביידע אײדעמס האָבן געפונען, אַז דער ימח־שמוניק איז טאַקע אַ ימח־שמוניק און מע טאָר אים ניט לאָזן גיין לאיבוד. מע דאַרף זען פאַר אים עפּעס אַ „תכלית", מאַכן דאָס קינד פאַר אַ „מענטשן". אײנער פון אַנדערן האָבן זיי אים אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין, געזאָגט אַז „מע קאָן גאָרניט וויסן, הערט איר, וואָס פון דעם ימח־שמוניק קאָן אַ מאָל זיין"... און דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן האָט אויך צוגעבאַמקעט, אַז ער זאָגט שוין לאַנג אַז מע קאָן גאָרניט וויסן וואָס פון דעם „שייגאָץ" (אַ קוועטש אויף דעם „אָץ") קאָן אַ מאָל זיין...

עילוי — עמעצער מיט אויסגערוויינלעכע פעאיקייטן, prodigy.
בעל־פה — אויף אויסווייניק.
אַ פאַרשלעפּטע קרענק — אַ וויצלינג, אַ לעבעדיקער יונג, אַן אַפּלאַכער.
„געכאַפּט" — געכאַפּט אין דער מעשה, ניט פרום, אַ ביסל אַן אַפּיקורס.
בטל — גאָרניט, אָפּגעשאַפט, אָן אַ ווערט.
חקרן — גריבלער, פאָרשער.
גיין לאיבוד — אין ניוועץ גיין, פאַרלאָרן גיין.
„תכלית" — דאָ: אַ פּאַסיקע פּראָפעסיע אין לעבן.

www.libtool.com.cn

און דער ימח־שמוניק האָט דאָס אַלצדינג געהערט, און די נשמה האָט אים געצאַפּלט, און דאָס האַרץ איז אים געוואַקסן, און דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט. און דער טאַטע — שמועסט מען ניט. יענער איז געווען אויפֿן זיבעטן הימל! יעדער זיפֿץ פֿונדעסטוועגן האָט אויסגעריסן אַ שטיק האַרץ. דאָס זיפֿצן האָט באַדאַרפֿט זאָגן: „איך וויים אַליין אַז מע קאָן גאָרניט וויסן וואָס פֿון דעם ימח־שמוניק קאָן אַ מאָל זיין. נאָר גיט מיר אַן עצה, יידישע קינדער, וואָס טוט מען מיט אים? ווי אַזוי מאַכט מען אים פֿאַר אַ „מענטשן”? אדרבה, גיט עפּעס אַן עצה”...

# 31

## די „פּענסיע"

www.libtool.com.cn

אַרנאָלד אַן אַפּיקורס. — שלום איז שרעקלעך מקנא דעם גימנאַזיסטל סאָלאָמאָן. — דער ווינקעלער. — דער טאַטע שטאָל און אייזן פֿאַרן „קלאַסניק". — דער העלד באַקומט אַ סטיפּענדיע. — אַ רעש אין שטאָט.

און עס האָט זיך געפֿונען איינער וואָס האָט ר' נחומען געגעבן אַן עצה, אַ שאַרפֿע, אַ ראַדיקאַלע, נאָר אַ רעכטע עצה — און אים האָט דער טאַטע געפֿאָלגט. דאָס איז געווען איינער פֿון די גרעסטע פּערעיאַסלאַווער אינטעליגענטן מיטן נאָמען „אַרנאָלד".

דער אַרנאָלד איז געווען אַ יונגערמאַן אַ פֿילאָזאָף, זייער אַ סימפּאַטישער פּאַרשוין. נישט קיין גרויסער, אַ דאַרינקער, נאָר אַ פֿעסטער, ווי פֿון שטאָל אויסגעגאָסן. אַ געל בערדעלע, און דווקא גוט אונטערגעשאָרן, קיין סימן פֿון פּאות. אַ קורץ רעקעלע, אַ דין שטעקעלע און אַ ציינגעלע — שאַרף ווי אַ גאָלמעסער! פֿעך און שוועבל! לאַכט אָפּ פֿון די חסידים, מאַכט אַ תל פֿון די „פֿאַנאַטיקער". „ערלעך דאַרף מען זיין — וואָס טויג מיר פֿרומקייט? מען איז אייך מוחל אייער פֿרומקייט, זייט בעסער ערלעך!" — און זיין שאַרפֿער, גיפֿטיקער געלעכטער הילכט אָפּ ווייט־ווייט!

פֿאַר אָט דעם חבֿרה־מאַן האָט זיך אַפּנים שלומס פֿאָטער באַרימט מיט זיין זונס שרייבעכצן און מיט אים אַפּנים זיך אַן עצה געהאַלטן, וואָס טוט מען מיטן קינד, ווי אַזוי מאַכט מען אים פֿאַר אַ „מענטשן"? שלום איז אָנגעקומען אויף די דאָזיקע רייד פֿון אַרנאָלדן:

---

גאָלמעסער — razor.

פֿעך און שוועבל — שיט פֿעך און שוועבל, רעדט זייער שאַרף קעגן מענטשן.

www.libtool.com.cn

— די שרייבעכצן זיינע בין איך אים מוחל, נעמט וואַרפֿט זיי אַרויס אויפֿן מיסט. און דעם קליינעם, אויב איר ווילט אים מאַכן פֿאַר אַ מענטשן, נעמט און גיט אים אַוועק אין דער רוסישער קרייז־שול. פֿון דער קרייזשול זיינען פֿאַר אים דערנאָך אַלע וועגן אָפֿן: ווילט איר אין ראַבינער־שול — אין אין ראַבינער־שול. ווילט איר אין גימנאַזיע — איז אין גימנאַזיע...

מיט שלומס אַריינקומען איז דער שמועס איבערגעריסן געוואָרן. און הגם אַרנאָלדס קריטיק איבער זיינע שרייבעכצן איז געווען פֿאַרן יונגן שריפֿטשטעלער עפּעס ניט אַזוי פֿויגלדיק, און אַן אָרט האָט מען זיי אַוועקגעגעבן עפּעס ניט אַזאַ בכבודיקן (אויפֿן מיסט), פֿונדעסטוועגן איז שלום געוואָרן אָט דעם אַרנאָלדן דער גרעסטער גוטער פֿריינד — נאָר פֿאַרן וואָרט „גימנאַזיע“, וואָס האָט גע־קלונגען אין זיינע אויערן ווי די שענסטע מוזיק און געהאַט דעם זיבעטן חן ביי אים אין די אויגן.

ניט אַזוי נאָך דאָס וואָרט „גימנאַזיע“, וואָס ער האָט נאָך אייגנטלעך ניט געוואוסט מיט וואָס מען עסט דאָס, ווי דאָס וואָס ער וועט זיין אַ „גימנאַזיסט“! אַ קליינינקייט, אַ גימנאַזיסט? אַ גימנאַזיסט האָט ער געוואוסט, געקענט, געזען מיט זיינע אויגן. דאָס איז געווען דער איינציקער יידישער גימנאַזיסט אין פּערע־יאַסלאַוו. און ניט קיין גימאַזיסט, נאָר אַ „גימנאַזיסטל“, מיט ווייסע זילבערנע קנעפּלעך און מיט אַ זילבערנער צאַצקע אויפֿן קאַשקעטל. און געהייסן האָט ער אויך שלום, נאָר גערופֿן האָט מען אים סאָ־לאָמאָן; אַ ייִנגל גלייך מיט אַלע ייִנגלעך, נאָר פֿאָרט ניט גלייך, פֿאָרט אַ „גימנאַזיסטל“, גאָר אַן אַנדער מין באַשעפֿעניש...

ניין, שלום האָט נאָך אויף זיין לעבן קיינעם אַזוי ניט מקנא געווען, ווי אָט דעם גליקלעכן גימנאַזיסטל. פֿאַר וואָס איז ער ניט אויף זיין אָרט? פֿאַר וואָס איז ער בעסער ניט יענקל דעם רופֿאס זון? ער הייסט דאָך אויך שלום... ער האָט אים געזען נאָך דעם אין חלום. ער האָט פֿון אים געחלומט אויף דער וואָר. ער איז אים ניט אַרויסגעקראָכן פֿון קאָפּ אויף אַ מינוט. ער איז געוואָרן ביי אים אַ משוגעת, דער צווייטער חיים פּרוכשטיין... ער האָט אים מקנא געווען, שטאַרק מקנא געווען!

צוגיין צו אים ריידן האָט ער נישט געהאַט קיין מוט. ווי אַזוי רעדט מען דאָס מיט אַ גימנאַזיסטל? ווי אַזוי טרעט מען צו צו

---

גימנאַזיע — אין רוסלאַנד high school.

www.libtool.com.cn

אַ יינגל, וואָס הייסן הייסט ער שלום און רופן רופט מען אים סאַלאָמאָן?... נאָר פֿאָרגעשטעלט האָט ער זיך אין דער פֿאַנטאַזיע, אַז ער איז אַ גימנאַזיסטל, און הייסט שוין אַליין אויך ניט שלום נאָר סאָלאָמאָן, און אַז ער טראָגט אַ מונדירל מיט זילבערנע קנעפּלעך און אַ צאַצקע אויפֿן היטעלע, און אַלע יינגלעך זײַנען אים מקנא, און אַלע יידן חידושן זיך: „אָט דאָס איז נחום ראַבינאָוויטשעס זונדל, דער ג י מ נ אַ ז י ס ט ל?... אָט דער האָט אַ מאָל געהייסן שלום?”...

מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ גדולה, וואָס פֿאַר אַ יום־טוב ס'איז געוואָרן ביי שלומען אין האַרצן יענעם טאָג, אַז דער טאַטע האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז מאָרגן, אם ירצה השם, הייבט ער אָן צו גיין אין די קלאַסן. ער איז שוין געווען, זאָגט ער, ביים דירעקטאָר:

— פֿון קרייזשול, אַז גאָט וועט געבן, וועסטו אַריין אין גימנאַזיע, און פֿון דאָרטן נאָך ווייטער... ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך, אַבי זאָלסט נאָר וועלן זיך צוסטאַרען אַ ביסעלע.

שלום האָט שיר ניט אַרויסגעלאָזט קיין קוויטש — ער זאָל זיך ניט שעמען פֿאַרן טאַטן. אַ שאלה אויב ער וועט זיך צוסטאַרען! פֿאַר די אויגן איז אים געקומען יענקל דעם רופֿאס גימנאַזיסטל מיט די זילבערנע קנעפּלעך און מיטן מאָדנעם היטעלע מיט דער צאַצקע, — און דאָס האַרץ איז אים געוואָרן פֿול, און דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט, און טרערן, טרערן פֿון פֿרייד האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. נאָר ער איז געבליבן שטיין ווי אַ סטאַטיק, אַ נעבעכל וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן. דער סטאַטיק האָט אָבער אַרויסגעקוקט אויף דער מינוט, ווען ער וועט קאָנען בלייבן אַליין: ער וועט שענקען זיך אַליין צוויי פּעטש אין ביידע באַקן, אָדער ביידע ליטקעס, אָדער גאָר געבן זיך אַ וואַרף אַרויף אויף דער ערד און איבערקוליען זיך דריי מאָל הין־און־צוריק, אָדער אַוועקשפּרינגען אויף איין פֿוס ווייט־ווייט און אויסרופֿן מיט אַ ניגון:

סאָלאָמאָן! סאָלאָמאָן!
גימנאַזיסטל סאָלאָמאָן!

---

מונדיר — אוניפֿאָרעם.
צוסטאַרען זיך — זיך באַמיען.
ליטקעס — די מוסקלען פֿון די פֿיס, calves.
איבערקוליען זיך — איבעדרייען זיך, איבערקייקלען זיך.

www.libtool.com.cn

— און דערווייל גיי, זיי מוחל, פּראָוויגן דאָס קינד, דערנאָך ווערסטו זיך זעצן העלפֿן האַקן ראָזינקעס.

דאָס פּאַרשטייט זיך זאָגט די שטיפֿמאַמע. און בכדי עס זאָל ניט זיין קשה וואָס פּאַר אַ ראָזינקעס, וואָס מע דאַרף זיי האַקן, באַדאַרף מען געבן צו וויסן, אַז ווייל פּונעם איינפּאַר אַליין קאָן מען נישט לעבן, האָט נחום ראַבינאָוויטש געעפֿנט אַ קעלער, אַ ווייַנקעלער. ער אַליין טאַקע האָט געמאַכט די ווייַנען פֿון געהאַקטע ראָזינקעס אונטער אַלערליי נעמען. פּונעם וויין האָט זיך געצויגן דאָס שטיקל ברויט גאָר נישקשהדיק, מער פֿון אַלע אַנדערע פּרנסות.

דאָס אַריינטרעטן אין דער קרייזשול איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג און ניט אָפּגעלאָפֿן גלאַט. דער ערשטער שטיין אין וועג איז געווען דער פּעטער פּיניע. ער האָט געאַרבעט מעשים. סטייטש, נעמען קינדער און מאַכן זיי פֿאַר גויים! ער האָט זיך ניט באַרואיקט, ביז ער האָט ניט גענומען ביים ברודער דאָס וואָרט, אַז ער וועט כאָטש ניט לאָזן זיינע קינדער שרייבן אום שבת. דעם תנאי האָט טאַקע נחום ראַבינאָוויטש אויסגענומען מיטן דירעקטאָר פֿון קרייזשול בפּירוש, אַז שבת באַדאַרפֿן זיינע, ראַבינאָוויטשעס, קינדער זיין פֿריי.

די צווייטע שוועריקייט פֿאַר די קינדער איז געווען די שפּראַך. זיי האָבן ביים אַריינטרעטן אין קלאַס פֿאַרשטאַנען אַזוי ווינציק רוסיש, אַז אַלע האָבן פֿון זיי געמאַכט חוזק: סיי דער לערער, סיי די חברים. עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז די בענק לאַכן. און דאָס האָט דעם טשיקאַוון שלומען פֿאַרדראָסן. ער איז געווינט געווען אָפּצולאַכן פֿון דער גאַנצער וועלט, צום סוף לאַכט מען גאָר פֿון אים!...

און די חברים, די שקצימלעך, האָבן אויך ניט געשוויגן. קוים האָט זיך געענדיקט דאָס לערנען אין קלאַס און די יידישע קינדער האָבן זיך באַוויזן אין הויף, אַזוי האָט מען זיי אָנגעקגעלייגט אויף דער ערד, און דווקא אין גוטן מוט, צוגעהאַלטן די הענט מיט די פּיס, און גוט אָנגעשמירט די יידישע פּיסקעס מיט גויאישן חזיר...

געקומען דערנאָך אַהיים מיט באַטריבטע הערצער, האָבן זיי מורא געהאַט צו דערציילן דעם אמת, מע זאָל זיי ניט אָפּנעמען פֿון די קלאַסן. די שטיפֿמאַמע האָט אַזוי אויך געקאָכט און געגראָבן

---

קשה — שווער, אומקלאָר, אומפֿאַרשטענדלעך.

www.libtool.com.cn

אויף די „קלאַסניקעס" (אַזוי האָבן געהייסן ביי איר די קינדער נאָכן אריין אין קרייזשול). און ווייל שלום איז געווען מער מתמיד פון אַלעמען, האָט זי אים גערודפט מער פון אַלעמען.

איין מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט שלום געלייענט, אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטוב און איינגעחזרט אויף אויסוויינינק די לעקציע, און דער טאַטע איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און האָט געדאַוונט. די שטיפמאַמע האָט זיך געטאָן איר ארבעט: זי האָט געיאַדעט דעם טאַטן, זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם וואָס פּאַר אַ גוטן אַפּעטיט, קיין עין-הרע, זיינע קינדער האָבן צום עסן און וואָסערע גוטע מאַגנס זיי האָבן. נישט פאַרגעסן אַנצורירן אויך דעם טאַטנס משפּחה... דאָס אַלצדינג האָט דעם טאַטן נישט גערירט. ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט געדאַוונט, גלייך ווי ניט אים מיינט מען. נאָר אַט האָט זי זיך צעלאָזט מיט איר מענה-לשון אויף שלומען, למאי ער גייט אַרום און לערנט:

ער מיינט, דער שיינער קלאַסניק, אַז כריין איז זיין פּעטער און אַז ער איז שוין אַ גאַנצער פריץ און איז שוין פּטור פון אַלצדינג אַחוץ עסן! נישקשה, עס מעג דיר נאָך אָנשטיין, דו שיינער קלאַסניק מיט די אויסגעדרייטע שטיוועלעך, זיך מטריח זיין אַריינטראָגן דעם אורח דעם סאַמאָוואַר. עס וועט חלילה ניט אָפּפאַלן פון דיר קיין האָר אפילו, און צום אַפּעטיט וועט דאָס דיר ניט שאַטן, און צום שידוך אַוודאי ניט...

דער „קלאַסניק" איז שוין גרייט געווען זיך לאָזן אין קיך אַריין נאָכן סאַמאָוואַר, אַז עס טוט זיך ניט אַ וואָרף דער טאַטע און כאַפּט אים ניט אָן פאַר אַ האַנט און צעלאָזט זיך ניט מיט אימפּעט אויף לשון-קודש (נישט געוואָלט אין דאַוונען מפסיק זיין):

— אי—אַ—נו—פּע—לאַ! לאַ! בשום אופן! מע דאַרף ניט! איך הייס ניט! איך וויל ניט! — האָט ער אויסגעלאָזט אויף יידיש און איז אַנגעפאַלן אויף דער שטיפמאַמע מיט אַ פייער אפשר דאָס ערשטע מאָל זינט זי איז זיין ווייב, אַז זי זאָל זיך ניט דערוועגן מער שאַפן מיט אים פון דאַנען אַהין! מיט אַלע קינדער קאָן זי זיך שאַפן, נאָר ניט מיט שלומען! שלום איז ניט גלייך צו אַנדערע! שלום באַדאַרף לערנען!

---

מתמיד — פלייסיקער.
יאַדען — נודיען, זיך איינעסן אין עמעצן, פּאַרוואַרפן, to nag.
זיך מטריח זיין — זיך באַמיען.

www.libtool.com.cn

„איין מאָל פאַר אַלע מאָל! אָט אַזוי וויל איך, און אָט אַזוי איז דאָס, און אָט אַזוי וועט דאָס זיין".

די שטיפמאַמע האָט צוגעביסן די צונג און איז אַנטשוויגן געוואָרן ווי אַ קעצעלע. פון דעמאָלט אָן איז זי צו שלומען געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש.

און אַז עס הייבט אָן גיין אַ מענטשן, גייט עס. איין מאָל אין קלאַס האָט דער דירעקטאָר פון דער קרייזשול, אַ גאַנץ וואוילער גוי, אָנגענומען שלומען ביים אויער און געהייסן, אַז דער טאַטע זאָל קומען צו אים צו גיין אין דער קאַנצעלאַריע. ער דאַרף אים עפּעס זאָגן. דערהערט אַז דער דירעקטאָר רופט אים, האָט זיך נחום ראַבינאָוויטש ניט געלאָזט לאַנג בעטן, אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, נאָך שטאַרקער אונטערגעקאַטשעט די אונטערגעקאַטשעטע פּאות און איז אַוועק צום דירעקטאָר הערן, וואָס וועט ער זאָגן. לאָזט זיך אויס אַזאַ געשיכטע: אַזוי ווי זיין זון שלום לערנט זיך אויסגעצייכנט גוט, קאָן ער אים שענקען אַ „פּענסיע" (דאַכט זיך אויב ניט הונדערט צוואַנציק רובל אַ יאָר, אָדער הונדערט צוואַנציק רובל אַ האַלב יאָר).

דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ מאָדנעם רעש און טומל אין שטאָט. פאַר נאַכט קליבן זיך צונויף די משפּחה — אָנקוקן וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט, דער „בעל־הפּענסיע". אַך! ווער עס האָט ניט געזען דעמאָלט דעם טאַטן, ווי ער האָט געשיינט און געלויכטן, דער האָט גאָר קיין גליקלעכן מענטשן אויף זיין לעבן נישט געזען. אפילו די שטיפמאַמע וואָס האָט זיך משמח געווען גלייך מיט אַלע און איז דעם דאָזיקן טאָג געווען מאָדנע גוט, מכבד געווען די משפּחה מיט טיי און איינגעמאַכטס, האָט באַקומען חן אין די אויגן פונעם בעל־הפּענסיע, וואָס האָט איר פאַרגעסן און מוחל געווען אַלצדינג. „וואָס איז געווען — איז געווען"... איצט איז ער אַ העלד. אַלע קוקן אויף אים. אַלע ריידן פון אים. אַלע לאַכן און פרייען זיך. דער מומע חנהס קינדער, וואָס האָבן ליב צו טרייבן מיט אים קאַטאָוועס, פרעגן אים: וואָס רעכנט ער צו טאָן מיט אַזוי פיל געלט? גלייך ווי זיי ווייסן ניט, אַז פונעם געלט וועט ער ניט זען אַ גראָשן אין די אויגן. גלייך ווי זיי ווייסן ניט, אַז דאָס געלט וועט צו נוץ קומען דעם טאַטן אין געשעפט אַריין, אינעם ווינקעלער.

שאַט! אָט איז ער אויך דאָ — דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַר־

קאַנצעלאַריע — government-office.

צע ברילן און מיט די טיפע קאַלאָשן. ער וויל נאָר אַ קוק טאָן מיט זיינע בלינדע אויגן אויף דעם קונדאַס (אַ קוועטש אויפן „אַס”) און געבן אים, דעם שייגאַץ (אַ קוועטש אויפן „אַץ”), אַ קניפּ אין בעקל, אַרויסרייסן אַ שטיק פלייש. אויך די „איידעמס”, לייזער־יאָסל און מאַגידאָוו, זיינען אַריינגעקומען צום טאַטן אָפּגעבן מזל־טוב און אַ ביסל זיצן און שמועסן פון השכלה און פון ליכטיקייט, פון פּראָגרעס און פון ציוויליזאַציע.

און נאָך זיי איז געקומען אַרנאָלד און האָט אַ ביסל פאַרשטערט שלומען די שמחה. ערשטנס, האָט ער באַוויזן די יידן, אַז זיי זיינען בהמות, זיי ווייסן ניט וואָס זיי ריידן. די פּענסיע איז ניט קיין פּענסיע, נאָר אַ סטיפּענדיע; פּענסיע איז פּענסיע און סטיפּענדיע איז סטיפּענדיע. והשנית, איז שלום ניט דער איינציקער — ס'איז דאָ נאָך איינער אין דער קרייזשול, וואָס האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע, אויך אויף הונדערט און צוואַנציק רובל (און דאָס איז געווען שלומס נייער חבר פון קרייזשול. אלי האָט ער געהייסן, אלי דאָדים).

דערווייל איז שלום געווען אויפן זיבעטן הימל. ער האָט אַרויסגעזען בחוש, אַז זיינע אַמאָליקע חלומות וועגן זיין חבר שמואליקס „אוצר” הייבן אָן פאַוואָלינקע מקוים צו ווערן. . .

השכלה — בילדונג, די באַוועגונג צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן.

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# 32
## דער יצר־הרע פון פידל

אַ מעשה מיט אַ יידיש ביכל וואָס רופט אַרויס געלעכטער. — יהושע־העשל
דער קלעזמער מיט זיין כּאַליאָסטרע. — וואָס טוט מען ?
קיין געלט איז נישטאָ !

שלומס אידעאַל איז געווען צו זיין אַ מחבר, אַ שרייבער, און ניט נאָר מיט אַ קריידל אויף די ווענט (און שבת נאָך דערצו און דער פּעטער פּיניע זאָל אים פּאַקן !), נאָר טאַקע אַ שרייבער פון אַ בוך. אויף אים האָט נביאות געזאָגט זיין אַלטער פריינד דער קאָלעקטאָר, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ שרייבער און וועט שרייבן העברעאיש. אַרנאָלד דער אַפּיקורס האָט געדרונגען פאַרקערט : אַז אויב אַט דער חברה־מאַן וועט אַמאָל שרייבן, וועט ער שוין זיין בעסער אַ רוסישער שרייבער, ניט קיין העברעאישער.

אַז דער „חברה־מאַן" וועט אַמאָל שרייבן יידיש — דאָס איז קיינעם אויף די געדאַנקען ניט געקומען, וואָרעם יידיש איז דען אויך אַ שפּראַך ? דאָס הייסט, ריידן האָט מען קיין אַנדער שפּראַך ניט גערעדט אויסער יידיש, נאָר אַז מע קאָן שרייבן אויף יידיש — ווער האָט דאָס געוואוסט ? „זשאַרגאָן", „עברי־טייטש" — דאָס איז אַ מאכל פאַר ווייבער. אַ ייד האָט זיך געשעמט צו האַלטן אַ יידיש ביכל אין די הענט — מע וועט זאָגן : אַ גראָבער יונג !

פונדעסטוועגן געדענקט זיך אַ מעשה נאָך פון קינדוויַיז. נאָך אין יענעם פאַרוואָרפענעם קליינעם שטעטעלע, אין וואָראָנקאַ, האָט אַ יידיש ביכל, און דווקא אויף „זשאַרגאָן" געשריבן, געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ ביכל — קאָן זיך שלום ניט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר אַז ס'איז געווען אַ ביכעלע אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט גרעלע, פאַרסמאָלצעוועטע, צעפּאַ־לענע בלעטלעך, אָן טאָוועלעך, און אפילו אָן אַ פאָדערבלעטל.

www.libtool.com.cn

שבת צו נאַכטס. אַלע באַלעבאַטים פון שטאָט האָבן זיך צונויפ־געקליבן ביי ר׳ נחום וועוויקס אויף מלוה־מלכה.¹ די מאַמע איז פאַרנומען אין קיך מיטן באַרשט, און דער עולם האַלט זיך אונטער דערהוייל. ר׳ נחום לייענט אַ מעשה־ביכל. דער טאַטע לייענט, און דער עולם זיצט אַרום טיש, רייכערט פּאַפּיראָסן און מע קאַטשעט זיך, מע האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער. מע רייסט איבער אַלע מינוט דעם פאַרלייענער און מע דריקט אוים די גרויסע התפעלות הויך אויף אַ קול. און עס שיטן זיך קללות אויפן מחברם אַדרעם: „אַט אַ ימח־שמוניק! אַ כל־בוניק! אַ ממזר! אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!״ . . . אַפילו דער פאַרלייענער אַליין קאָן זיך ניט איינ־האַלטן, ווערט שיר דערשטיקט פאַר געלעכטער!

די קינדער ווילן ניט גיין שלאָפן, און שלום אַוודאי ניט. פאַר־שטיין וואָס דער טאַטע לייענט — פאַרשטייט ער ניט, נאָר ס׳איז אים גלאַט געפעלן צו זען, ווי יידן מיט בערד קאַטשען זיך, האַלטן זיך ביי די זייטן און שיסן אַלע מאָל מיט אַ געלעכטער. און ער זיצט פון דער ווייטנס און קוקט אין אַלעמעס פּנימער, ווי זיי שיינען, און ער איז מקנא יענעם יידן וואָס האָט געמאַכט אָט דאָס ביכעלע, און זיין טיפסטער וואונטש איז אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויס־וואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייבן אַזאַ מין ביכעלע וואָס יידן וועלן דאָס לייענען און וועלן לאַכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין טאַטנס טאַטן אַריין . . .

נאָר ווי די מעשה איז, אויב ער וועט זיין אַ שרייבער אָדער ניט, אויב ער וועט זיין אַ העברעאישער שרייבער אָדער אַ רוסי־שער — אַ „קענער״ וועט ער שוין זיין געווים. ס׳איז גאָר ניטאָ צו ריידן. זיין אַ „קענער״ — דאָס האָט ער געמוזט און דאָס האָט ער געוואָלט. ער האָט געוואָלט קענען אַלצדינג. אַפילו אַזאַ זאַך ווי פידל שפּילן.

שפּילן אויפן פידל איז אין יענער צייט געשטאַנען אין פּראָגראַם פון קענטעניש גלייך מיט אַנדערע זאַכן און האָט זיך אָנגעקערט מיט לערנען, ווי אַ שטייגער אַ טאַטנס אַ קינד האָט געלערנט דייטש אָדער „פראַנצויז״. חיים פּרוכשטיין האָט געשפּילט פידל. אַ סך יינגלעך האָבן געשפּילט פידל. מיט וואָס איז שלום ראַבינאָוויטש ערגער פון זיי?

האָט אָבער דער טאַטע ניט געוואָלט. ער האַלט ניט דערפון.

---

¹ מלוה־מלכה — די סעודה שבת־צו־נאַכטס.

www.hbtool.com.cn

עס איז אַן איבעריקע זאַך, האָט ער געזאָגט, אַז עבירה די צייט, און עס קומט אויס ביי אים מעשׂה קלעזמער. מאַטעמאַטיקע, געאָ־גראַפיע — דאָס איז אַ זאַך. אָבער רימפּלען אויפן פּידל — וואָס איז פאַר אַן עובֿדא? אַזוי טענהט נחום ראַבינאָוויטש און איז פון זיין שטאַנדפּונקט אפשר גערעכט.

הערט זשע אָבער וואָס זאָגט דערויף יהושע־העשל דער קלעז־מער? יהושע־העשל דער קלעזמער איז אַ ייִד אַן ערלעכער, אַן איידעלער ייִד, מיט צוויי גראָבע געדיכטע פּאות. זאָגט ער בפירוש: „וואָס געהער זיך אָן דאָס מיט דעם? ער האָט, זאָגט ער, אויך קינדער, ניט ערגער פון אַלע ייִדישע קינדער, און שקצים אויך גוטע, דער רוח האָט זיי ניט גענומען! אלא דעריבער איז וואָס? האָט איר מורא אַז זיי שפּילן ניט ביי אים אויף אַלע אינסטרומענטן?"...

יהושע־העשל דער קלעזמער האָט געוואוינט ניט ווייט פון חדר, אַזוי אַז מען איז געגאַנגען אין חדר אַריין, האָט מען באַדאַרפט דורכגיין פאַרביי יהושע־העשלען. דאָס הייסט קיין מוז איז דערביי ניט געווען: מען האָט זייער שיין געקאָנט אויסמיידן און עס וואָלט געווען אַ סך נענטער, האָט אָבער שלום ליב געהאַט דווקא צו גיין פאַרביי יהושע־העשלען און דווקא בלייבן שטיין הינטערן פענצטער און הערן ווי יהושע־העשל דער קלעזמער מאַכט רעפּע־טיציע מיט זיינע בנים וואָס שפּילן אויף אַלערליי אינסטרומענטן. און דעמאָלט איז אים געווען ניט אָפּצורייסן און ניט אָפּצוטרייבן.

יהושע־העשלס בנים האָבן דאָס באַמערקט. האָט דער עלטערער, העמעלע, אים מכבד געווען איין מאָל מיטן סמיטשיק, דאָס אַנדערע מאָל מיט אַ קוואָרט וואַסער — עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דורך איין ציגאַר טיטון איז מען מיט העמעלען געוואָרן חבר, און שלום איז געוואָרן אַ בן־בית ביי יהושע־העשל דעם קלעזמער, נישט דורכ־געלאָזט קיין איין רעפּעטיציע (און רעפּעטיציעס זיינען געווען דאָרט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק) און דורך זיי האָט ער זיך באַקענט מיטן גאַנצן בינטל מוזיקאַנטן, מיט דער גאַנצער קלעזמערשער משפּחה, מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט אַלע זייערע מנהגים, מיט זייער אַרטיסטיש ציגיינער־לעבן, און אַפילו מיט זייער שפּראַך, „קלעזמער־לשון". און דערנאָכדעם, שוין ווי **שלום־עליכם**, האָט ער

---

רימפּלען — שלעכט שפּילן, אַרויסברענגען מאָדנע קלאַנגען ציענדיק די סטרונעס.
רעפּעטיציע — rehearsal.

עם טיילווייז אויסגענוצט אין זיינע ווערק: „אויפן פידל", „סטעמ־פעניו", „בלאָנדזשענדע שטערן" און אַנדערע.

ווי איר זעט איז אין לערנען פידל שפילן ניט געווען קיין מניעה. געהערט האָט ער געהאַט גענוג. אַ טאַלאַנט, זאָגט יהושע־העשל דער קלעזמער, האָט ער אויך געהאַט. וואָס זשע נאָך פעלט? אַן אינסטרומענט, אַ פידל. און אַ פידל קאָסט געלט. און קיין געלט איז נישטאָ! וואָס טוט מען? דאַרף מען, הייסט עס, קריגן געלט...

אָט דאָ, ביי דעם קריגן געלט, האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, אַ קאָמישע, נאָר אַ טרויעריקע, אַ מין טראַגי־קאָמעדיע.

www.libtool.com.cn

# 33

www.libtool.com.cn

## לא תגנוב!

**דעם אורחס בייטעלע מיט קליינגעלט. — ער באַגייט אַ גנבה און האָט חרטה. — ווי אַזוי ווערט מען פטור פונעם בייטעלע?**

צווישן די אורחים וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די ראַבינאָוויטשעס אין „איינפאָר" איז געווען איינער אַ באַשטענדיקער אורח, אַ ייד אַ ליט־וואַק, אַ תבואה־הענדלער, מיטן נאָמען וואָלפסאָן. דער וואָלפסאָן פלעגט איינשטיין חדשים־לאַנג און האָט זיך געהאַט זיין שטענדיקן חדר. געווען איז דער וואָלפסאָן ביי די ראַבינאָוויטשעס אַ מענטש אַ היימישער, געגעסן דאָס וואָס אַלע עסן, און אַז די שטיפ־מאַמע איז געווען עפּעס ניט אַזוי אויפגעלייגט, האָט ער געכאַפּט פון איר אַ פסק גלייך מיט אַלעמען, ווי אַן אייגענער...

געטראָגן האָט ער אין שטוב אַ קורץ כאַלאַטל און אַ מאָל איז ער געגאַנגען גאָר אָן אַ כאַלאַט, און גערייכערט האָט ער מוראדיק גראָבע געבלעטערטע ציגאַרן און ליב געהאַט צו ריידן, האַלטנדיק די געבלעטערטע ציגאַרן אין מויל, די הענט אין די הויזן, און גערעדט, און גערעדט — ניין מאָס רייד!

דער חדר איז געווען אָפן, דאָס סאַמאָוואַרל ביים טיש, דאָס טישקעסטל צוגעשלאָסן, נאָר די שליסעלעך הענגען דערביי — אַ דריי מיטן שליסל און דאָס טישקעסטל איז אָפן. וואָס אין טיש־קעסטל טוט זיך — ווייסן אַלע. דאָרט געפינען זיך ביכער, בריוו, חשבונות און געלט. איין טייסטער אַ גרויסער, אַ גראָבער, אָנגע־שטאָפּט מיט פּאַפּירגעלט — ווער ווייסט וויפל דאָרט איז! און אַחוץ דעם טייסטער, אַ לעדערן בייטעלע, אַן אַלטס, אַן אָפּגעקראַכנס,

---

לא תגנוב — „זאָלסט ניט גנבענען", פון צען געבאָט.
טייסטער — pocket-book.

www.hbtool.com.cn

נאָר שטענדיק פול מיט קליינגעלט, זילבערנע און קופּערנע מטבעות, אויך היפּשלעך — הלוואי פאַרמאָגט דאָס אַזאַ יינגל ווי שלום, כאַטש חאַלב, וואָלט אים אויך געניג געווען אויף צו קויפן די בעסטע פּידל אין דער וועלט...

ניט איין מאָל האָט וואָלפּסאָן געהאַט געעפנט דאָס טישקעסטל פאַר איטלעכן אין די אויגן און ניט ווילנדיק האָט שלום געכאַפּט אַ קוק אויפן אָנגעפּאַקטן טייסטער מיט פאַפּירגעלט און דערהויפּט — אויפן לעדערן בייטעלע מיט מינץ. און זיין גרעסטער וואונטש איז געווען, אַז וואָלפּסאָן זאָל אַ מאָל פאַרלירן אָט דאָס בייטעלע און ער, שלום, זאָל דאָס געפינען. דאָס וואָלט געווען, ווי מע זאָגט, אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל. וויל ער אָבער ניט פאַרלירן, דער ליט־וואַק!...

פּועלט ביי זיך שלום, אַז ווען וואָלפּסאָן גיט אים למשל די הויזן אויספּוצן און פאַרגעסט דאָרטן דאָס בייטעלע, וואָלט ער עס אים אַ מכּה אָפּגעגעבן צוריק! ס'האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון קעשענע בשעתן רייניקן — וואָס איז ער שולדיק? איז אָבער וואָלפּסאָן אויך ניט קיין נאַר. אַלע מאָל ווען ער גיט די קינדער פּוצן די מלבושים, ליידיקט ער פריער אויס אַלע קעשענעס — אַ ליטוואַק בלייבט אַ ליטוואַק!

פאַרדריסט דאָס שוין שלומען. איז ער זיך מיישב איין מאָל, אַז ס'איז יאָ אַזוי, אַז פאַרלירן ניט און פאַרגעסן אויך ניט, באַדאַרף מען געבן אַ קוק אַריין אין קעסטעלע, וויפל קליינגעלט דאָרט געפינט זיך... און מיט דער דעה ניט חלילה צו באַגיין אַ גנבה, נאָר גלאַט אַזוי פון נייגעריקייט, האָט שלום איין מאָל אין אַ פרימאָרגן אַריינ־געכאַפּט זיך צו וואָלפּסאָנען אין חדרל אַריין, זיך אַרומגעדרייט אַ ווײַלע, כלומרשט אויפגערוימט ביים טיש, בשעת דער ליטוואַק איז געשטאַנען אין זאַל מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אין מויל און געגראַגערט. פונעם דאַזיקן אַרומדרייען זיך איז אָבער נישט אַרויסגעקומען גאָרנישט. ביים אָנרירן מיט דער האַנט די קאַלטע שליסעלעך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס בינטל שליסעלעך האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלד, און עס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס. האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס און אַוועק פון וואָלפּסאָנס חדרל מיט ליידיקע הענט.

דער ערשטער סעאַנס איז אים ניט געראָטן. האָט ער געוואָרט אויף אַ צווייטן מאָל, זיך אַליין אויסגעוואָרפן, אַז ער איז אַ גנב:

www.libtool.com.cn

„ביסטו א גנב, שלום! האסטו נאר געהאט אין מחשבה א שלעכטע, ביסטו שוין א גנב... א גנב! א גנב!"

וואלפסאן האט פיינט געהאט צו זיצן איינער אליין ביי זיך מיט די פיר ווענט. אין זאל זיינען געווען נאך אורחים. האט ער בעסער פארבראכט אין זאל, גערייכערט און גערעדט ווי אלע מאל. שלום האט זיך ווידער א מאל אריינגעכאפט אין וואלפסנס חדרל. איצטיקס מאל שוין מיט דער דעה ניט א קוק צו טאן, נאר טאקע עפעם גענימן אויך . סיי ווי סיי א גנב...

אריינגעכאפט זיך, האט ער זיך איבערגעבויגן מיטן גאנצן גוף איבערן טיש, גלייך ווי ער וואלט וועלן עפעם דערלאנגען פונעם אנדערן ברעג טיש, מיט דער לינקער האנט געגעבן א נעם דעם קאלטן שליסל, א דריי רעכטס — דער שלאס האט זיך געעפנט מיט א שטילן קלאנג — דזין! — און אנטשוויגן געווארן. ער האט געגעבן א קוק אריין אינעווייניק און געבליבן א פארציטערטער. צו ערשט האט ער דערזען פאר זיך דעם גראבן טייסטער אן אפענעם, פול און פול געפאקט מיט פאפירגעלט. איין פאפירל ווען ער טוט נאר א שלעפ ארויס פון דארטן — איז ער דאך שוין א געהאלפענער! ווער וועט זיך ארומקוקן? נעם זשע, שוטה, און שלעפ ארויס — ניין! קאן ער ניט! עס טרייסלען זיך אים די הענט, עס קלאפט אים א צאן אויף א צאן און עס פארציט אים דער אטעם. ער כאפט בעסער א קוק אויפן לעדערנעם בייטעלע — ס'איז געפאקט! ער וויל דאס א נעם טאן — פאלגט אים ניט די רעכטע האנט. עפענען דאס בייטעלע און ארויסנעמען פון דארט עטלעכע זילבערנע מטבעות וואלט אויך געווען נישקשה — איז צו פיל ארבעט. נעמען דאס בייטעלע און אריינרוקן דאס אין קעשענע — וועט מען זיך באלד ארומקוקן.

דערווייל די צייט שטייט ניט און די מינוטן ציען זיך. א מינוט א יאר... און דא דערהערט זיך א שארך... אהא, ער שקראבעט שוין, דער ליטוואק, מיט די אויסגעטראטענע שטעקשיך... א דריי דעם שלאס מיט דער רעכטער האנט צוריק — און לאזט זיך גיין פון חדר ווידער מיט ליידיקע הענט, רעכנט באגעגענען זיך מיט עמעצן. צום סוף — ווער? וואס? ניטא קיינער! גיין נאך א מאל צוריק — שוין צו שפעט. באדארפט פריער! דורכגעלאזט אזא געלעגנהייט!... „ביסט אן אידיאט, שלום! דו ביסט ביידע זאכן: אי א גנב, אי אן אידיאט!"...

דער דריטער סעאנס, אין א צייט ארום, איז שוין גאר אפגעלאפן

www.libtool.com.cn

גלאָט. ער האָט אויסגעמידן די פריערדיקע הכנות, גלייך צו צום טיש, אויפגעעפנט דעם שלאָס, אַריינגעשטעקט די האַנט אין שופלאָד, געגעבן אַ נעם דאָס בייטעלע, געגעבן דאָס אַ לאָז אין קעשענע, צוגעמאַכט צוריק דעם שופלאָד און אַוועק מיט די ביכלעך אין קלאַס אַריין, דווקא ניט געכאַפּט זיך, דווקא פּאַוואָליע און דאַכט זיך אַזוי קאַלטבלוטיק, כמעט שלעפעריק. נאָר אַרויסגייענדיק פון שטוב האָט ער דערפילט, אַז דאָס בייטעלע ברענט אים דורך דער קעשענע דאָס לייב און אַז ער דאַרף עס ביי זיך ניט האַלטן בשום אופן ואופן! און אַנשטאָט דעם ער זאָל גיין אין קלאַס, כאַפּט ער זיך אַריין אין שטאַל אַריין, דאָרט וואו מען האַלט האָלץ, אַנגעהאַקט האָלץ, בייגט זיך אָן און טוט אַ רוק אַריין דאָס בייטעלע אין ווייטן פינ-צטערן קעלער אַריין, צווישן האָלץ און צווישן דער וואַנט, מאַכט אַ סימן מיטן אויג, ער זאָל געדענקען דעם אָרט אַקוראַט — און מאַרש אין קלאַס אַריין.

געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן אַ חורבן, אַן איבערקערע-ניש! דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט איז צעוואָרפן, די קיך — מיטן קאָפּ אַראָפּ. די שיקסע וויינט, שווערט אַז זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. דער טאַטע איז אויס מענטש, שוואַרץ ווי די ערד, אַזש איינגעבויגן אין דרייען. די שטיפמאַמע פייערט, שעלט — וועמען? שווער צו וויסן. וואָרעם די קללות גייען ביי איר אין אַ מערצאָל. און דער אורח אַליין, וואָלפּסאָן מיטן כאַלאַטל, שטייט מיט דער גראָבער בלעטערנער ציגאַר אין מויל, האַלט די הענט אין די קע-שענעס, קוקט אויף די קינדער, שמייכלט און רעדט צו זיך אַליין: „ערשט היינט אין דער פרי געהאַלטן ד י בייטעלע, פון שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען”...

— האָט איר ניט געזען דאָס בייטעלע? — פרעגט דער טאַטע ביי די קינדער, און שלום שטעלט זיך אַרויס פאַר אַלע:

— וואָסער בייטעלע?

זעלטן ווען דער טאַטע איז אין כעס. איצט קאָן ער שוין ניט איינהאַלטן זיך און פאַלט אָן אויף זיין ליבלינג און קרימט אים איבער:

— „וואָסער בייטעלע?” וואָס זאָגט איר אויף דעם תם? אַ

---

הכנות — צוגרייטונגען.
תם — נאַאיווער, נאַר.

גאַנצן פּרימאָרגן הערט ער „בייטעלע־בייטעלע! בייטעלע־בייטע־לע!״ — פרעגט ער גאָר: „וואָסער בייטעלע?״...

און צום אורח זאָגט דער טאַטע:

— וויפל פּאָרט איז דאָרט געווען געלט ביי אייך אין בייטעלע?

— עס האַנדלט זיך ניט אום געלט — ענטפערט וואָלפּסאָן אויף זיין ליטוויש לשון — דאָ האַנדלט זיך אום די בייטעלע! ערשט היינט אין דער פרי געהאַלטן די בייטעלע, ניט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב ניט אַרויסגעגאַנגען!...

ניין, איצט איז ניט די צייט געוואָר צו ווערן, וויפל געלט עס געפינט זיך אין בייטעלע. שלום קאָן באַשטיין אָפּלייגן די אַרבעט אויף מאָרגן, אָדער אויף איבערמאָרגן. דערווייל דאַרף מען זיך נעמען צו די ביכלעך, חזרן די געאָגראַפיע מיט דער היסטאָריע אויף אויסווייניק, מאַכן אַ פּאָר טעאָרעמעס פון געאָמעטריע... נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. און דאָ אין שטוב קאָכט זיך! דאָס גאַנצע הויז איז אויף רעדלעך. אַלע זוכן דאָס בייטעלע און שלום זוכט גלייך מיט אַלעמען, טוט אַ קוק אויפן טאַטנס פּנים און עס פאַרגייט אים דאָס הארץ, קאָן ניט זען ווי ער גייט איינגעבויגן, קאָן ניט הערן ווי ער זיפצט און ווי ער קרעכצט. און ערשט דאָ דערפילט דער גנב וואָס פאַר אַ מיאוסע זאַך ער האָט אָפּגעטאָן. און ער האָט חרטה אויף דער מעשה, איז אויפגעטראָגן אויפן יצר־הרע וואָס האָט אים אָנגערעדט אויף אַזאַ עבירה, אַרויפגעפירט אויף אַ גליטש.

ווי אַ יאָר האָט זיך געצויגן יעדער שעה, ווי אַן אייביקייט האָט אויסגעזען דער טאָג. קוים דערלעבט דעם פאַרנאַכט, ווען דער רעש מיטן טאַרעראַם האָבן זיך אַ ביסל איינגעשטילט און די שטוב־צרות מיט די דאגות פּרנסה האָבן אַרויסגעשטויסן אויף אַ ווײַלע דעם האַרמידער פון דער גנבה. האָט זיך דער קליינער גנב אַריינגעכאַפּט אין הויף, אַריינגעכאַפּט זיך אין שטאַל פון האַלץ, פאַוואָליע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אַרויסגעצויגן פון צווישן וואַנט דאָס בייטעלע, אויפגעעפנט דאָס, געגעבן אַ קוק אַריין — און... דאָרטן איז געלעגן אַן אַלטע, אָפּגעריבענע מטבע פון פאַר־צייטן, וואָס האָט אַמאָל געדאַרפט באַטרעפן צען קאָפּיקעס, נאָר היינט איז זי ניט ווערט גאָרניט, וואָרעם קיינער נעמט זי ניט!... און דאָס בייטעלע אַליין איז אויך ניט ווערט גאָרניט. אַ בייטעלע אַ פאַרזעעניש, אַ שלעסל דער רוח ווייסט וואָסערס, די לעדער אָפּגע־

---

אָפּגעבאָרעט — אָפּגעריבן.

www.libtool.com.cn

באַרעט און פעט־פאַרסמאַלצעוועט, ביי די ברעגעס איינגעקאַרטשעט און פאַרגעלט, ווי ביי אַן אַלטער באַביצע די הויט פון פּנים — אַזאַ בייטעלע האַלטן אין די הענט איז מוקצה מחמת מיאוס!... טאַקע כדאי צוליב אַזאַ פּאַסקודסטווע אַפּטאָן אַזאַ מיאוסע זאַך, עובר זיין אויף „לא תגנוב״!...

ווי ער איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, איז אים די שטיף־מאַמע מכבד מיטן אַריינטראָגן דעם אורח דעם סאַמאָוואַר. וואָלפסאָן האָט אַ טבע איטלעכס מאָל, ווען מע טראָגט אים אַריין דעם סאַמאָוואַר, רייבט ער אַ האַנט אָן אַ האַנט און טוט אַ זאָג מיט אַ ניגון און מיט אַ גראַם: „אָט אַזוי״, אַצינד וועלן מיר טרינקען טיי״. איצטיקס מאָל האָט ער צוגעלייגט די ווערטער: „וואָס זשע הערט זיך — ניטאָ די בייטעלע?״... און האָט געגעבן בעת מעשה אַ קוק אַריין דעם בחורל אין די אויגן אַריין, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ פאַרבאַרגענע איראָניע סיי אין די ווער־טער, סיי אינעם קוק... און אפשר האָט זיך עס נאָר אויסגעוויזן אַזוי? ווי זאָגט מען דאָס: „עס ווייסט די קאַץ וועמעס פלייש זי האָט אויפגעגעסן״ — אָדער: „אויפן גנב ברענט דאָס היטל״... דער גנב האָט אין דער מינוט פיינט געהאַט דעם אורח וואָלפסאָן מיט סכנות, נישט געקאָנט אָנקוקן זיין ליטוויש פּנים מיט זיין ליט־ווישן לשון: „ד י בייטעלע״...

וואָס טוט מען פאָרט מיטן פאַרשאָלטענעם בייטעלע? ס'איז ניט קיין תכלית, טאָמער געפינט מען דאָס אין שטאָל צווישן האָלץ!

ביי נאַכט האָט שלום לאַנג ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט ביי זיך אַליין ניט געקאָנט פועלן, אַז דאָס איז ניט קיין חלום, קיין בייזער חלום. ניט שוין זשע איז דאָס אמת? ניט שוין זשע איז ער אַ גנב? אַ פּשוטער גנב?!... און עס באַשלאָגט אים אַזש אַ שוויים, ווי אַזוי אַ מענטש קאָן פאַלן!... און וואָס וועט זיין ווייטער?... ווייטער ווערט ער אַנטשלאָפן און עס פּלאָנטערן זיך אים בייטעלעך, און די בייטעלעך זיינען ניט קיין בייטעלעך, נאָר לעבעדיקע מיאוסע באַשעפענישן, אָפּגעקראַכענע, געלע און איינ־געקנייטשטע, און קאַלטע און נאַסע, אַזוי ווי שרצים, זשאַבעס... און זיי רירן זיך און זיי קריכן אים איבערן לייב, פאַרקריכן אונ־

---

מוקצה מחמת מיאוס — מע טאָר זיך ניט צורירן צו דעם ווייל עס איז מיאוס.
עובר זיין — טאָן אַן עבירה, אַריבערטרעטן אַ געזעץ.
שרצים — קריכיקע באַשעפענישן, reptiles.

טערן קאָלנער, אונטער די פּאַכוועס — גרדה!... ער כאַפּט זיך אויף, קוקט אונטער דער קאָלדרע, טאַפּט זיך דאָס לייב — דאַנקען און לויבן גאָט, ס׳איז נאָר אַ חלום...

יאָ, אָבער ווי אַזוי ווערט מען פּאָרט פּטור פונעם בייטעלע? ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער עצה, סיידן פאַרוואַרפן דאָס ערגעץ אין אַזאַ אָרט, אַז קיין פויגל זאָל ניט וויסן. פרעגט זיך: וואוהין? צום גויאישן שכן אין גאָרטן אַריין? ערגעץ ווייט אויפן הייליקן אָרט? אין דער ווייבערשער שול? ניין! דאָס בעסטע וועט זיין פון דער בריק אין טייך אַריין. און די בעסטע צייט דערויף איז שבת. און אַזוי איז דאָס געבליבן.

שבת ביי טאָג. סוף זומער. אין דרויסן איז נאָך וואַרעם. יידישע קינדער שפּאַצירן נאָך אָן אייבערשטע מלבושים. צווישן די וואָס האָבן שפּאַצירט האָט זיך געפונען אויך דער העלד מיטן בייטעלע. עס איז געלעגן פאַרבאָרגן ביי אים ווייט אין אַ קעשענע, אַנגעפילט מיט שטיינדלעך, כדי אַז ער וועט דאָס אַראָפּלאָזן פון בריק אין טייך אַריין, זאָל עס מיט זיכערקייט אַראָפּ טיף אויפן אָפּ־גרונט פון וואַסער. איז אָבער די צרה וואָס די בריק איז פאַרפלייצט מיט מענטשן. דרייט ער זיך אַרום היין און צוריק, פאַרקוקט איט־לעכן אין די אויגן, און ער וואָלט געמעגט שווערן אַז אַלע קוקן אויף אים עפּעס מאָדנע...

נאָר אָט האָט אים גאָט געהאָלפן; ער האָט זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל הינטער אַ גרויסן סלופּ, אַריבערגעבויגן זיך מיטן גאַנצן קערפּער איבער דער פּאַרענטשע, איינגעקוקט זיך כלומרשט אין וואַסער אַריין, גלייך ווי דאָרטן וואָלט ער דערזען גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ חידושים, אַנגעטאַפּט מיט דער האַנט זיין קעשענע, וואו דאָס פאַרשאָלטענע בייטעלע ליגט, דערפילט אין האַנט אַ מיאוסקייט, אַ לעבעדיקע זאַך, אַ מין שרץ... אַרויסגעצויגן דאָס פּאַוואָלינקע פון קעשענע און צענומען די פינגער און אַרויסגעלאָזט דאָס פון דער האַנט.

פליוך — אוים בייטעלע! אויפן אָרט וואו דאָס בייטעלע איז געפאַלן האָט זיך באַוויזן אַ רעדל. דאָס רעדל איז געוואַקסן ברייטער און ברייטער, און פון דעם רעדל איז באַשאַפן געוואָרן נאָך אַ רעדל און נאָך אַ רעדל. ער האָט גאָרניט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון

---

פּאַכוועס — armpits.
סלופּ — זייל.
פּאַרענטשע — hand-rail.

www.libtool.com.cn

דעם אָרט וואו זיין עבירה איז געווען דערטרונקען און זיין סוד איז געווען באַגראָבן אויף אייביק. נאָר אַ שיינע שטימע האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות, און אַ זיסער געלעכטער האָט אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן:

— פישעלעך שווימען? כאַ־כאַ, וואָס דען שטייט מען אַזוי לאַנג און מע קוקט?

ער דרייט אום דעם קאָפּ און דערזעט דעם חזנס מיידל מיט אירער אַ חברטאָרין.

— איר זייט שוין דאָ לאַנג? — טוט ער אַ פרעג ביים חזנס מיידל מיט דער חברטאָרין.

— די גאַנצע צייט, כאַ־כאַ! — ענטפערן זיי ביידע מיט אַ געלעכטער. ביי זיי איז דאָס אַ געלעכטער, און אים ווערט איינגעפאַלן אינעווייניק, טאָמער האָבן זיי געזען וואָס ער האָט געטאָן...

נאַריש בחורל! אומזיסט געווען זיין מורא. אים האָט אָפּגעוואַרט אַן אַנדער צרה, וואָס דערויף האָט ער זיך גאָרניט געריכט.

www.hbtool.com.cn

# 34

www.libtool.com.cn

## דעם חזנס מיידל

צאַלע דעם חזנס טאָכטער. — אַ פלאָם־פייערדיק פאַרליבעניש. — אַן איבערשרייבעניש צווישן צוויי יונגע הערצער. — זיין בריוו פאַלט אַריין אין פרעמדע הענט. — שמחת־תורה צו הקפות. — די הימלען עפענען זיך.

די זעלבע ראָלע וואָס אין דער גרויסער שטאָט שפּילן גימנאַזיסטן און סטודענטן, האָבן אין דער קלע־נערער שטאָט אין יענער צייט געשפּילט די תלמידים פון דער קרייזשול. איין זאַך האָט זיי נאָר געפעלט—אַ באַזונדערע אוניפאָרעם. ווייטער זיינען דאָס געווען העלדן אין פולן זין פון וואָרט, און מיידלעך זיינען געווען נאָך זיי די כפּרה!

עס איז שווער צו געדענקען אַקוראַט, ווי עס איז פאָרגעקומען שלומס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם חזנס מיידל, אָבער ס׳איז ניט אַזוי וויכטיק. קיין אַנדער צייט און קיין אַנדער פלאַץ אויף צו באַגעגענען זיך איז אין שטאָט ניט געווען, אויסער שבת ביי טאָג אויף דער בריק. ווער פון די צוויי האָט אָנגעהויבן פריער צו ריידן, דער בחור אָדער דאָס מיידל, און וואָס איז צום ערשטן מאָל גע־רעדט געוואָרן — איז אויך ניט מעגלעך פעסטצושטעלן. אָנגע־הויבן האָט זיך עס זיכער פון אַ שאַרפן קוק. דערנאָך אַ שמייכל. דערנאָך אָנגערירט זיך כלומרשט אומגערן מיט די עלנבויגנס. דער־נאָך אַ נעם געגעבן זיך צום היטעלע: „גוט מאָרגן”. דערנאָך שוין אָן אַ נעם געגעבן זיך צום היטעלע: „וואָס מאַכט מען?” דער־נאָך ביי שפּעטערע באַגעגענישן, שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט אַ רייד טאָן וועגן גאַנץ אומבאַדייטנדיקע זאַכן, און מען טוט אַ שמועס וועגן אַ צווייטער באַגעגעניש.

זיינען נאָך זיי די כפּרה — גייען אויס נאָך זיי; ווילן זיי זייער שטאַרק; פאַרליבן זיך שטאַרק אין זיי.

www.libtool.com.cn

ע ר: אויף ווידערזען.
ז י: ווען? ווידער שבת?
ע ר: ווען זשע אַז ניט שבת?
ז י: וואו? ווידער אַט דאָ, אויף דער בריק?
ע ר: וואו דען זשע?
ז י: אפשר אַן אַנדער אָרט?
ע ר: דהיינו?
ז י: וואו וועט איר זיין שמחת־תורה צו הקפות?
ע ר: וואָס הייסט וואו? אין גרויסן בית־המדרש.
ז י: פאַר וואָס ניט אין דער קאַלטער שול?
ע ר: דאָרט וואו אייער טאַטע דאַוונט?
ז י: וואָס מאַכט דאָס אויס?
ע ר: מיין טאַטע וועט זיך כאַפּן, וואו בין איך.
ז י: אויב איר זייט אַ יינגעלע וואָס האָט מורא פאַרן טאַטן...

ווייטער לאָזט ער זי ניט ענדיקן, וואָרעם עס דערלאַנגט אים ביי דער זיבעטער ריפּ. סטייטש, מע זאָגט אים אַז ער איז אַ יינגעלע וואָס האָט מורא פאַרן טאַטן. און ו י ע ר זאָגט דאָס אים?! ... ער געפינט אַן אויסרייד. ער האָט איר וואָס צו זאָגן אַ נייטיקע זאַך. נאָר אַזוי ווי זי איז ניט אַליין, זי איז מיט איר חברטאָרין, קאָן ער עס איר ניט זאָגן. דעם חזנס מיידל ווערט רויט און טוט אַ וואונק צו איר חברטאָרין זי זאָל אָפּגיין אַ פּאָר טריט ווייטער. יענע פאָלגט און זיי בלייבן אין צווייען. זי איז גרייט אויסצוהערן דעם סוד. ער לאָזט זיך ניט לאַנג וואַרטן און פּלאָנ־טערנדיק מיט דער צונג גיט ער איר איבער אַט וואָס:

ער האָט איר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, אַז ער וואָלט אַ בעלן געווען זען זיך אַ מאָל מיט איר אַליין, אָן באַגלייטערינס, אָן חבר־טאָרינס.

מאַלע וואָס! און זי וואָלט דען ניט געוואָלט ריידן מיט אים אונטער פיר אויגן, אָן באַגלייטערינס און אָן חברטאָרינס? — קאָן זי אָבער ניט. מע לאָזט זי ניט אָפּ אַליין. די מאַמע גיט אַכטונג זי זאָל ניט זיין אַליין. נאָר ער באַדאַרף ניט מורא האָבן פאַר איר חברטאָרין. זי איז אַ מיידל אַ שטילע, אַן ערלעכע, און זי האָט אַליין אויך געערן אַ בחור זאָל מיט איר ריידן, און אויב ער וויל וויסן, איז אַט דאָס מיידל אויך פאַרליבט אין אַ בחור. . .

---

דהיינו — דאָס הייסט, צום ביישפּיל.

www.libtool.com.cn

א ו י ך פארליבט ? איז די משמעות, אז זי, דעם חזנס מיידל, איז א ו ו ד א י פארליבט ? וואלט ער וועלן וויסן, ווער איז יענער גליקלעכער ?

אז ער וועט אלצדינג וויסן וועט ער גיך אלט ווערן...

דארף מען נאך האבן א ווייטערן פירוש אויף די דאזיקע ווערטער ? פארשטייט מען דען ניט אז דער דאזיקער גליקלעכער דאס איז ניט קיין אנדערער, נאר ער אליין טאקע ? און טאמער איז נאך פאראן א שטיקל ספק אין דעם, איז גענוג איין קוק אויף איר ליכטיק־שיינענדיק פנים און אויף אירע מיט גליק שטראלנדיקע אויגן. א באקאנט פנים. באקאנטע אויגן. וואו האט ער געזען אט דאס ווייסע מיידל מיט די בלאנדע געגרייזלטע האר ? אפילו די האנט אירע איז אים קענטלעך. א ווייס הענטל מיט דינע לאנגע פינגער. א ווייס הענטל, א גלאטס און א ווארעמס. דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבן בכלל, אז ער האלט א מיידלס א האנט...

ווי אן ערלעכער ייד וואס קוקט ארויס אויף משיחן, אזוי האט ער געוואַרט ארויסקוקן אויף דעם גליקלעכן יום־טוב שמחת־תורה. די צייט איז אים אבער געווען צו לאנג צו ווארטן. ווי פון פעך האבן זיך געצויגן די טעג. ער איז שיר ניט משוגע געווארן. און ער האט זיך אנטשלאסן אויסגיסן דאס הארץ אויף פאפיר אין דער פארעם פון א בריוו. א טאג מיט א נאכט האט דאס שרייבן צוגענומען און געשריבן האט זיך עס ווי א וואסער וואס לויפט אומגעשטערט. דאס שרייבן וואלט קיין מאל קיין עק ניט געהאט, ס'זאל ניט געווען אויסגיין פאפיר.

אצינד איז געבליבן נאר איין זאך: ווי אזוי קומט די קאץ איבערן וואסער ? ווי אזוי וועט זי באקומען דעם דאזיקן בריוו ? איין עצה נאר איז פאראן: איבערשיקן איר דעם בריוו דורך איר חבר־טארין. נאר ווי אזוי קומט מען צו צו אט דער דריטער פערזאן ? איז דערצו אויך דא א רפואה: מע וועט מוזן אריינשלעפן נאך א פערטע פערזאן. דאס איז דער בחור וואס דעם חזנס מיידלס חבר־טארין איז אין אים פארליבט. א בחור מיט א בחור — איז גאר אנדערע ווערטער. א בחור מיט א בחור קאנען אומגעשטערט זיך צונויפריידן און אפהאנדלען צווישן זיך די גרעסטע סודות.

דער בחור איז געווען א יונג א פארקויפער אין אן אייזן־געשעפט, א גאנץ שיינער אויפן פנים, נאר הענט האט ער געהאט א פאר —

---

משמעות — אפנים, עס איז אנצונעמען אזוי..... עס דרינגט לאגיש ארויס אז...
פירוש — דערקלערונג.

www.libtool.com.cn

דאָס וואָס מע רופט אָן „ידים". אַז שלום האָט אים אַ זאָג געגעבן, אַז ער האָט אַ בקשה צו זיין כלה, האָט זיך דער בחור דער פאַר־קויפער אויפגעבלאָזן ווי אַ האָן אויף אַ קאַץ, ווען זי כאַפּט זיך אַריין צו זיינע הינער. — „פון וואַנען ווייסטו אַז איך האָב אַ כלה?" — „איך בין באַקענט מיט איר חברטאָרין" — „מיטן חזנס מיידל? ע! דאָרט וועסטו האָבן אַ ביינברעכער"...

שלום פאַרשטייט ניט וואָס הייסט דאָס אייגנטלעך אַ „ביינ־ברעכער". נאָר נאָכן בחורס געלעכטערל שטויסט ער זיך, אַז דאָס דאַרף זיין ניט פון די אָנגענעמע זאַכן. טוט ער אים אַ פרעג: — „ווער איז דער ביינברעכער?" — „דאָס איז שוין מיין עסק... נאָר לאָמיר האָרכן וואָס איז דיין בקשה".

שלום ציט אַרויס דעם געפּאַקטן בריוו פון קעשענע און גיט אים איבער דעם בחור: „אָט דאָס דאַרף אייער כלה איבערגעבן דעם חזנס מיידל און איבערשיקן מיר דורך אייך טאַקע אָן ענטפער". דער בחור נעמט צו דעם בריוו, באַטראַכט דעם קאָנווערט פון אַלע זייטן: „אָט דאָס איז גאָר? קום צו גיין מאָרגן, וועסטו מסתמא באַקומען אָן ענטפער".

אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. אויף מאָרגן האָט שלום באַקומען אָן ענטפער, אַז ער האָט נאָך ניט קיין ענטפער. „קום צו גיין מאָרגן, וועט געווים זיין אָן ענטפער". אויף מאָרגן ווידער דאָס אייגענע — נישטאָ נאָך קיין ענטפער. דאָ האָט שוין שלום באַמערקט — און אפשר האָט זיך אים נאָר אויסגעוויזן אַזוי — אַז דער בחור שמייכלט עפּעס מאָדנע אונטער. צו דעם חשד איז צוגעקומען נאָך אַ חשד; דער בחור האָט אים אַ זאָג געגעבן מיט אַ זיפצל: „ווען איך זאָל קאָנען שרייבן אַזוי ווי דו!" — „פון וואַנען ווייסטו ווי אַזוי איך שרייב?" — „מיין כלה האָט מיר דערציילט". — „פון וואַנען ווייסט דיין כלה?" — „זי ווייסט עס פונעם חזנס מיידל".

אַ תירוץ איז דאָס אַפילו אַ נישקשהדיקער. און ס'איז אַוודאי זייער אָנגעלייגט צו הערן אַזאַ קאָמפּלימענט פון אַ מיידל, וואָס מע האָט זי ליב. נאָר פונדעסטוועגן און ניט ווילנדיק גנבעט זיך אַריין אַ געדאַנק: טאָמער האָט דער בחור ניט איבערגעגעבן דעם בריוו און האָט אים בעסער אַליין געלייענט?... דער דאָזיקער געדאַנק לאָזט ניט שלאָפן.

קוים דערוואַרט זיך אויף אָן ענטפער! דאָס איז געווען שוין

---

ידים — הענט, גרויסע הענט.

www.libtool.com.cn

ערב יום־טוב. דער פּאַרקויפער איז אים געלאָפן אַקעגן און אַריינ־געררוקט אין האַנט אַריין אַ געל שטיקל פּאַפּיר, צונויפגעלייגט אין פירן, אָן אַ קאָנווערט, נאָר מיט טריוואַקס פאַרזיגלט און צו־געקוועטשט מיט אַ מטבע. דאָס איז געווען דאָס לאַנג דערוואַר־טע בריוול פונעם חזנס מיידל, געשריבן מיט דינע לאַנגע אותיות, וואָס האָבן דערמאָנט אירע דינע לאַנגע פינגער.

דאָרט איז געשטאַנען, אַז זי האָט זיין בריוו מיט טרערן אין די אויגן געלייענט עטלעכע מאָל און עס טוט איר באַנג, וואָס זי קאָן ניט אַזוי שרייבן ווי ער. זי וואָלט האָבן פליגל, וואָלט זי צו אים געפלויגן. זי זאָל קאָנען שווימען, וואָלט זי אַלע ימים איבער־געשוואומען, אַבי צו אים צו קומען. און אויב ער מיינט אַז זי קאָן יאָ שלאָפן רואיק, האָט ער אַ טעות. און זי קוקט שוין אַרויס אויף דעם שמחת־תורה מיט אַלע אויגן, וואָרעם אַ האַרץ פילט אַ האַרץ. . . צום סוף האָט זי אים געוואָרנט, ער זאָל מער צו איר קיין בריוו דורך אַזאַ וועג ניט שרייבן, וואָרעם זי איז זיכער אַז דעם בריוו האָבן געהאַלטן פרעמדע הענט. . .

עס וואַרפט אים אַריין אין אַ קעלט מיט אַ היץ, אַז ער שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי דער בחור דער פּאַרקויפער האָט געעפנט דעם קאָנווערט און געלייענט זיין בריוו וואָס ער האָט אויסגעגאָסן פאַרן חזנס מיידל. נאָר ער עסט זיך ניט אָפּ לאַנג דאָס האַרץ, וואָרעם אָט־אָט איז שמחת־תורה און אָט באַלד וועט ער זי זען, שטיין לעבן איר, ריידן מיט איר, מיטן חזנס מיידל. . .

ס׳איז שוין די נאַכט פון שמחת־תורה, בעת יידן גייען צו הקפות און יונגע ווייבלעך און שיינע מיידלעך קלייבן זיך צונויף אין שול, מישן זיך אויס מיט די מאַנסבילן — שמחת־תורה מעג מען. זיי קושן די תורה, שפּרינגען און רופן און קוויטשען אויף אַלערליי טענער: „דערלעבט איבער אַ יאָר!" און באַקומען צוריק אַן ענטפער: „גם אתם! גם אתם!"

נאָך מיט אַ שעה אָדער צוויי פאַר די הקפות קומען זיך צונויף די קליינע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, קלעטערן אַרויף אויף די בענק. די פאַנען פלאַטערן. די עפּל זיינען רויט. די ליכטלעך ברענען. און די בעקלעך זייערע זיינען ניט ווינציקער רויט ווי די עפּל, און די אויגן לויכטן ניט ערגער ווי די ליכטלעך. דאָס איז

---

„גם אתם" — „אויך איר".
אַ הקפה — אַן אַרומקרייזן אין שול מיט די ספר־תורות אום שמחת־תורה, עס זיינען פאַראַן זיבן אַזעלכע הקפות.

www.libtool.com.cn

קליינוואַרג. די עלטערע בחורימלעך שפּאַצירן נאָך העכערייל אַרום אין דרויסן אויפן שולהויף. די לופט איז נאָך לינד און שיטער. דער הימל איז אויסגעשטערנט. עס פילט זיך יום־טוב אין דער גאַנ־צער וועלט. אַפילו די שטילקייט איז אַ יום־טובדיקע. . .

[מען האַלט שוין באַלד ביי הקפות]. פון וואַנעט האָבן זיך גענומען אַזוי פיל יידן, קיין עין־הרע, און ווייבער, און ווייבלעך, און בחורים, און מיידלעך, און קליינע קינדער? שלום איז צום ערשטן מאָל אין דער קאַלטער שול. עס קומט אים אָן ניט גרינג צו באַ־קומען אַן אָרט אויף צו זיצן, אַ גליק וואָס דער שמש האָט אים דערקענט: ס'איז דאָך ר' נחום ראַבינאָוויטשעס אַ זונדל, דאַרף מען אים מאַכן אַן אָרט צווישן באַלעבאַטים.

דער רעש מיטן טומל זיינען אַזוי גרויס, אַז מע הערט נישט דעם חזן. אומזיסט איז דעם עולמס שרייען „שאַ!" אומזיסט איז דעם שמשס קלאַפּן אין טיש. ווייבער גראַגערן, מיידלעך לאַכן, קינדער פּישטשען. אָט ווײנט אַ יינגעלע מיט ביטערע טרערן. — „וואָס וויינסטו, יינגעלע?" — מע האָט אים אַראָפּגעוואָרפן דעם עפּל פון דער פאָן אומגערן און צעטראָטן מיט די פיס; וואָס וועט ער איצטער טאָן אָן אַן עפּל? . . . און לעבן יינגעלע זיצט אַ בחור און שטשירעט די ציין, לאַכט פונעם יינגעלעס טראַגעדיע.

פאַרדריסט דאָס שלומען, לאָזט ער זיך אריין מיטן בחור אין אַ דיסקוסיע: — „וואָס איז דער געלעכטער?" ענטפערט אים אָפּ דער בחור און הערט ניט אויף צו באַווייזן די ציין. „אַ יינגעלע אַ שוטה!" פאַרדריסט דאָס שלומען נאָך מער: „נו, און דו אין זיינע יאָרן האָסט געהאַט מער שכל?" דאָ הערט דער בחור אויף צו לאַכן און ענטפערט אָפּ שוין ווי אַ שייגעץ: „וויפל שכל איך האָב געהאַט אין זיינע יאָרן געדענק איך ניט, נאָר אַז איצט האָב איך מער שכל אין פּיאַטע, וויפל דו אין קאָפּ — דאָס איז זיכער, כאָטש דו גייסט אין די קלאַסן און כאָטש דו ביסט נחום ראַבינאָוויטשעס זון". . . וואָלט דאָס ניט געווען אין דער קאַלטער שול צווישן פרעמדע, וואָלט נחום ראַבינאָוויטשעס זון זיך אַנדערש אָפּגערעכנט מיט אים. דאָ האָט ער אָבער געמוזט כאַפּן אַ שווייג, וואָרעם צווישן יאָ און ניין וואָלט ער געקאָנט זיין אַ געפּאַטשטער פונעם דאָ־זיקן בחור דעם עזות־פּנים. און אגב — די הקפות האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. וואו זשע איז דעם חזנס מיידל? . . .

---

לינד — מילד.
פּיאַטע — heel.

www.libtool.com.cn

די ערשטע הקפה האָט זיך געענדיקט מיט אַ ניגון און מיט אַ טענצל. און דער שמש רופֿט שוין אויס מיט זיין הייזעריקן קול צו דער צווייטער הקפה. און אָט האָט זיך געענדיקט די צווייטע הקפה, די דריטע, די פֿערטע. נאָך יעדער הקפה דער זעלביקער ניגון מיטן זעלביקן טענצל — און דעם חזנס מיידל זעט מען ניט.

שלום רוט ניט, קוקט אויף אַלע זייטן, טאָמער וועט ער זי פּאָרט אַ מאָל דערזען — זי איז נישטאָ! ניט זי, ניט איר חברטאָרין! ניט שוין זשע האָט זי אים אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט? . . . אָדער אפשר האָט זי ניט געקאָנט קומען? אפשר האָט זיך מיט איר עפּעס גע־טראָפֿן? אפשר איז מען זיך דערגאַנגען פֿון זייער אָפּריידן און מע האָט זי איבערגעלאָזט אין שטוב אונטערן שלאָס? אויף צו־להכעיס דעם חזן איז צו גלייבן! . . . און די שוואַרצע געדאַנקען האָבן גאָר קיין גרענעץ.

אַפּנים, דעם שמש האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואָס נחום ראַבינאָוויטשעס בחורל דרייט זיך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, זיצט ניט איין אויף אָן אָרט, איז אַ סימן, אַז ער גאַרט, ער גייט אוים נאָך אַ הקפה. האָט זיך צווישן אַנדערע נעמען פּלוצעם דער־הערט אויך זיין נאָמען: „הבחור שלום ברב מנחם־נחום, תן כבוד לתורה" . . . דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַריין אין פּנים, גישט גע־קאָנט אַריבערטראָגן די באַלעבאַטישע אויגן וואָס האָבן אויף אים געקוקט. ער האָט זיך געפֿילט, ווי עס פֿילט זיך יעדער בחור אַז מע רופֿט אים אויף מפטיר. און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט, האָט אים שוין דער שמש אונטער־געטראָגן אַ רייניקייט, און ער שטייט שוין אין דער ריי מיט אַ בינטל יידן און מיט אַ גרויסער ספֿר־תורה אין די הענט. דער חזן גייט אויף פֿריער און זינגט. ווייבלעך און מיידלעך רייסן זיך, קושן די ספֿר־תורה און ווינטשן אים: „דערלעבט איבער אַ יאָר!"

ער פֿילט זיך מאָדנע וואָס מע זאָגט אים „איר" און איז צע־טומלט פֿונעם אומגעריכטן כבוד, און איז גרוים ביי זיך וואָס ער גייט אין דער ריי, איין בחור צווישן אַזוי פֿיל יידן — און נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז ניט קיין אַבי־ווער, ר' נחום ראַבינאָוויטשעס אַ זונדל, „אַ טאַטנס אַ קינד". . .

---

גאַרן — זייער שטאַרק וועלן.

„תן כבוד לתורה" — „גיב אָפּ כבוד דער תורה".

אויפֿרופֿן מפטיר — אויפֿרופֿן אין שול צו שטיין דערביי ווי מע לייענט פֿאַר אַ קאַפּיטל תנך נאָך דער פּרשה פֿון דער וואָך.

רייניקייט — ספֿר־תורה.

נאָר סאַמע אין רעכטן טומל דערפֿילט ער אַ קוש אין האַנט אַריין: „דערלעבט איבער אַ יאָר!“ ער הייבט אויף די אויגן, דערזעט ער — ס׳איז זי, דעם חזנס מיידל, און איר חברטאָרין, פֿאַרשטייט זיך, לעבן איר. . . . . . . . . . . . .

אַלע הימלען עפֿענען זיך און מלאכים נידערן אַראָפּ און זינגען שירה. זיי באַזינגען די וועלט וואָס גאָט האָט באַהערשט — אַזאַ גוטע, זיסע, שיינע, ליבע וועלט! זיי באַזינגען די מענטשן וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן — אַזעלכע גוטע, זיסע, שיינע, ליבע מענטשן! ס׳איז אַזוי גוט אַז עס ווילט זיך וויינען פֿאַר גוטסקייט.

די ערשטע מינוט איז אים געווען פֿריקרע און וואונדערלעך. אַנשטאָט דעם ז י זאָל קושן די ספֿר־תּורה, האָט ז י אַ קוש געגעבן זיין האַנט! איז דאָס אפֿשר געווען אומגעריכט? ניין, נישט אומגעריכט. ער האָט דאָס אַרויסגעזען פֿון אירע שמייכלענדיקע אויגן. ער איז געווען אַזוי איבעררעשט, אַז ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, ער זאָל אַרויסלאָזן די ריינקייט פֿון די הענט. ער האָט חשק געהאַט זיך אָפּשטעלן, נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן איר אין די שיינע אויגן אַריין, אויב ניט זאָגן אַ צוויי ווערטער — לאָזט מען אים אָבער ניט. די יידן וואָס גייען אים נאָך פֿון הינטן לאָזן אים ניט. מע דאַרף גיין ווייטער. מע דאַרף איבערגעבן די ריינקייטן צו אַנדערע. די הקפֿות האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט.

ערשט דאָ, ביים אָרון־קודש, איבערגעגעבן דעם שמש די ספֿר־תּורה, קוקט ער זיך אום צוריק, טאָמער וועט ער זי דערזען נאָך אַ מאָל, כאָטש פֿון דער ווייטן. מע זעט זי ניט. גייט ער נאָך די יידן אין דער ווייטערדיקער הקפֿה גלאַט אַזוי, זוכט זי מיט די אויגן — ניטאָ דעם חזנס מיידל. נעלם געוואָרן! לויפֿט ער אַרויס אין דרויסן, זוכט זי אויפֿן שולהויף — זי איז אין ערגעץ ניטאָ! . . .

אפֿשר איז דאָס געווען אַ חלום? אפֿשר איז דאָס געווען אַ דמיון? ניין. ס׳איז נישט געווען קיין חלום, ס׳איז נישט געווען קיין דמיון. ער פֿילט נאָך איצט אויף דעם קוש פֿון אירע ליפּן אויף זיינע הענט. ער גייט ווייטער און ער פֿילט ניט די ערד אונטער זיך. עס ווייזט זיך אים אויס אַז ער האָט פֿליגלען און אַז ער פֿליט, ער שוועבט, און די מלאכים שוועבן מיט אים, טראָגן זיך אין דער לופֿטן. . .

---

זינגען שירה — זינגען לויבגעזאַנגען צו גאָט.
פֿריקרע — מאָדנע, אַ ביסל עקלדיק, אָפּשטויסנדיק, אומאָנגענעם.
דמיון — פֿאַנטאַזיע, אָפּדוכטעניש.

www.dibtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# 35

# דער קריזיס

זיך מיאוס אָפּגענאַרט אין די הייליקסטע געפילן. — ווערט קראַנק אויף טיפוס. — שטייט אויף אַן אַנדער מענטש. — געזעגנט זיך מיט זיינע קינדערשע יאָרן.

אלע מאָל, ווען דער מחבר פון די דאָזיקע באַשרייבונגען פאַרטיפט זיך אין זיינע שפּעטערדיקע דערפאַרונגען פונעם גרויסן וועלט־יאַריד וואָס מע רופט דאָס „לעבן", באַוואונדערט ער, ווי ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזעלכע אומדערבאַרעמדיקע קלעפּ, מיאוסע אָפּנאַרעכצן און ביטערע אַנטוישונגען, און בלייבן גאַנץ אויף צו כאַפּן פרישע קלעפּ מיט נייע אָפּנאַרעכצן מיט נאָך גרעסערע אַנטוישונגען. די קלעפּ זיינען נאָך ניט אַזוי געפערלעך ווי די אַנטוישונגען, ווי דאָס וואָס מע בלייבט אָפּגענאַרט. אַ קלאַפּ פאַרהיילט זיך, אָבער אַן אַנטוישונג לאָזט איבער אַ קרעל אין דער נשמה אויף אייביק.

ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ שנעק און האָט זיך נאַריש פאַרליבט אינעם חזנס מיידל, האָט ער שוין געכאַפּט דעם ערשטן קלאַפּ פון שרעקלעכער אַנטוישונג, אַזאַ קלאַפּ, וואָס ניט ער, ניט קיינער האָט זיך געקאָנט דערויף ריכטן.

ווער וואָלט דאָס געקאָנט צולאָזן, אַז דעם חזנס מיידל זאָל אין דער זעלבער צייט, וואָס זי האָט געשפּילט אַ ראָמאַן מיט נחום ראַבינאָוויטשעס בחורל, גאָר זיין פאַרליבט אין אַ גוי, אַ פאַרקויפער אין דעם גרויסן גויאישן אייזן־געשעפט, און זי זאָל מיט אים איין מאָל אין אַ שבת צו נאַכטס, ניט ווייט פון יענעם שמחת־תורה וואָס איז באַשריבן אויבן, אַנטלויפן, זיך דערנאָכדעם אָפּשמדן און חתונה האָבן

---

קרעל — אַ קראַץ, אַ קראַץ מיט אַ נאָגל.
געשפּילט אַ ראָמאַן — געשפּילט אַ ליבע, געפירט אַ ליבע.

www.libtool.com.cn

טאַקע פאַר דעם זעלביקן פּאַרקויפער אין דעם גרויסן גויאישן אייזן־געשעפט ? !

קיין פאַנטאַזיע פון אַ שרייבער וועט ניט צוטראַכטן דאָס וואָס דאָס לעבן אַליין קאָן צוטראַכטן. די שטאָט האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. די „גאַנצע וועלט" האָט געוויגט זיך. וואָלט דאָס כאַטש געווען גלאַט אַ מיידל, אַ יידישע טאָכטער — עס מאַכט זיך אַן אומגליק, וואָס זאָל מען טאָן ? איז ניין, דאַרף זיך עס טרעפן מיט אַ חזן, אַ כלי־קודש. ווער וועט אים איצט צולאָזן צום עמוד ? פרעגט זיך אַ קשיה: פון וואַנען וועט ער לעבן ? היינט דער בזיון פאַר די באַלעבאַטים פון דער קאַלטער שול איז אויך עפּעס ווערט. וואָרעם פאַר וואָס האָט זיך עס געטראָפן גראָד מיט זייער חזן פון זייער שול ? . . .

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אָבער געהאַט די אַלע אויסגערעכנטע צרות, בזיונות און יסורים קעגן דעם גיהנום, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער נשמה פון יענעם בחורל, וואָס איז געווען מיט סכנות פאַרליבט אינעם חזנס מיידל און וועלכן דאָס מיידל האָט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, פאַרביטן אים, אַ טאַטנס אַ קינד, אויף אַ גוי, אַ פאַרקויפער אין אַן אייזן־געשעפט ? צוליב וואָס האָט זי באַדאַרפט נאַרן אַן אומשולדיקן בחורל ? שרייבן אים אַזעלכע בריוועלעך ? קושן אין דער האַנט שמחת־תורה צו הקפות ? שווערן אים אייביקע ליבע און נאָך אַזעלכע זאַכן ? דאָס אַנטלויפן מיטן שייגעץ איז דאָך ניט געווען קיין פּלוצלעכע, אומגעריכטע פאַרליבעניש. דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך שוין פון לאַנג. און ער דערמאָנט זיך וואָס איר חברטעס חתן האָט אים געהאַט אַ זאָג געגעבן, אַז ביים חזנס מיידל וועט ער זיך באַגעגענען מיט אַ ביינברעכער. איצט ווייסט ער שוין ווער דער ביינברעכער איז. . .

און דאָס וואַרפט אים אַריין אין אַזאַ פייער אַז ער פאַרשעלט זיך זיין געביין. ער שעלט דעם טאָג וואָס ער האָט זיך באַקענט מיטן חזנס מיידל. ער שעלט דעם בחור דעם פאַרקויפער פון דעם אייזן־געשעפט, און דעם שייגעץ דעם פאַרקויפער, און אַלע פאַרקויפערס פון דער גאַנצער וועלט. אַך ! ווי גוט ס׳וואָלט געווען ווען אַ פייער ברעכט אויס און פאַרברענט אַלע אייזן־געשעפטן פון דער שטאָט, אָדער ווען אַ שטורעמווינט הייבט אויף און טראָגט אַראָפּ

כלי קודש — רב, חזן, שוחט און אַלע וואָס פאַרנעמען אַ רעליגיעזן אַמט.
עמוד — דער אָרט וואו דער חזן שטייט ביים דאַוונען.

www.libtool.com.cn

אַלע קראַמען מיט אַלע הייזער פון שטאָט, אָדער די ערד עפנט זיך אויף און די גאַנצע שטאָט פּערעיאַסלאַוו מיט דער בריק ווערט איינגעזונקען. נישטאָ ביי אים קיין טראָפּן רחמנות אויף אייגענע, אויף פרעמדע, אויף אַלטע לייט, אויף קליינע קינדער, עופעלעך — אַלע און אַלץ זאָל גיין צו אַל די שווארצע יאָר! . . .

און ער פאַרשעלט די וועלט וואָס גאָט האָט באַהערשט — אַזאַ פּאַלשע, אַזאַ מיאוסע, פּאַסקודנע וועלט! און ער פאַרשעלט די מענטשן וואָס גאָט האָט באַשאַפן — אַזעלכע פאַלשע, מיאוסע, פּאַסקודנע מענטשן!

פּאַרטיפּט אין אַזעלכע בייזע געדאַנקען, קומט ער איין מאָל פון קלאָס אַהיים און פילט אַז דער קאָפּ איז אים עפּעס ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. פאַר די אויגן שוועבן אים רעדלעך מיט עפּעס מאָדנע פיגורן. די רעדלעך ברייטלען זיך, די פיגורן ווערן צעגאַנגען אַזוי ווי שניי אויף דער זון, אויף זייער אָרט קומען אַן אַנדערע פיגורן.

קיין וואָרעמעס עסן וויל ער ניט. די שטיפמאַמע חידושט זיך: „געפּגרט אַ בער אין וואַלד" — זאָגט זי מיט איר געוויינלעכן גיפט. ער קאָן זיך ניט האַלטן אויף די פיס. ער לייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע. דער טאַטע גייט צו, טאַפּט אים ביים קאָפּ. עפּעס פרעגט ביי אים דער טאַטע. און ער ענטפערט. נאָר וואָס מע האָט אים געפרעגט און וואָס ער האָט געענטפערט — ווייסט ער ניט. ער געדענקט ניט. דאַכט זיך, עפּעס האָט מען גערעדט וועגן „מאָגן"... „דאָקטער". . . „אַפּטייק". . .

און עפּעס ביטערס פּילט ער, ווי מע גיט אים איין דורך אַ טיי־לעפל און סע שמעקט מיט מאַנדלען. . . און דער קאָפּ, אוי דער קאָפּ! . . .

און עס וויקלען זיך קנוילן פאַר די אויגן, און זיי שפּאַרן זיך דורך די אויערן אַרויס און גייען אַוועק מיט אַ לאַנגן־לאַנגן פּייף. און ווי קליינע מוראַשקעס גראַבלען זיי זיך אינעווייניק אונטער דער הויט, אין די אָדערן, קיצלען, זידן, בולבען זיך אינעווייניק אין לייב.

און בייטעלעך, בייטעלעך קאַטשען זיך אַראָפּ אַ באַרג, אָן אַ שיעור בייטעלעך... און מענטשן ווילן כאַפּן די בייטעלעך — און קאָנען ניט...

דער אַנטיק איז אָבער דאָס, וואָס ער האָט דאַכט זיך צוגעמאַכט

---

מוראַשקעס — ants.
בולבען זיך — בלעזלען זיך, קאָכן.

www.libtool.com.cn

די אויגן, און זעט פונדעסטוועגן אַלץ וואָס סע טוט זיך! — ער הערט ניט — איבערן פייפן וואָס פייפט אים אין די אויערן קאָן ער ניט הערן, נאָר זען זעט ער אַלעמען.

אַלע זיינען דאָ. אַ מישמאַש פון אַמאָליקע און היינטיקע חברים און גלאַט מענטשן. זיין חבר שמואליק, אלי דאַדים, דעם פעטער פיניעס זין, דער אורח וואָלפסאָן... שענער פון אַלץ איז דאָס וואָס דער שייגעץ דער פאַרקויפער דאַוונט פאַרן עמוד און דעם חזנס מיידל שלאָגט זיך „על חטא"...

און עפּעס אַ קול הערט זיך פון דער קאַלטער שול אַרויס — מאָדנע וויינענדיקע שטימען מיט אַ כליפּען. דאָס דאַוונען די מתים. מתים דאַוונען אַלע שבת צו נאַכטס אין דער קאַלטער שול. ווער ווייסט עס ניט? און ס'איז אים קיין זאַך ניט קשה, אַפילו דאָס וואָס אַ גוי דאַוונט פאַרן עמוד און זינגט מיטן יידישן ניגון... איין זאַך איז אים יאָ קשה: ווי קומט דאָס, וואָס אָט איז דאָ נאָר וואָס געווען זיין חבר שמואליק, שמואליק דער יתום — פאַר וואָס האָט ער אים ניט געפרעגט, וואָס הערט זיך מיטן „אוצר"? ווי קומט דאָס ער זאָל פאַרגעסן אַזאַ וויכטיקע זאַך?

ער עפנט אויף די אויגן און זוכט שמואליקן און קאָן אים נישט געפינען. ניטאָ קיין שמואליק, ניט קיינער פון די וואָס זיינען דאָ נאָר וואָס געשטאַנען. וואו האָבן זיי געקאָנט אַהינקומען אַלע?

און ער מאַכט צו צוריק די אויגן און ער הערט זיך צו צום האַרצן ווי עס קלאַפּט, און צו די שלייפן ווי זיי שלאָגן. און ער פילט אַז ער איז אָפּגעגאָסן מיט שוויים. ער שווימט אין אַ טייך פון שוויים. די שפּיץ פינגער זיינען אויפגעבלעזלט ווי נאָך אַ שוויצבאָד, און די האָר פון קאָפּ זיינען נאַס און קלעפּן זיך צום שטערן. און ער פילט אַ קאַלטע האַנט אויף זיך און ער דערהערט אַ באַקאַנטן זיפץ. עפנט ער אויף די אויגן — ס'איז דער טאַטע! און לעבן אים דער אורח וואָלפסאָן, און דער קאָלעקטאָר מיט די שוואַרצע ברילן, און נאָך און נאָך מענטשן.

און ער זעט אַז אַלע קוקן אויף אים מיט רחמנות. און ער הערט און פאַרשטייט אַז מע רעדט פון אים. „קריזיס", הערט ער, זאָגט מען. און ער פאַרשטייט נאָר ניט וואָס פאַר אַ „קריזיס". און ער איז גאַנץ צופרידן, וואָס ער איז מיט איין מאָל געוואָרן אַזאַ מיוחס ביי אַלעמען, וואָס אַלע אינטערעסירן זיך מיט אים אַזוי. מער פון

---

„על חטא" — אַ תפילה יום-כיפור ביי וועלכער מע שלאָגט זיך מיט דער האַנט אין האַרצן.

www.libtool.com.cn

אַלע אינטערעסירט זיך דער טאַטע. ער בייגט זיך אָן איבער אים און פרעגט אים: וואָס וואָלט ער געוואָלט?

ער ענטפערט נישט באַלד. ער וויל זיך פריער באַטראַכטן, וואו ער איז אין דער וועלט און וואָס טוט זיך דאָ מיט אים. אין היפּשע עטלעכע מינוט אַרום קומט ער צו זיך און פאַרשטייט וואָס מיט אים איז, — אַז ער איז קראַנק געווען, אַפּנים, זייער קראַנק, — און אַז איצט איז אים בעסער. בעסער? אויסגעצייכנט גוט. ערשט דעמאָלט, אַז ער האָט שוין כמעט אַלץ פאַרשטאַנען, באַנעצט ער מיט דער צונג די פאַרטריקנטע ליפּן און לאָזט אַרויס אַ וואָרט, מער ניט אַז איין וואָרט:

— אַגרעסן!

קוקט זיך דער טאַטע איבער מיט די איבעריקע מענטשן וואָס שטייען אַרום קראַנקן און טוט אים אַ פרעג איבער:

— אַגרעסן? וואָסערע אַגרעסן?

— איינגעמאַכטס! — ענטפערט דער קראַנקער מיט אַ מאָד־נער גראָבער שטים, וואָס הייבן הייבט זי זיך אָן דין, סאָפּראַנעדיק, און לאָזט זיך אויס גראָב, מיט אַ באַס. דער קראַנקער האָט זיך אַזש אַליין איבערגעשראָקן, ניט דערקענט זיין קול...

אין דער צייט וואָס ער איז קראַנק געווען האָט ער זיך אַזוי פאַרענדערט, אַז ווען ער איז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַראָפּ פון בעט, קוים דערשלעפּט זיך אין זאַל אַריין, אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל, האָט ער זיך קוים דערקענט. פאַר אים איז איצט געשטאַנען שוין גאָר אַן אַנדער מענטשל. פריער איז דאָס געווען אַ טשיקאַווע יינגל מיט רויטע פּוקצע בעקלעך, אַ רירעוודיקס, אַ לעבעדיקס, מיט שמייכלענדיקע אייגלעך, קיילעכיק אונטערגעשאָרן, מיט אַ געקרייזט טשובעקל פון בלאָנדע האָר פון פאָרנט אויפן שטערן. איצט האָט זיך דאָס פּנים אויסגעבלייכט, די בעקלעך זיינען אַפּ־געפאַלן, די אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, דער קוק פאַרטראַכט, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן אין דער לענג. די בלאָנדע גע־קרייזלטע האָר האָט מען אים אָפּגעשאָרן ביז דער הויט. גאָר אַן אַנדער בחורל איז דאָס געווען אַצינד.

אָבער ניט נאָר אין זיין אויסזען אַליין האָט ער זיך פאַרענדערט. ער האָט זיך אין גאַנצן איבערגעאַנדערשט. ער האָט דערפילט, אי־

---

אַגרעסן — gooseberries.
פּוקצע — ווייכע.
טשובעקל — forelock.

www.libtool.com.cn

נעווייניק ביי זיך, אין דער נשמה, איז פאַרבעקומען אַ קריזים. און עס טוט אים באַנג, האַרציק באַנג, זיין נאַרישע נאַאיווע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע וועט זיך שוין ניט אומקערן און ניט איבערחזרן קיין מאָל, קיין מאָל!...

און אויך איצט, איבערלעבנדיק אין זכרון נאָך אַ מאָל יענע גליקלעכע יאָרן, און אַריבערגייענדיק צו וויטערדיקע באַשרייבונגען, קוקט ער זיך אום צוריק מיט אַ שטילער בענקשאַפט און געזעגנט זיך אַפּ שוין אויף אייביק מיט זיינע גוטע יינגלשע יאָרן:

— זיי געזונט, קינדהייט!

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# ווערטערביכל

## א

אביון — אָרעמאַן.
אברים — גלידער.
אגב — אויך, דערצו נאָך, פאַרביי־גייענדיק.
אגרעסן — gooseberries.
אויבסט — פרוכט.
אויסגעבונדן מיט... — קען זיך גוט מיט...
אויסגעדריפּעט — אויסגעקראָכן.
אויסוואָרף — זייער אַ שלעכטער.
אויסלייגן צום (גוטן) — דערקלערן אַ חלום אָדער עפּעס אַ סימן צום (גוטן).
אויסנעמען — געפעלן, געפינען חן.
אויסקאַלופּען — אַרויסקריגן פון אַן ענגן אָרט.
אויף טשיקאַווע — אויף אַ שפּאַס, פון נייגעריקייט וועגן.
אומקומען אויף קידוש-השם — שטאַרבן אין נאָמען פון גלויבן.
אונטערטעניקע — subjects.
אונטערפירער — דער וואָס פירט חתן־כלה צו דער חופּה.
אַזאַרט — hazard, gamble.
איבערקוליען זיך — איבערדרייען זיך, איבערקייקלען זיך.
איינשטעלן זיך — ריזיקירן.
אכסניא — איינפאָרהויז.
אַלקער — צימערל.
אַנטיק — טייערע, זעלטענע זאַך.
אַנטפּלעקן — אַנטדעקן, אָפּדעקן.
אַנטרונען ווערן — אַנטלויפן.
אָפּגרונט — abyss.
אַפּיקורס — ניט-גלייביקער.
אָפּצאַס — קנאַפּל, heel.
אָפּקערעווען — אַוועקדרייען, אָפּדרייען אין אַ זייט.
ארבע כוסות — פיר כוסות (וואָס מע טרינקט ביים סדר).
ארבע-כנפות — אַ נויטווענדיקער טייל פון אָנטאָן ביי פרומע יידן מיט פיר ציצות ביי די פיר עקן. (זע ציצה).
אַרויסלקחענען — אַרויסגנבענען.
אָרון-קודש — דער הייליקער אָרון, די הייליקע שאַפע, דאָרטן וואו מע האַלט די ספר-תורות (אין אַ שול, אַ בית-מדרש אָדער אין אַ קלויז).
אַרטיסט — אַקטיאָר.
אשה — פרוי.
אשה כשרה — כשרע פרוי.
אשה צנועה — פרומע פרוי.
אשמדאי — דער האַר איבער די טייוו־לאָנים.

## ב

באַוואָרענען — פאַרזאָרגן, באַזאָרגן, פאַרהיטן.
באַלעבעסל — עמעצער וואָס האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט.
באַמבלען זיך — to dangle.
באַנג טאָן — פאַרדריסן, וויי טאָן.
באַקאָם אויספאַלן — ניט באַקומען, אויסקרענקען.
באָרען זיך — ראַנגלען זיך.
באַשטאַטן — באַהאַלטן, באַזאָרגן, איינ־אָרדענען.
באַשערט — באַשטימט פון גורל, באַ־שטימט פון פאָרויס.
בגילופין — שיכורלעך, האַלב שיכור, אויפגעמונטערט.
בדיל-הדל שטעלן — מאַכן אָרעם, צונעמען אַלץ.
בהדרגה — ביסלעכווייז.
בהלה — טומל, סומאַטאָכע, צונויפלויף, שרעק.
בויך — פור, איבערגעדעקט מיט אַ לייוונט.
בוימל — olive-oil.
בולט — קלאָר, אַרויסגעשטאַרצט, אַרויסגעהויבן.
בוריקעס — beets.
בורר — דער אויסגעקליבענער אויסצו־גלייכן אַ שטרייט.
בושה — חרפּה, שאַנד.
בושעווען — ווילדעווען, שטורעמען.
בזיון — חרפּה, שאַנד.

www.libtool.com.cn

בחפזונדיק — אין איילעניש.
בחצי חינם — האַלב אומזיסט.
בטבע — אין דער נאַטור.
בטל — אָפּגעשאַפט, צו נישט געמאַכט.
ביבער — beaver.
ביד רמה — מיט אַ שטאַרקער האַנט.
ביחידות — איינער אַליין.
ביישטיין דעם נסיון — זיך ניט לאָזן פאַרפירן.
בילכער — וויכטיקער, נייטיקער.
בין־הזמנים — וואַקאַציע, די צייט צווישן איין זמן און צווייטן, אין חדר.
בין מנחה־למעריב — צווישן דער צייט פון דאַווענען מנחה און דער צייט פון דאַווענען מעריב, at twilight.
בכל אופן — אין אַלע פאַלן.
בלישטשען — גלאַנצן.
בלעך — sheet-metal, tin-plate.
בלק לערנען — גוט אָנלערנען, באַשטראָפן.
במילא — סיי ווי.
בנים — זין.
בסוד סודות — גאָר בסוד.
בעל־דרך־ארץ — איינער וואָס האָט דרך־ארץ.
בעל־החלומות — פאַנטאַזיאָר.
בעל־לשון־קודש — אַ קענער פון לשון־קודש, פון העבראַאיש.
בעל־מגזם — איינער וואָס איז מגזם, וואָס פאַרגרעסערט.
בעל־מוח — אַ קלוגער.
בעל־מטופל — איינער וואָס האָט אַ סך קינדער.
בעל־מרה־שחורה — אַ מענטש מיט אַ פינצטערן געמיט, אַ מעלאַנכאָלישער מענטש.
בעל־עגלה — פורמאַן.
בעל־עצה — דער וואָס גיט אַן עצה, דער צו וועמען מע קומט נאָך עצות.
בעל־פה — אויף אויסווייניק.
בעל־קבלה — אַ קענער פון קבלה.
בעל־תנך — אַ קענער פון תנך.
בעל־תפילה — דער וואָס דאַוונט פאַרן עולם, געוויינלעך דער חזן.
בעל־תשובה — דער וואָס טוט תשובה.
בפרהסיא — עפנטלעך, אַלע זאָלן זען.
בפרט — באַזונדערס.
בר־דעת — פאַרשטענדלעכער מענטש.
בריאה — באַשעפעניש.
ברוך־הבא — די באַגריסונג פאַר אַ גאַסט, דער אויפנעם.
ברירה — אויסקלייב.
בשמחה רבה — מיט גרויס שמחה.
בשתיקה — אין דער שטיל, אין געהיים.
בתוכם — צווישן זיי.
בתמימות — נאַאיווערהייט, פשוט, איינפאַך.

## ג

גאַלמעסער — razor.
גאַפן — קוקן פאַרחאַוונדערט, חאַוו־דערן זיך, to gape.
גאַרן — זייער שטאַרק וועלן.
גבאיטע — פרוי פון אַ גבאי; פאַר־שטייערין פון אַ פאַראיין, פון אַ צדקה־חברה.
גבורה — העלדישקייט.
גבר — שטאַרקער.
גדולדיק — שטאָלץ, גרויס ביי זיך.
גדלות — גרויסקייט, שטאָלץ.
גדלן — אַ גרויסהאַלטער.
גובר זיין — באַזיגן.
גוזמא — אַ סך, exaggeration.
גוידער — double-chin.
גוססן — האַלטן ביים שטאַרבן.
גילגול — די נשמה פון אַ פאַרשטאָר־בענעם וואָס באַזעצט זיך אין אַן אַנדער גוף.
גינגאָלד — fine gold.
געוועלטיקן — הערשן.
געליימט — פאַראַליזירט.
געפּלעפט — שטאַרק פאַרחאַוונדערט, ווי מיט עפּעס איבערן קאָפּ דערלאַנגט.
געשטופלט — מיט צייכנס פון פּאָקן, pock-marked.
גראַגערן — קלאַפּן מיט גראַגערס, ריידן כסדר און הויך.
גראַטעס — bars.

## ד

דאַשעק — visor.
דהיינו — דאָס הייסט, צום ביישפּיל.
דופק — פּולס.
דורם זיין — צערייסן, צעטרעטן.
דיבורים — רייד.
דין־וחשבון — אָפּרעכענונג.
דיניעס — melons.
דיקדוק — גראַמאַטיק, ספּעציעל — העברעאישע גראַמאַטיק.
דישל — דער שטאַנג צו וועלכן מע שפּאַנט צו אַ פערד.
דמיון — פאַנטאַזיע.
דעמב — oak.
דערקוטשען — דערעסן.

דריגען — בריקען, שטופּן מיט די פּיס.
דרך — וועג.
דרך הישר — גראָדער וועג, ריכטיקער וועג.

ה

האַפּערדריק — שטאָלץ, גרויס ביי זיך.
האָרב — שטרענג, האַרט.
האָרב — הויקער, hunch.
האַרמידער — טומל, hurly-burly.
הולטייקע — צעלאָזענע.
הוליאַק — וואָס האָט ליב צו הוליען.
„הייליקער אָרט" — בית-עולם.
הסבּ-בעט — געזעס, אונטערגעבעט מיט קישנס, אויף וועלכן עס זיצט דער פּאָטער ביים פּראַווען דעם סדר.
הכנה — צוגרייטונג.
העוויה — גרימאַסע.
הענדרום-פּענדרום — pell-mell.
העסע — לייכטער, צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט.
העצקען זיך — טרייסלען זיך, שאָקלען זיך.
הפקר — אַן אויפזיכט, אָן אַ באַלעבאָס, ניט באַזאָרגט, אַ צושטאַנד ווען יעדערער קען טאָן וואָס ער וויל.
הצלחה — גליק, luck, success.
הקדוש-ברוך-הוא — גאָט.
הקדמה — אַריינפיר-וואָרט, preface.
הקיצור — אין קורצן, בקיצור.
הקפה — אַן אַרומקרייזן מיט אַ ספר-תורה אין שול אום שמחת-תורה.
השגחה — אויפזיכט, אַכטונג.
השכלה — בילדונג, די באַוועגונג צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן.
התלהבות — ברען, היץ, באַגייסטערונג.
התפעלות — באַגייסטערונג.
התרוממות — דערהויבנקייט.

ו

והראיה — און אָט איז אַ באַווייז.
וואָרטשען — זאָגן אין דער שטיל און אומצופרידענערהייט.
ווידוי — די תפילה פאַרן שטאַרבן.
ווייִמפּערלעך — currants.
וויכוח — דיספּוט, דעבאַטע.
וויכער — שטורעמווינט.
וויספּע — אינדזעלע.
ויצעקו — (מאַכן אַ) גוואַלד, געשריי.
וועדליק — אַזוי ווי, נאָך דעם ווי, נאָך דעם וואָס.
ווענוריק — squirrel.

ז

www.libtool.com.cn

זאַפּרען — saffron.
זוכה זיין — ווערט זיין, האָבן דאָס רעכט, האָבן די פּריווילעגיע.
זכיה — פּריווילעגיע.
זוֹלל-וסובאניק — פרעסער.
זלידנע — אַן אָנשיקעניש, אַ שלעכטס, אַן איינגעגעסענע.
זשוואַווע — לעבעדיק, באַוועגלעך.
זשופּעצע — לאַנגער מאַנטל, וואָס מע טראָגט איבער דער קאַפּאָטע.
זשילעט — וועסטל, waistcoat.
זשמעניע — הויפן.

ח

חגא — קריסטלעכער יום-טוב.
חדר מיוחד — באַזונדער צימער.
חולאת — קרענק.
חול-המועד — די האַלב-וואָכעדיקע טעג צווישן די ערשטע און די לעצטע טעג פּסח און סוכות.
חוץ לזה — חוץ דעם.
חוקר ודורש זיין — גוט אויספאָרשן.
חזנות — די פּראָפעסיע פון אַ חזן.
חי נעלעבט — לעבעדיק, לוסטיק.
חידוש — נייס, וואונדער, מאָדנע זאַך.
חילוק — אונטערשייד.
חקרן — גריבלער, פאָרשער, דער וואָס האָט ליב צו פילאָזאָפירן.

ט

טועה זיין זיך — אַ טעות האָבן.
טוקן זיך — טונקען זיך.
טיטון — ביליקער טאַבעק.
טייסטער — pocket-book.
טלית-קטן — זע אַרבע-כנפות.
טעמען — אַרומהאַקן שטיקער האָלץ.
טראָטואַר — side-walk.
טריפניאַק — דער וואָס עסט ניט קיין כשרע זאַכן.
טרעשטשען — קנאַקן, אַרויסגעבן אַ קלאַנג ווי ביים צעבראַכן ווערן, ביים צעפּלאַצן.
טשובעקל — forelock.
טשיקאַווע — מאָדנע, אינטערעסאַנט, נייגעריק.
טשעמאָדאַן — valise.

## י

יאַדישלעווער — מיט אַ קורצן אָטעם, אַסטמאַטיקער.
יאַרעדן — איינעסן זיך אין עמעצן, פאַרוואַרפן, to nag.
יאַמשעווער — of bamboo.
יאַריד — יאָרמאַרק, fair.
ידים — הענט, גרויסע הענט.
יודע-נגן — אַ קענער פון נגינה, פון זינגען אָדער שפילן.
יישוב — אַן אָרט וואו עס וואוינען מענטשן.
יללה — גרויס געוויין.
ימח-שמוניק — ווילדער, פאַרדאָרבע-נער.
ימים-נוראים — „מוראדיקע טעג", די טעג פון ראש-השנה און יום-כיפור.
יצר-הרע — שלעכטער ווילן.
יצר-טוב — גוטער ווילן.
יראת-שמים — גאָטספאָרכטיקייט, מורא פאַרן הימל, פרומקייט.

## כּ

כּוונה — מיין, איבערגעבנקייט, חשק, ציל.
כּיבוד-אָב — דאָס אַכטן דעם פאָטער, די מצווה פון אַכטן דעם פאָטער.
כּיוון — (מיט אַ) קלאָרן ציל, ספּע-ציעל, אומישנע.
כּישוף — sorcery.
כּך-הווה — אַזוי איז טאַקע געשען.
כּל-בוניק — עמעצער מיט אַ סך חסרונות, יונגאַטש.
כּל המינים — אַלע מינים, אַלע סאָרטן.
כּל השבועות — אַלע שבועות, אַלע שווערענישן.
כּלי קודש — אַלע וואָס פאַרנעמען אַ רעליגיעזן אַמט: רב, חזן, שוחט און אַנד.
כּפול-שמונהדיק — צונויפגעדרייט פון אַכט פעדעם, געדריידלט.
כּתה — גרופּע, קלאַס.
כּתב — אופן שרייבן, האַנטשריפט, שריפט, דאָקומענט.

## כ

כאַדאַראַם (גיין) — גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ, טומלען זיך, קאָכן זיך, מישן זיך.
www.libtool.com.cn
כאַלאַט — שלאָפראָק, לאַנגער און ברייטער שטוביקער בגד.
כאַליאַסטרע — לוסטיקע, טומלדיקע קאָמפּאַניע, חברה, גרופּע.
כלעבן — באמת, אויף צום אמתן, איך זאָל אַזוי לעבן.
כוואַט — אַ יונג אַ ברען, העלד, שטאַר-קער, בריה.

## ל

לא-די — נאָך ווייניק וואָס.
לאָדן — shutter.
לאחר המעשה — נאָך דער מעשה, נאָך דעם, נאָך אַלעמען.
לאיבוד (גיין) — פאַרלאָרן גיין, אין ניוועץ גיין.
לאָץ — lapel of a coat.
לאָשעקל — יונג פערדל.
להבדיל — „צו מאַכן אַן אונטערשייד" צווישן צוויי זאַכן, וואָס מע פאַר-גלייכט און וואָס זיינען דאָך ניט גלייך, למשל, ביי דערמאָנען צוזאַמען אַ הייליקע זאַך און אַ געווייגלעכע זאַך, אַ ריינע זאַך און אַ שמוציקע זאַך.
לויטער — גאָר, בלויז, ריין.
ליטקעס — די מוסקלען פון די פיס, calves.
ליטזעליקייט — גוטסקייט, רחמנות-דיקייט.
לינד — מילד.
לכתחילה — פון אָנהייב.
למאי — פאַר וואָס.
למען השם — אין גאָטס נאָמען, אומ-באַדינגט, אַן אויסדרוק ביים בעטן.
לעתיד לבא — פאַר דער צוקונפט; ווען משיח וועט קומען.
לץ — אָפּלאַכער, וויצלינג, פריילעכער שדל, טייוול.
לרוב — אַ סך.
לשון-קודש — העברעאיש.
לשם מצווה — צוליב אַ מצווה.

## מ

מאה — הונדערט.
מאַיאָנטקעס, פאַרמעגנס, estates.
מבטיח זיין — צוזאָגן.
מגושמדיק — גראָב, אומגעלומפּערט.
מגע-ומשא — באַריר, פאַרקער, שייכות, קאָנטאַקט.
מדרגה — שטאַפּל, גראַד.

מוחל זיין — אַנטשולדיקן, פאַרגעבן.

מוחלדיק — אין דער שטימונג פון מוחל זיין.

מונדיר — אוניפאָרעם.

מוסיף זיין — צולייגן.

מוסר — שטראָפרייד.

מופלג בתורה — גרויסער למדן.

מוצאי יום-כיפור — דער אָוונט נאָך יום-כיפור.

מוראַשקעס — ants.

מזוזה — אַ שטיק פאַרמעט מיט געוויסע פסוקים פון דער תורה, אין אַ שיידל, צוגעקלאַפּט צו דער זייט פון דער טיר.

מזיק — שעדיקער, צעשטערער, שטיפער, ענערגישער.

מזמור (ווי...) — גלאַטיק, גיך, ווי דאָס וואָס מע קען גוט אויף אויסווייניק.

מחבר — אויטאָר, צונויפשטעלער פון אַ ווערק.

מחותן — קרוב; דער וואָס האָט אַ שייכות; די עלטערן פון מאַן און ווייב זיינען צווישן זיך מחותנים.

מחזור — אַ סידור מיט די יום-טובדיקע תפילות.

מחיה נפשות — זייער גוט, דערקוויקעניש פאַרן האַרצן; דאָס וואָס עס מאַכט לעבעדיק.

מחילה — אַנטשולדיקונג; אַנטשולדיקט.

מחשבה — געדאַנק.

מטריח זיין זיך — באַמיען זיך.

מינץ — מטבעות, געלט, coins.

מכה — וואונד.

מלא — פול, מלא גדולה — פול מיט גוטסקייט, מלא חן — פול מיט חן.

מלאך-המות — דער מלאך פון טויט.

מלוה-מלכה — די סעודה שבת-צונאַכטס.

מליץ — פאַרטיידיקער.

מנגן — מוזיקער, זינגער.

מן הצד — פון אַ זייט.

מסוכן — געפערלעך.

מענה-לשון — ניין מאָס רייד, געשליפענע צונג, גרויס מויל, זידלערייען.

מעשה... — אַזוי ווי אַ, למשל: מעשה פראַנט — אַזוי ווי אַ פראַנט.

מעשה שטן — צום אומגליק, אַזוי ווי דער טייוול וואָלט אונטערגעשטעלט.

מפטיר — דער וואָס ווערט אויפגערופן צו שטיין ביים פאָרלייענען דעם קאַפּיטל תנך, וואָס מע לייענט שבת אין שול נאָך דער פרשה פון דער וואָך.

www.jibtool.com.cn

מפסיק זיין — איבעררייסן דאָס דאַוונען אָדער דאָס לערנען.

מציאה — bargain.

מצליח זיין — זיין גליקלעך, האָבן גליק.

מצרף זיין צו אַ מנין — צורעכענען צו די צען יידן וואָס שטעלן צונויף אַ מנין צום דאַוונען.

מקוים ווערן — פאַרווירקלעכט ווערן, ווערן אַ פאַקט.

מקום פרנסה — אַן אָרט וואו מע קען האָבן פיינע פרנסה.

מקח — פרייז.

משומד — געשמדטער.

משומדת — געשמדטע.

משמיינס געזאָגט — אויך מיר...; אַז אַך און אַז ווי; וואָס איז שוין פאַראַן צו זאָגן.

משכיל — אויפקלערער, געבילדעטער, אָנהענגער פון וועלטלעכער בילדונג.

משמח זיין זיך — זיך פרייען, זיך אַמוזירן.

משמעות — מסתמא, אַפנים, עס איז אָנצונעמען.

משער זיין זיך — פאָרשטעלן זיך.

מתמיד — פלייסיקער.

## נ

נאָגן — גריזשען, זייגן.

נאָפּל — navel.

נגינה — מוזיק, געזאַנג.

ניאַנטשען — to nurse.

ניחא — ליב, אָנגעלייגט.

נית-גוטער — טייוול.

ניצול ווערן — געראַטעוועט ווערן.

ניצוץ — פונק.

נמצא — קומט אויס, דרינגט פון דעם אַרויס.

נעגל-וואַסער — דאָס וואַסער אויף צו באַגיסן זיך די הענט ווען מע שטייט אויף און איידער מע מאַכט אַ ברכה.

נעלם ווערן — פאַרשווינדן.

נפש — נשמה, באַשעפעניש.

נקבה — פרוי.

נתפעל ווערן — פאַרוואונדערט ווערן, באַגייסטערט ווערן, אַנטציקט ווערן.

## ס

סאַטולעוואַטע — איינגעבויגענער, מיט אַ ביסל אַ רונדן רוקן.
סאַמע... — נאָר, בלויז, למשל: סאַמע גויים — נאָר גויים.
סברה — מיינונג, מעגלעכקייט, supposition.
סגולה — מיטל, וואונדער-מיטל; אַ מיטל קעגן אַ קראַנקייט, קעגן אַ צרה.
סומנע — אומעטיק, טרויעריק, אום-היימלעך.
סוסים — פערד.
סטאַטיקעס — פאָלגעדיקע קינדער, שטילע קינדער מיט גוטע מאַנירן.
סטאַטעטשנע — רואיק, געלאַסן, פאָל-געדיק, מיט גוטע מאַנירן.
סטאָליער — joiner, carpenter.
סטירדעס — ביזקייט, עקשנות, אויף צו-להכעיס.
סטענגע — באַנד, ribbon.
סכנות-נפשות — לעבנס-געפאַר, גע-פאַר, שרעק; לעבנסגעפערלעך, שרעקלעך.
סלאָי — jar.
סלופּ — זייל.
סמאָלע — tar.
סמיטשיק — bow of a fiddle.
סמעטענע — sour cream.

## ע

עבירה — זינד, אַן עבירה (אַ נאָמען פון אַ זאַך) אַ שאָד...
עגמת נפש — האַרצווייטאָג, פאַרדראָס.
עד היום הזה — ביז צום היינטיקן טאָג.
עובדא — אַרבעט, אויפטו, פליכט, פונקציע.
עובר בטל — ניט אין גאַנצן ביים פולן זינען, ניט אין גאַנצן קלאָר אי-בער אַלטקייט.
עובר זיין — טאָן אַן עבירה, איבער-טרעטן אַ געזעץ.
עילוי — עמעצער מיט אויסערגעוויינ-לעכע פעאיקייטן, prodigy.
עבברוש — יונגאַטש, ווייסער-חברהניק.
על-חטא — אַ תפילה יום-כיפור, ביי וועלכער מע שלאָגט זיך מיט דער האַנט אין האַרצן.
עליו-השלום — „שלום איבער אים", ביים דערמאָנען אַ טויטן.

www.libtool.com.cn
עלפנביין — ivory.
עמוד — דער אָרט וואו דער חזן שטייט ביים דאַוונען.
ערב זיין — גאַראַנטירן, פאַרזיכערן.

## פ

פּאָדעשוועס — זוילן, soles.
פּאַוואָלינקע — פּאַמעלעך, לאַנגזאַם.
פּאָווידלע — ביליקער מין איינגע-מאַכטס פון פלוימען.
פּאָטראַווועס — מאכלים, געשמאַקע שפּייזן, דעליקאַטעסן, גוט צוגעגרייטע שפּייזן.
פּאַכוועס — armpits.
פּאָליש — דאָס פּאָדערהויז פון אַ שול אָדער פון אַ בית-מדרש.
פּאָלע — ברעג פון אַ מלבוש.
פּאָפּעריק — across.
פּאַראָם — pram, ferry.
פּאָרען זיך — אַ לאַנגע צייט זיך פאַר-נעמען מיט עפּעס.
פּאַרענטשע — hand-rail.
פּאַרקען — שטויסן, שטופּן, שטעכן.
פּגם — פעלער, פלעק, חסרון.
פּדיון — לייזונג, דאָס געלט וואָס מע קריגט פאַר סחורה.
פּוד — פערציק פונט.
פּוכקע — ווייך.
פּיאַטע — heel.
פּיסקלען זיך — מאַכן העוויות, קאָמיש דרייען מיט די ליפּן, פאַרקרימען דעם פּנים.
פּיסקעס מאַכן — וויינען, מאַכן גרי-מאַסן.
פּירוש — דערקלערונג.
פּליוט — צוים, פּאַרקאַן.
פּליאַמע — פלעק.
פּליסן — of velveteen.
פּליעסקען — פּאַטשן מיט די הענט, אַפּלאָדירן.
פּרא-אדם — ווילדער מענטש.
פּראָשעק — פּולווערל, powder.
פּריסטאַוו — פירער פון דער אָרטיקער פּאָליציי אין צאַרישן רוסלאַנד.
פּריקרע — מאָדנע, אַ ביסל עקלדיק, אומאָנגענעם, אָפּשטויסנדיק.
פּרעגלען — to fry.
פּרשה — אַ טייל פון חומש וואָס איז באַשטימט פאַר אַ וואָך.

## פ

פאַסאָליעס — בעבלעך, beans.

פאַרגאַפּט — פאַרוואונדערט, פאַרטראַכט.

פאַרדומפּן — טעמפּ, פאַרשטיקט, ניט הילכיק.

פאַרטאַכטאַרעז — פאַרוואַרפן, פּטרן, פאַרבאַהאַלטן.

פאַרכּישופן — to bewitch

פאַרנאַדען זיך — אַריינקלייבן זיך ערגעץ און דאָרטן בלייבן אַ לענגערע צייט ; זיך צוגעוויינען ; זייער אָפט אַריינקומען.

פאַרסאַפּעט — אָטעמט שווער.

פאַרסמאַלצעוועט — פאַרפעטטסט.

פאַרקנייטשן דאָס דאַווענען — ניט לייגן קיין אַכט אויפן דאַוונען, ניט דאַוונען, דורכלאָזן שטיקער ביים דאַוונען.

פאַרשמאַכט — פאַרטריקנט, פאַרחלשט, אָפּגעשוואַכט פון הונגער און דאָרשט.

פון יוצא וועגן — ווי ניט איז טאָן, אָפּפּטרן, טאָן אַן אַן אינטערעס.

פייל אויסן בויגן — אַזוי גיך ווי אַ פייל פליט וואָס ווערט אַרויסגעשאָסן פון בויגן.

פליי — fleas.

פערשקע — peach.

## צ

צאַנקען — אויסגיין (וועגן אַ ליכט).

צדיק אין פעלץ — פאַלשער צדיק, עמעצער וואָס מאַכט זיך פאַר אַ צדיק.

צדקנית — אַ פרוי אַ צדיק.

צוואָגן — וואַשן און זייפן די האָר.

צוואה — will.

צונויפזשעברעוועז — צונויפנעמען, צונויפנעמען אין הויפן.

צוסטאַרען זיך — באַמיען זיך.

צוקרעמפּעווען — פעסט צובינדן, צובינדן, צופעסטיקן.

צידה לדרך — שפּייז אויפן וועג.

ציצה — אין דעם יידנס אָנטאָן האָבן געדאַרפט זיין פיר ציצות, פיר פראַנזן, צונויפגעדרייט אויף אַ ספּעציעלן אופן פון וואָלענע אָדער זיידענע פעדעם.

צניעותדיק — פרום, זייער באַשיידן, chaste.

צעלאַמעט — לאָם, הינקעדיק.

צעפּאַטלט — צעלאָזן ; צעשויבערט ; צעפּאַטלטע האָר — האָר אין אומאָרדענונג.

www.libtool.com.cn

צער-בעלי-חיים — מיטגעפיל צו לעבעדיקע באַשעפענישן.

## ק

קאַווענעס — watermelons.

קאַטאָוועס — שפּאַס, וויץ, ניט ערנסט.

קאַטשען זיך — קייקלען זיך, זיך באַוועגן ווי אַ קאַטשקע.

קאַטשערע — oven-fork.

קאַכלעפל — דער וואָס האָט ליב זיך צו מישן אין געזעלשאַפטלעכע זאַכן, וואָס היצט זיך און קאָכט זיך.

קאַליע — צעבראָכן, קראַנק.

קאַנדעליאַברעס — chandeliers.

קאַפּ — אַ טראָפּעלע, אַ ביסעלע.

קאַפּטלעך — מיידלשע בלוזקעס.

קאַרעלן — beads.

קאָשיק — קערבל, basket.

קאַשקעט — היטל, cap.

קבלה — די יידישע מיסטיק, mysticism.

קברים רייסן — מאַכן גוואַלדן, זייער שטאַרק וויינען אויף קברים פון צדיקים אָדער אָבות.

קבר ישראל — אַ קבר אויף אַ יידישן בית-עולם, אַ קבר וואו עס איז באַגראָבן אַ ייד נאָך די געהעריקע דינים נאָך.

קדושים — הייליקע, מענטשן וואָס זיינען אומגעקומען פאַרן גלויבן.

קדמונים — אַלטע, פאַרצייטיקע. פון קדמונים — פון פאַרצייטן.

קהלן זיך — מישן זיך אין געזעלשאַפטלעכע זאַכן.

קודם — צו ערשט, פריער.

קוועקזילבער — quicksilver.

קוילעטש — חלה, געפלאָכטענע חלה.

קונדס — שטיפער, ווייסער-חברהניק, יונגאַטש.

קופּע — אַן אָנגעוואָרפן בערגל, pile.

קידוש-השם — דאָס אָפּגעבן דאָס לעבן פאַרן גלויבן.

קיימא-לן — סך-הכל, אין גאַנצן, אַזוי פיל ווי.

קילבלעך — אַ ביסל קיל.

קלויז — בית-מדרש, קליינע שול.

קלייט — קראָם, געוועלב.

קנאָפּ אין גאַרגל — Adam's-apple.

קעלניע — driver's seat, coach-box.
קריאת-שמע — די תפילה פאַרן שלאָפן גיין.
קרישטאָלן — of crystal.
קרעל — אַ קראַץ, אַ קראַץ מיט אַ נאָגל.
קשה — שווער, אומקלאָר, אומפאַר-שטענדלעך.

## ר

ראַגאַזשעס — mats.
ראַטע — איינצאָלונג אין אַ טערמין, instalment.
רבנות — די פּראָפעסיע פון אַ רב.
רוח — גייסט, טייוול, שד.
רומל — פּאַק, געמיש פון פאַרשיידענע סחורות, געמיש פון פאַרשיידענע אַרטיקלען.
רופא — פעלדשער, barber-surgeon.
רחבות — ברייטקייט.
רייניקייט — ספר-תורה.
רימפּלען — שלעכט שפּילן, סתם ציען די סטרונעס.
רכילות — gossip.
רענדאַר — אַרענדאַר, פּאַרמער, פּאַכ-טער.
רעפּעטיציע — rehearsal.
רעש — גערויש, טומל.

## ש

שאַנעווען — זשאַלעווען, אָפּהיטן.
שבח — לויב.
שבעה זיצן — טרויערן זיבן טעג נאָך אַ טויטן; מע זיצט דערביי אויף נידעריקע בענקלעך.
שד — טייוול.
שוכן-עפר — געשטאָרבענער.
שומר ומציל זיין — באַשירעמען און באַשיצן, ראַטעווען.
שופר של משיח — דער שופר פון משיחן.
שטאַל — stable.
שטיוואַלעס — גרויסע שטיוול.
שטיוולעטן — אייבערשטע טיילן פון שטיוול.
שטעלכל — stand.
שטשירען די ציין — אַרויסשטעלן די ציין, הירזשען, לאַכן.
שייט האַלץ — שטיק האָלץ.
שירה — געזאַנג, לויבגעזאַנג צו גאָט.
שלאָגן בלאָטע — אָפּמאַכן עפּעס אין געהיים, מאַכן אַן אָפּמאַך מיט ניט קיין ערלעכן ציל.

www.libtool.com.cn
שלום אָפּגעבן — זיך באַגריסן.
שליחות — שיקונג, message.
שלל — גאָר אַ סך.
שמאַכטן — ווערן שוואַך, דאַרן, אויס-גיין פון בענקעניש, to languish.
שם-דבר — אַ באַרימטער מענטש, אַ באַרימטע זאַך.
שמונה-עשרה — דער טייל פון דאַוונען ביי וועלכן מע מוז שטיין און האַלטן די פיס גלייך איינער ביים אַנדערן.
שמייסער — געדונגענער אַרבעטער ביי אַ פורמאַן.
שמע-ישראל — די ערשטע צוויי ווער-טער פון דעם אויסרוף מיט וועלכן יידן גייען אויף קידוש-השם: שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד — „הער, ישראל, יהוה איז אונדזער גאָט, יהוה איז איינער".
שניטקראָם — אַ קראָם וואו מע פאַר-קויפט שטאָפן.
שעלכל — טעצל, saucer.
שעמערירן — גלאַנצן, בלישטשען, שפּיגלען זיך אין פאַרשיידענע פאַרבן.
שערבל — שטיקל פון אַ צעבראָכענער כלי.
שפּאַקטיוו — טעלעסקאָפּ.
שפּאַרונקע — אַ שפּעלטל.
שקאַפּע — קליאַטשע, mare.
שקראַבעס — אַלטע שיך, שטעקשיך.
שרעטעלעך — goblins.
שרצים — קריכיקע באַשעפענישן, reptiles.
שררות — פּריצים.

## ת

תבואה — grains.
תהלים — psalms.
תחילת — אין אָנהייב.
תכריכים — קליידער פון ווייסצייג אין וועלכע מען איז מקבר די טויטע.
תלין — דער וואָס פירט אויס דעם פּסק-דין, דעם אורטייל צו טייטן; זייער אַ שלעכטער מענטש.
תם — נאַאיווער, נאַר.
תנאי — באַדינג, term, condition.
תענוג — פאַרגעניגן.
תענית — אַ טאָג פון פאַסטן.
תקיעת-כף — הייליקער צוזאָג, דאָס געבן פייערלעך די האַנט.
תקיף — יחסן, דעה-זאָגער.
תשובה טאָן — to repent.
תשעה באב — דער פאַסטטאָג צום אָנדענק נאָכן חורבן פון בית-המקדש.

www.libtool.com.cn

# אינהאַלט

## ערשטער טייל זייטן 3—116


זייט

1. פאַר וואָס עפּעס „פונעם יאַריד" — 5
2. די שטאָט — 9
3. טאַטע־מאַמע — 11
4. שמואליק דער יתום — 15
5. אוצרות — 19
6. דער רב אין גן־עדן — 23
7. שמואליק ווערט פאַרשוואונדן 28
8. מאיר מעדוועדעווקער — 31
9. פאַרלוירן נאָך אַ חבר — 35
10. חבר „סירקאָ" — 38
11. דער יצר־טוב און דער יצר־הרע — 43
12. פייגעלע־אַשמדאַי — 49
13. די משפחה — 56
14. משנה מקום — משנה מזל 63
15. גערגעלע־גנב — 72
16. זיי געזונט, וואַראַנקאַ! — 77
17. די נסיעה — 83
18. אין דער נייער היים — 90
19. די גרויסע שטאָט — 94
20. בין־הזמנים — 100
21. מלמדים און לערערס — 105
22. די בר־מצווה — 113


## צווייטער טייל זייטן 117—205


זייט

23. די ערשטע ליבע — 119
24. די כאָלערע — 125
25. ביים טייך דניעפּער — 131
26. אַ שיינער ברוך־הבא — 139
27. צווישן פעלצן — 145
28. ימים־נוראים און סוכות — 151
29. אויס יום־טוב — צוריק אַהיים — 158
30. אויפן בענקעלע ביים טויער 164
31. די „פענסיע" — 173
32. דער יצר־הרע פון פידל — 180
33. לא תגנוב! — 184
34. דעם חזנס מיידל — 192
35. דער קריזיס — 200

ווערטערביכל — זייטן 206—214

www.libtool.com.cn